STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03614

GEZAMLTE VERK

Hersh David Nomberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. ד. נאָמבערג

געזאמלטע ווערק

דריטער באנד

✱

פארלאג „קולטור־ליגע”, ווארשע

ה. ד. נאָמבערג

ערצײלונגען

דריטער באַנד

*

Books Printed in Poland

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, װאַרשע

Copyr. by Kultur-Liga, Warsaw

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלארן. װארשע. 1926
דרוק. מילנער און שיקאָרא, װארשע, נאָװאָליפּקי 6

H. D. Nomberg — Ercajlungen
Wyd. Kultur-Liga, Warszawa 1926
Druk. Mylner i Sikora, Nowolipki 6

אינהאַלט

זייט

שייקער און שלימזל	9
אויגן	43
דער רב און דעם רבס זון	63
אין אַ פּוילישער ישיבה	77
צווישן טאַטע־מאַמע	99
שכנים	117
אַליין	131

שייקער און שלימַזל

I

געשרייע חברשאַפט

אַזוי ווי ביידע העלדן מײַנע עקסיסטירן נאָך אויף דער וועלט, דעריבער, כּדי זיי זאָלן צו מיר קיין טענות נישט האָבן, וועל איך זיי נישט אָנרופן מיט זייערע נעמען, און זיי וועלן הייסן ביי מיר דער איינער „שייקער", דער אַנדערער „שלימזל". זייער אויסזעהן וועל איך אייך אויך נישט אויסמאָלן: איר קאָנט זיי נאָך דערקענען, נענוג, אַז ביידע זיינען געווען בלאַסע אויפן פּנים, ביידע האָבן געהאַט רויטע אויגן, ווי זיי וואָלטן נעכט נישט געשלאָפן, און בלויע צייכנס אונטער די אויגן, אַביסל רויטליכע נעז; ביידע האָבן געטראָגן צעקנייטשטע קאַפּעלושן; צו שמאָלע אָדער צו לאַנגע, אָדער צו ברייטע, אָדער צו קורצע — הויזן און מאַנטלען, און זיינען ביידע געגאַנגען אַלע טאָג שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן.

ביידע זיינען זיי אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין קליינע שטעטלאַך, צווישן פעלדער און פלוימען־גערטנער, און האָבן שטאַרק ליב געהאַט די נאַטור. די נאַטור אָבער — אָ, די שלעכטע קאַפּריזנע פיל־געליבסטע! — האָט זיי נישט געשאָנקען קעגנליבע, זי האָט זיי פאַרטריבן פון זייערע שטעטלאַך, פאַרשטויסן פון זייערע עלטערן, אָוועקגערויבט זייער האַרצליכע אמונה און פרומקייט און האָט זיי פאַריאָגט אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע צו זוכן נייע אמונה און נייע פרומקייט און עפּעס אַ תּכלית פאַר זיך, און אויף דערווייל — דאָס איז שוין אַ מעשה פון פינף יאָר — האָט זי זיי פאַרשטופּט: איינעם שייקערן דעם רזשאָנדצע*) הויף, הויך

---

*) „רזשאָנדצע" הייסט אין וואַרשע דער, וואָס פירט די ביכער פון הויז, וואו ס'ווערן איינגעשריבן אַלע איינוואוינער.

אויפֿן פּערטן שטאָק אויף דער סמאָטשע גאַס, און פֿאַר דעם צווייטן, שלימזל דעם העבּרעאישן לערער, האָט זי געפֿונען אַן אָרט אין אַ פֿינסטערן בּוידעם־צימער — אויפֿן דריטן שטאָק אַפֿילו — אויף דער פֿראַנציסקאַנער גאַס.

װעט אייך שוין קיין וואונדער נישט זיין, אַז זייערע הערצער האָבּן זיי געצויגן אין זאַקסישן גאָרטן אַריין צו שעפּן אַבּיסל פֿרישע לופֿט — זיי האָבּן בּיידע אַבּיסל אונטערגעהוסט — אָנזעטיגן דאָס אויג מיט די גרינע בּלעטער אויף די בּוימער, מיט דעם פֿרישן גראָז, מיט די שיינע בּלומען און טאַקע זיך אויך גוט צוקוקן מיט האַלבּ־צוגעקנייטשטע אויגן — זיי זיינען בּיידע קורצזיכטיג געווען — צו די שיינע, וועלטבּאַרימטע וואַרשעווער „פּאַנגעס“ און אַרומריידן וועגן זייער גאַנג און שיק, און דערבּיי אויך אַבּיסל פֿילאָזאָפֿירן — זיי זיינען בּיידע זעהר בּאַלעזן געווען — וועגן פֿאַרשיידענע, פֿאַרשיידענע זאַכן, ווי למשל, וועגן קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם, וועגן רעאַליזם און סימבּאָליזם, וועגן שיינהייט, קונסט און נאָך און נאָך — מיט איין וואָרט: וועגן אַלעם, אויף וואָס די וועלט האָט אַ קיום און וואָס בּאַקרוינט און בּאַשיינט דאָס מענשליכע לעבּן.

אַ זומער־טאָג אַזיינער פֿינף בּייטאָג. וואַרשע קאָכט און רוישט, דראָזשקעס קלאַפּן אויפֿן בּרוק, טראַמווייען קלינגען און מענשן לויפֿן משוגענערווייז, פֿאַרהאָרעוועט און פֿאַרשוויצט, די לופֿט איז שווער, די פֿראַנציסקאַנער גאַס איז פֿול ריח פֿון לעדער, אַזש דערשטיקט צו ווערן, אויף דער סמאָטשער גאַס שטינקט, בּמחילה, גלאַט אַזוי, עפּעס אַן אויסמישונג פֿון אַלערליי נישט־ליבּליכע ריחות; פֿון וואָליע־זייט טראָגט זיך אַ רויך פֿון די פֿאַבּריקן, דער הימל איז שוואַרץ־חושך... דעמאָלט, וואָס פֿאַר אַ חיות איז דאָס צו דערמאָנען זיך אָן דעם זאַקסישן גאָרטן מיט זיינע זיבּן טויערן, וואָס גייען אַרויס אויף אַלע זייטן פֿון דער וועלט, מיט זיינע הויכע בּוימער און גרינע בּלעטער, פֿריש גראָז און קילער לופֿט!

און שייקער און שלימזל זיינען טאַקע געגאַנגען, וואוהין זייערע הערצער האָבּן זיי געצויגן; דורכגעטרעטן אַלע אַלייען, אויסגעמאָסטן אַלע גלייכע און קרומע שטעגן, געזעצט זיך אָפּרוהען אויף אַ בּאַנק און געשמועסט און פֿאַרבּראַכט די צייט.

טײלמאָלס זײַנען זײ זיך פֿאַרמיאוסט געוואָרן אײנער דעם אַנדערן. און שײקער האָט זיך אָנגערופֿן צו שלימזלן:

— איך בעט דיך, שלימזל, וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון דיר? זאָג מיר...

— און פֿון דיר, וואָס וועט זײַן דער סוף, שײקער? שוין פֿינף יאָר דאָ אין וואַרשע, און צו גאָרנישט זיך נישט צוגעשלאָגן. אַ חרפּה און אַ שאַנד, ס׳פּאַסט נישט פֿאַר אַ מענטשן אַזוי זיך אָפּצולאָזן...

— הײסט דאָס, דו ווילסט מיר מוסר זאָגן, שלימזל? און דו וואָס טוסט? גיסט העברעאישע לעקציעס צו דרײַ רובל אַ חודש — אַ פּרנסה! אַ תּכלית! מען קאָן נישט זאָגן...

שלימזל האָט זיך פֿאַרטראַכט אַביסל און געזאָגט:

— אַזוי, פֿאַרשטײסטו מיך, די צרה איז, וואָס איך קאָן מיך נישט דערשלאָגן אָנשטענדיק אָנצוטון. וואָלט איך געגאַנגען שײן אָנגעטאָן, וואָלט איך באַקומען לעקציעס צו זעקס רובל און אַפֿילו צו צען רובל אַ חודש. ווי קומט אָבער די קאַץ איבערן וואַסער? אַ פֿאַרכּישופֿטע ראָד, פֿאַרשטײסט דו מיך: נישטאָ קײן געלט, נישטאָ זיך אָנצוטון; נישטאָ זיך אָנצוטון, נישטאָ קײן געלט. איך האָב אָבער נישט רעזיגנירט, איך וועל זיך אַן עצה געבן, אַזוי אָדער אַזוי: איך וועל מיך אַרויסדרײען, דו אָבער ליגסט און פֿוילסט אין דער בלאָטע, און גאָרנישט, נישט דײַן דאגה...

— וואָס ביסטו מיר עפּעס פּלוצלינג אַזוי פּעסימיסטיש געוואָרן, שלימזל? די פֿאַרכּישופֿטע ראָד האַלט אונדז בײדן. אַז איך וואָלט געווען אָנשטענדיק אָנגעטאָן, וואָלט איך באַקומען אַ רושאָנגרצערײַ אויף פֿערציק און אפֿשר אויף פֿופֿציק רובל אַ חודש. וואָלט מען געלעבט, שלימזל, ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך! וואָס טויג מיר אָבער דאָס רײדן? קײן געלט, ברודער, איז נישטאָ, און דעם קאָפּ צו צעברעכן און צו דאַגענען לוינט נישט. זאָג ביסטו און אין זאַקסישן גאָרטן זיצסטו און די זון שײַנט — אַ פֿאַרגעניגן. וואָס פֿעלט דיר, נאַר?

— אַ פּוסט לעבן... האָט שלימזל געזיפֿצט:

— עוזר דלים, הושיעה נאָ — האָט שײקער אונטערגעזונגען.

— גײ צום טײַוול! — האָט שלימזל געברומט בײז.

— אַליין!

— דו ביסט מיר דערעסן געוואָרן, ווי ביטערער רעטעך.

— און דו מיר, ווי ביטערער רעטעך געמישט מיט קאַנדל־צוקער — האָט שייקער זיך געוויצלט.

— איך קאָן דיין פּרצוף נישט ליידן.

— און איך דיינס אַוודאַי און אַוודאַי נישט.

אַזוי פלעגן זיך שייקער מיט שלימזלען צעקריגן, און, פאַרשטייט זיך, באַלד זיך איבערבעטן, און גיין כסדר שפּאַצירן טאָג ביי טאָג, סיי יום־טוב, סיי שבת, סיי אַ וואָכן־טאָג, אָהן שום אונטערשייד.

טרעפט אַמאָל, גייט שייקער דער רושאָנדרצע איינמאָל דורך די אַלייע, וואו זיי פלעגן זיך טרעפן, גייט אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל — שלימזל, דער העברעאישער לערער, איז נישטאָ. גייט ער אים זוכן אין אַנדערע אַלייען, נעמט רעכטס, נעמט לינקס, קוקט זיך אויס די קורצזיכטיגע אויגן; וואו אַ צעקנייטשטער קאַפּעלוש וויזט זיך פון דער ווייטן, שפּאַנט ער אַהין מיט גרויס איילעניש, קוקט יענעם אין די אויגן אַריין, און דערוויסט זיך זיין טעות. זעצט ער זיך צו אויף אַ באַנק, וואַרט און וואַרט — בחנם! שלימזל איז נישטאָ.

„וואו איז שלימזל?" — וואונדערט ער זיך — „וואו איז ער אַהינגעקומען, דער משוגענער?" —

„דער משוגענער" איז אָבער נישט געקומען דעם צווייטן און אַ דריטן טאָג. שייקערן ווערט לאַנגווייליג, דער זאַקסישער גאָרטן פאַרלירט דעם גאַנצן חן אין זיינע אויגן. נישטאָ וואָס צו טון, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט צו ריידן. אומעטיג. „אַ מעשה־פּלא" — טראַכט שייקער פאַר זיך, זיצנדיג אויף אַ באַנק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, שטאַרק פאַרקלערט — „מ'קען זיך מיט אַ מענטשן שוין אַ צייט־לאַנג און מ'ווייסט אַפילו נישט, וואו ער וואוינט און וואו אים צו געפינען! וואָלט איך כאָטש געוואוסט, ווי ער הייסט אויפן יידישן נאָמען, וואָלט איך אים געקאָנט געפינען אין „אַדרעסנע סטאָל". ווער ווייס, וויפיל פאַמיליעס „שלימזל" עס זיינען דאָ אין דעם גרויסן תהום וואַרשע?!"

סוף כל סוף, איז ער יאָ אַרייַנגעגאַנגען אין „אָדרעסנע סטאָל״. מ׳האָט אים טאַקע אויפֿן צעטל אויפֿגעשריבן עטליכע אַדרעסן פֿון „שלימזלס״, נאָר אַ זיבן־און־צוואַנציק יאָריגער צווישן זיי איז געווען נאָר איינער: נחן־נטע שלימזל אויף סמאָטשע גאַס נומר... און דאָס, האָט ער זיך שוין אַליין משער געווען, מוז זיין טאַקע ער, זיין חבר, שלימזל.

געגאַנגען איז ער צו אים איינמאָל און האָט אים נישט געטראָפֿן, נאָר אויף מאָרגן האָט ער זיך געפֿעדערט, און אַזיינער ניין אין דערפֿריה האָבן זיך שוין די צוויי חברים געפֿונען צוזאַמען אין שלימזלס צימער. שלימזל איז געלעגן אויף זיין בעט, צוגעדעקט מיט אַ פּאַלטאָ, פֿון וואַנען די פֿיס האָבן אַרויסגעשטעקט ביז איבער די קנעכלאַך, מיט צעשויבערטע האָר, און האָט געהאַט זעהר אַן אומעטיק אויסזעהן, קענטיק, עפּעס אַ גרויסער פֿאַרדראָס האָט אָנגעפֿילט זיין האַרץ.

— אַ, זאָלסטו געשעריגט ווערן, שלימזל! — האָט אים שייקער געמינטערט — וואו ביסטו פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַזעלכע לאַנגע יאָרן?! כ׳האָב שוין געמיינט דיך צו טרעפֿן אויף אַ שטריק אויפֿגעהאַנגען אָדער אין בעט ליגן אַ פֿאַרסמטער!

— הלואַי וואָלט אַזוי געווען — האָט שלימזל געזעדט אונטער דער נאָז.

— גיי שוין, גיי, דו באָבע דו, וואָס קרימסטו זיך? דערצייל בעסער, וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען? גאָרנישט איז געשען: מ׳האָט מיך נישט אַרייַנגעלאָזט אין זאַקסישן גאָרטן אַריין.

— ווי הייסט, מ׳האָט דיך נישט אַרייַנגעלאָזט? ווער האָט דיך נישט אַרייַנגעלאָזט און פֿאַרוואָס?

— פֿאַרוואָס? — פֿאַר גאָרנישט. מיין קאַפּעלוש איז נישט געפֿעלן...

— אַ־האַ... אַ—זוי...

— גאָר פּשוט. איך קום צו, באַטראַכט ער מיך, דער, וואָס שטייט ביים טויער. קוקט מיך אָן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און פֿאַרשטעלט מיר דעם וועג — „וואָן!״ וויל איך דאָך נישט גיין, הויב אָן צו טענען: „קאַק, צשטאָ״, איך בין אַן אינטעליגענט, איך...

איך בין אַ לערער... וואָס טייטש, מיך נישט אַריינלאָזן? קוקט ער מיך נאָך אַמאָל אָן מיט זיינע נאַכאַלנע אויגן: „דער קאַפּעלוש איז ביי דיר נישט אין אָרדענונג, „באַרין״, און די קאַמאַשן זיינען אויסגעקרימט״. ער רוצט מיך גאָר! אַזאַ נאַכאַל!

— נו...

— נו... האָב איך דוקא געוואָלט אַריינגיין מיט געוואַלד, האָט מען מיך אָפּגעפּירט אין צירקל אַריין.

— נו...

— נו... ווייניג פאַר דיר? דאָס איז גאָרנישט?! געלייזט נאָך גוטע קלעפּ אין צירקל! דיר, שייקער, קאָן מען אָנשפּייען אין פּנים אַריין. אַז אַ מענש האָט פאַרלאָרן יעדע אַכטונג צו זיך!... ערגער פון אַ בהמה... טפו!

— וואָס איז ס׳געבייזער, שלימזמול? ווילסט אויסלאָזן דיין כּעס צו מיר — מהיכא תיתי! בייזער דיך...

— וואָס איז ס׳געבייזער?! וואָס בין איך, אַן אויסוואורף פון דער מענשליכער געזעלשאַפט? אַ שנאָרער? איך האָרעווע נישט?

— מילא, געלאַסן! אַן אויסוואורף פון דער מענשליכער געזעלשאַפט ביסטו טאַקע נישט, נאָר האָרעווען, צווישן אונז געשמועסט, האָרעוועסטו אויך נישט. למאַי גלאַט ריידן? וואָס האָבן מיר זיך צו שעמען, שלימזמול? מיר זיינען ביידע זעהר ענערגישע לייט, מען קאָן נישט זאָגן, והא ראיה, אַז אַ קלאָג און אַ בראָך איז צו אונזער ביידנס לעבן.

— צו וואָס ביסטו געקומען? — האָט זיך שלימזמול אָנגעהויבן צו בייזערן אויף רעכט — ווער האָט דיך געשיקט רופן? אַ מענש טשעפּעט זיך צו...

שייקער האָט זיך אויך שוין געפונען באַליידיגט אויף רעכט, אין די רויטע אויגן זיינע האָבן זיך אַזש טרערן געשטעלט. ער האָט גענומען גלייך מאַכן דעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, אַ סימן, אַז ער איז גרייט צו גיין. שלימזמולען, אַפּנים, האָט זיך אויך נישט געוואָלט אָפּרייסן מיט שייקערן, און ער האָט גענומען ריידן מיט אַן אַנדער טאָן.

— קאָנסטו דיר דען פאָרשטעלן, וואָס דאָס איז פאַר אַ באַליידיגונג, וואָס דאָס איז פאַר אַן ערנידערונג! גאָט דו מיינער,

איך בין דאָך עפּעס אַ מענש מיט געהירן, מיט געראַנקען, מיט געפילן. וואַרפט מען מיך אַרויס ווי אַ הונט אונטער דער טיר! איך ברויך מיך נישט צו געפינען צווישן דער אָנשטענדיגער געזעלשאַפט! איך... איך וועל זיי באַשמוצן, נישט אָנרירנדיג זיך אַפילו אָן זיי! איך האָב געוויינט פאַר בושה, מיט טרערן געוויינט, ווי אַ קליין קינד געוויינט.

שייקערס קאַפּעלוש האָט זיך צוריק פאַררוקט אויף אַ זייט, אַ סימן, אַז ער בלייבט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו זיין חבר אויפן בעט און האָט אים אויסגעמאָסטן מיט אַ ליבליכן, צאַרטן בליק.

— ווייסט, שלימזול, איך האָב נאָך דיר געבייגקט, די גאַנצע צייט קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען, עפּעס האָסטו מיר געפעלט.

— טאַקע? — האָט שלימזול איבערגעפרעגט און האַלב זיך אויפגעזעצט אין בעט. אַ ראַרע איינגעפאַלענע ברוסט האָט זיך אַרויסגעזעהן פון אונטער דעם ברודיגן העמד.

— ווי דאַר דו ביסט, שלימזול! — האָט שייקער געזאָגט.

— און דו, מ'שטיינס געזאָגט, ביסט פון די גרויסע ברויגים.

— דו הוסט נאָך אַלץ?

— אַביסל; און דו?

— אַזוי...

שלימזול האָט זיך אינגאַנצן אויפגעזעצט, שייקער האָט זיך נעהענטער צוגערוקט.

— גוט כאָטש, מ'האָט איין נאָהענטן מענשן — האָט שייקער געזאָגט — אָט האָב איך נאָך דיר געבייגקט, האָב איך דאָך פאָרט עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַ לעבעדיגן מענשן.

— וואָס מיינסטו, שייקער? ס'איז נישט אַזוי?

— הער, שלימזול, לאָמיר ווערן גוטע פריינט; וואָס טויג מיר דאָרט די געשעפטן, גיב דיין לאַפּע!

שלימזול האָט שעמעוודיג, ווי אַ מיידל, דערלאַנגט די האַנט, שייקער האָט צוגעבויגן זיין בלאַס פּנים צו שלימזולס בלאַס פּנים, צוויי רויטליכע נעז מיט צוויי פּאָר רויטע אויגן מיט בלאַסע פּאַסן אונטער. זיי האָבן זיך באַגעגנט, און זיי האָבן זיך צעקושט.

אַם אַזוי האָבן שייקער און שלימזל צווישן זיך כּורת־ברית געווען אויף גוט־פריינטשאַפט און האָבן זיך ליב ביז היינטיגן טאָג אהבת־נפש, ווי אַ חתן־כּלה, ווי אַ יונג פריש פּאָר־פאָלק, וואָס שפּראָצט מיט גליק און נחת איינער פאַר דעם אַנדערן.

II

אַ דריטע צום רימל

אויף צפון־זייט פון וואַרשע, באַלד אונטער די רווישנדיגע נאַלעווקעס, ציהען זיך ווייטע ברייטע לאַנקעס, דאָס איז דער ראַיאָן פון פעסטונג. די שטאָט ווערט אויף דעם אָרט אָפּגעריסן פּלוצלינג, ווי מיט געוואַלד, און די הויכע פיל־גאָרנדיגע הייזער קוקן אַרויס גלייך אויף די גרינע, נישט־פאַרבויטע און נישט־באַזייטע פעלצער. זעלטן זעהט מען דאָ אַ פוסגייער, וואָס קערט אַראָפּ פון שאָסיי און זוכט אַ נעהענטערן וועג אין שטאָט אַריין, אָדער אַ פאַרבלאָנדזשעט פערד שפּאַצירט דורך פאַמעליך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און צופּט גראָז רוהיג און אומגעשטערט. פון מזרח־זייט זעהט מען נאָך די וואַלן פון פעסטונג, וואו זעלנער גייען אויף דער וואַך אַהין און צוריק. שטיל איז און רוהיג, און דאָס גערויש, וואָס טראָגט זיך צו פון דער שטאָט, ציהט זיך איינטאָניג אַזוי, ווי דאָס גערויש פון אַ טייך.

דאָ איז אַ פאַרלאָזטע, פרייע וועלט: אַ גרינע ערד פון אונטן און אַ ווייטער ברייטער הימל פון אויבן, אַ חיות פאַרן אויג און אַ דערקוויקונג פאַר דער ברוסט אין די שווערע הייסע זומער־טעג, ווען די נאַלעווקעס קאָכן און זידן און שוויצן, און אַ איינציגע דערפרישעניש איז די לימאָנאַדע־וואַסער, וואָס יידענעס פאַרקויפן אויף די גאַסן אין ברודיגע, מיט שוויס־באַפלעקטע גלעזער.

אָט דאָ האָבן זיך אונזערע העלדן, שייקער און שלימזל, געפונען אַן אָרט צו שפּאַצירן און אויסצורוהען זיך אין גראָז, פון קיינעם נישט געשטערט.

— וואָס מיר דער זאַקסישער גאָרטן דאָרט! דאָ זאָלסטו גיין, און דאָ נישט, און דאָס זאָלסטו נישט אָנרירן און דאָ זאָלסטו נישט טרעטן, — נישט פאַר אונז, ברודער! דאָס איז אַן אָרט, פאַרשטייסטו מיך, פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס האָט ליב אַלץ צו פאַרקלאַפּן, צו פאַרמאַכן און אַרומצוצוימען. אַפילו שפּאַצירן קאָן זי גיין נאָר אין אַ שטייג, וואָס האָט טירן און שומרים ביי די טירן... אָט דאָ, שלימזל, איז אַן אָרט פאַר אַזעלכע פאַרשווינען ווי מיר. ליג און זיץ און פליק גראָז און מאַך קאָזשעלקעס, אויב דו ווילסט, מיין ליבער, אַ פרייע וועלט! ווי מיינסט דו?

אַזוי האָט פילאָזאָפירט שייקער, ליגנדיג נעבן זיין חבר אויס־געצויגן אויפן גראָז און קוקנדיג אויף מערב־זייט, וואו די פלאַ־מיגע זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און וואו קליינע וואָלקנס, באַ־צירט מיט פורפור, האָבן זיך פּאַמעליך געצויגן.

שלימזל אָבער האָט געקנייטשט דעם שטערן און געזאָגט:

— זאָג, וואָס דו ווילסט, אַז איך דערמאָן מיך אָן זאַקסישן גאָרטן, קאָכט אין מיר דאָס בלוט. נישט דעם זאַקסישן גאָרטן מיין איך, נאָר די חרפּה, די חרפּה! ווייסטו, וואָס דאָס איז טייטש אַ מענש אַרויסצוואַרפן?

און ריידנדיג אַזוי, האָט ער געקוקט אויף זיין קאַפּעלוש, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, דער זעלבער צעקנייטשטער, אויס־געריבענער קאַפּעלוש, וואָס איז דעם פּאָליציאַנט אַזוי נישט געפעלן, אַז ער האָט אים דעריבער נישט אַריינגעלאָזט אין גאָרטן.

— אַ נאַרישער צופאַל, זאָגסטו? ניין! דאָס איז געווען אַ לעקציע פאַר מיר, אַ באַלערונג. נישט דער פּאָליציאַנט האָט מיך אַרויסגעוואָרפן, נאָר די געזעלשאַפט, זי האָט מיר געשיקט זאָגן: דו ביסט אַן אָרימער יידישער יונגערמאַן, אַ שלעפּער, וואָס טויג צו גאָרנישט; נישט אונזער גלייכן ביסט דו, און מיט אונז גיי נישט שפּאַצירן צוזאַמען.

— נו, שלימזל, הער אויף מיט ריינע רייד און שפּיי, פאָלג מיך, אויף דער געזעלשאַפט און אויף די אַלע טרויעריגע פילאָזאָ־פיעס! אָט, זעהסטו, דאָס מיידל איז היינט אויך געקומען...

פון שאָסיי האָט טאַקע אין דער זעלבער צייט זיך אַראָפּגעדרייט אויף דער לאָנקע און דערנעהענטערט זיך צו אונזערע חברים אַ פרויען־געשטאַלט, די זעלבע, קענטיק, וואָס זיי האָבן די שוין עטליכע מאָל באַמערקט דאָ שפּאַצירן פאַרנאַכט. פון דערווייטנס האָט געבלישטשעט אַ פעדער פון איר הוט, און די בלוזע איז געווען ווייס, די פיגור הויך, און אַ שוואַרצער פּאַס האָט אַרומגעגאַרטלט איר טאַליע, און געגאַנגען איז זי פּאַמעליך, באַגאָסן אינגאַנצן מיט די שיפּע שטראַלן פון דער זון — פון דערווייטנס נאָר אַ שיין בילד, וואָס לאַסקעט דאָס אויג, זי איז אָבער אָנגעקומען נעהענטער, און די אָרימקייט האָט גענומען פון איר אַראָפּקוקן, דער הוט — אַלט, די בלוזע נישט זעהר געפּאַסט און נישט אַזוי ריין, ווייס ווי פריהער, און דער שוואַרצער פּאַס ערטערווייז אָפּגעריבן, דאָס יונגע פּנים — מאַט, מיד און קרייינקליך, און דער בליק — דערשראָקן, אַ מיידל איז זי געווען גראָד אַ שיינע, פון אַ יאָר צוואַנציג מיט אַ שלאַנקער פיגור, אַ דינער טאַליע און העלע האָר און העלע גרויסע אויגן, נאָר, ווי עס זעהט אויס, פון דער נויט דערשלאָגן, פאַראָרימט און פאַרזאָרגט... מיט איין וואָרט, אַ רעטעניש פאַר אונזערע חברים און אַ פּאַסיגע געזעלשאַפט דערצו.

שייקער האָט זיך טאַקע אָנגערופן צו שלימזולען און געזאָגט:

— ווייסט וואָס? מיר וועלן מיט איר מאַכן אַ באַקאַנטשאַפט.

— פאַרוואָס נישט? — האָט שלימזול געברומט אונטער דער נאָז.

— טאָ שטיי אויף, דערהויב זשע דיך.

שלימזול אָבער, אַ שעמעוודיגער און אַ צוריקגעהאַלטענער פון דער נאַטור, איז געבליבן ליגן אויפן אָרט, שייקער איז אַליין אויפגעשפרונגען פון אָרט, צוגעגאַנגען צום מיידל און פאַרפירט מיט איר אַ געשפרעך אויפן וואַרשעווער אַרט:

— ערלויבן זי, פרייליין, אין צו פרעגן: זי וואוינען דאָ? איך זעה אין אָפט שפּאַצירן.

דאָס מיידל, אין אָנהויב אַביסל דערשראָקן, האָט זיך איינגעקוקט אין שייקערן, דערנאָך זיך באַרוהיגט און געענטפערט:

— ניין, איך וואוין נישט דאָ, איך גיי דאָ שפּאַצירן, שעפּן פרישע לופט.

— און איך גיי אויך דאָ שפּאַצירן, איך און מיין חבר, דאָ איז אַן עכט פאַרגעניגן, מיר שפּאַצירן דאָ יערן טאָג עטליכע שעה.

— איך בעט אין — האָט דאָס מיידל געפרעגט — דאָ איז פרישע לופט? זי גייען אויך דאָ אויף פרישער לופט?

— ניין — האָט שייקער געענטפערט מיט אַ שמייכל — מיר שפּאַצירן, פריילין; איך האָב זעהר, זעהר ליב צו שפּאַצירן, און מיין חבר אויך.

— גלאַט אַזוי שפּאַצירן — האָט זיך דאָס מיידל געוואונ־דערט:

עס האָט זיך אויסגעוויזן פון אירע רייד, אַז זי איז ערשט נישט לאַנג אויפגעשטאַנען פון אַ קריינק און אַז דער דאָקטאָר האָט איר געהייסן שעפּן פרישע לופט, שייקער האָט זי טאַקע געפרעגט:

— אַזוי, פריילין, זי זיינען קראַנק געווען. און יעצט זיינען זי שוין געזונט?

— יאָ, איך בין שוין באַלד אינגאַנצן געזונט.

נאָר איר קורצער אָטעם און אַ הוסט, וואָס האָט פלוצלינג איבערגעהאַקט איר די רייד, האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז נישט אינגאַנצן געזונט.

— איך אַרבעט אין אַ טאַבאַק־פאַבריק — האָט זי זיך פאַר־ענטפערט פאַר איר הוסטן — דער טאַבאַק שטיקט מיך. דער דאָקטאָר האָט מיר געהייסן אויפהערן דאָרט צו אַרבעטן. נאָר ווייס איך? איך מיין, דאָס וועט דורכגיין.

שייקער האָט אויף איר געקוקט מיט גרויס רחמנות, אַנשטאָט צו מאַכן אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ מיידל און צו פאַרוויילן זיך האָט ער זיך אָנגעשלאָגן, ווי געוויינליך אין לעבן, אויף אומ־גליק און נויט. ער האָט באַטראַכט מיט אַ טרויעריגן בליק איר שיין בלאַסליך פנים, איר שלאַנקע פיגור, וואָס די אָרימקייט האָט באַשמוצט און די קריינק האָט גענאָגט. און געטראַכט האָט ער: אָך, שוועסטער, דו ביסט געפערליך קראַנק, און דו ווייסט

אַליין נישט, און די טאַבאַק־פאַבריק װעט דיין רעשט לעבן אויס־נאָגן; אָט איז אַ פאַרװיילונג אין אַ געזעלשאַפט פאַר אַזעלכע מענטשן װי איך, און טראַכטנדיק אַזוי, איז ער אַנטשװיגן געװאָרן.

דערװייל איז אַנטקעגן געקומען שלימזל מיט אַ צעשויבערטן קאַפּ (דעם קאַפּעלוש האָט ער זיך געשעמט אָנצוטון און האָט אים געהאַלטן אין דער האַנט). שייקער האָט אים פאָרגעשטעלט מיט אַלע צערעמאָניעס:

— מיין פריינט, נתן־נטע שלימזל; פריילין... װי איז איר װערטער נאָמען?

— איך הייס פיינגאָלד, און אויפן יידישן נאָמען — מאַניע.

שלימזלס פיגור, זיין גאַנג און זיין צעשויבערטער קאָפּ האָבן דאָס מיידל אויף דאָס ניי געשראָקן, נאָר שייקער, װאָס איז געװען אַ געשיקטער יונג צו פאַרשטיין אַ בליק, האָט דאָס באַלד באַמערקט און האָט געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— שרעקן זי זיך נישט פאַר אונז, פריילין מאַניע. מיר װעלן אייך, חלילה, קיין שום שלעכטס נישט טון, מיר זיינען אָרנטליכע מענטשן, װי זי זעהען אונז...

— גאַנץ אָרנטליכע מענטשן — האָט שלימזל מסכּים געװען און דערלאַנגט דעם מיידל די האַנט.

און מען האָט שפּאַצירט אין דרייען.

אין מיטן איז געגאַנגען פריילין מאַניע, פון דער רעכטער זייט שייקער, פון דער לינקער — שלימזל, האַלטנדיק דעם קאַ־פּעלוש אין דער האַנט און פאָכנדיק מיט אים אין דער לופט נאָך װאויל־יונגעריש, כּדי צוגעבן זיך מוט.

די זון איז אונטערגעגאַנגען, און אויף מערב־זייט האָט זיך אויסגעמאָלט אַ בילד מיט אַלערליי קאָלירן, מיט רויט באַשפּריצט, מיט בלאַסע איידעלע גאָלד־פאַרבן געציירט, דורכגעװעבט מיט ראָזע און טונקל־בלויע שנירן און געפלעקט מיט שװאַרצע שטי־קער װאָלקנס... שייקער איז געגאַנגען טרויעריק, מיט אַ שװער־געמיט, דערפאַר איז שלימזל געװען פריליך, אַמוזירנדיק זיך װי אַמבעסטן מיט דער נייער באַקאַנטער.

אָט אַזוי האָבן אונזערע חברים געמאַכט אַ באַקאַנטשאַפט מיט אַ מיידל פון אַ טאַבאַק־פאַבריק, אַ באַקאַנטשאַפט, װאָס האָט

זיי אַרויפֿגעפֿירט אויף נייע גערעאַנקען ווי דאָס וועט שפּעטער ווערן באַשריבן.

ערשט ווען די שטאָט וואַרשע האָט שוין אינגאַנצן געבלישטשעט מיט לאַמטערן און אויפֿן פֿעלד איז שוין געווען פֿינסטער, האָבן זיי דאָס מיידל אָפּגעפֿירט אַהיים, אויף די באַניפֿראַטן, וואו זי האָט געוואוינט אין אַ קעלער־שטוב, געזעגנענדיג זיך מיט איר, ווי מיט אַן אַלטן גוטן פֿריינט. דערנאָך האָט שייקער אַהיים געבעטן שלימזולען צו זיך אויף טיי און מען האָט גערעדט וועגן דער נייער באַקאַנטשאַפֿט. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שלימזול איז גאָר אינגאַנצן אַנטציקט פֿון מאַניען, פֿאַרליבט, קאָן מען זאָגן, אין איין מאָל.

— אָבער וואָס זאָגסטו צו דעם מיידל! — האָט ער געטענעט — דאָס איז דאָך אַ שיינהייט, אַ שיינהייט! ביסט אַ מבין אויף אירע אויגן! — און אַזאַ פּראָסטע און אַזאַ האַרציגע! זי איז מיר טויזנט מאָל ליבער, ווי די אַלע בורזשויקעס מיט די פּאַרקעמטע האָר. און קלוג איז זי, איך זאָג דיר, זי איז גאַנץ קלוג. אַז דו פֿאַר־שטייסט נישט...

— פֿאַרוואָס פֿאַרשטיי איך נישט, שלימזול? איך פֿאַרשטיי, אוי, גוטער ברודער, פֿאַרשטיי איך, איך פֿאַרשטיי נאָך צו פֿיל — האָט זיך שייקער געוויצלט.

— און איך קאָן דיינע חכמות ניט ליידן — האָט זיך שלימזול אָנגעהויבן צו בייזערן.

אַ וואָרט צו אַ וואָרט און ער איז שוין גרייט געווען צו לאָזן שטיין די טיי אויפֿן טיש, צוהאַקן די טיר און אַנטלויפֿן, ווען נישט שייקער זאָל באַצייטנס שטילן זיין כעס מיט גוטע רייד און מיט פּראָיעקטן וועגן דער צוקונפֿט:

— ווינטער — האָט ער געזאָגט — וועט זיין גאָר אַן אַנדערע לעבן. דו וועסט באַקומען לעקציעס, און איך וועל מיר נעמען אויף פֿעסט צום עקזאַמען. נישקשה, מיר וועלן נאָך ווערן מענשן און מען וועט זוכן אַ תּכלית, נאָר נישט געזאָרגט, מיין ליבער, און נישט בייזערן זיך. צו וואָס זיך זאָרגן, אַז מען קאָן פֿריילעך זיין; און צו וואָס בייזערן זיך, אַז מען קאָן גוט זיין?

אַזוי האָט מען זיך דורכגעשמועסט און פילאָזאָפירט אַ גאַנצע נאַכט ביי שייקערן אין צימער. ערשט ווען דער פריהמאָרגן איז אויפגעגאַנגען, און אַ העלקייט האָט געפלאָסן פון מזרח־זייט און צעגאָסן זיך איבערן הימל — האָבן זיך די חברים דערלאַנגט די הענט און געוואונשן איינער דעם אַנדערן אַ גוטע נאַכט. שלימזל איז אַהיים געגאַנגען שלאָפן אויף זיין וואוינונג אויף סמאָטשע גאַס, ברומענדיג לוסטיג אַ לידל און פול מיט שיינע האָפענונגען, ווי דער אויפגייענדיגער טאָג!

פאַרקערט, שייקער איז געבליבן אַליין אין זיין צימער, און אים איז געווען טרויעריג אויף דער נשמה.

II.

נעהענטערע באַקאַנטשאַפט מיט אַ שכן

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד זיינען געווען כמורנע וועטערן. אָדער עס האָט געגאָסן אַ שלאַקס־רעגן מיט דונערן און בליצן, אָדער עס האָט געקאַפּעט און געטריפט אָהן אַן אויפהער, אָדער גאָר די וואָלקנס האָבן זיך גלאַט אַזוי צעלעגט איבערן הימל, ניט גערירט זיך פון אָרט, אַפּנים, זיי זיינען איינגעשלאָפן. אין מיטן בעסטן זומער איז געוואָרן קאַלטליך און נאַס און טרויעריג. אונזערע חברים זיינען דעריבער געזעסן אין דערהיים.

שייקער האָט זיך אויפגעהויבן אין דערפריה, אָפּגעטאָן אַ שטיקל אַרבעט פון רושאָנדרצעריי, איינגעשריבן אין די ביכער, ווער עס האָט זיך אַריינגעצויגן אין הויז און ווער — אַרויס; דערנאָך עפּעס געלייענט, דערנאָך געקאָכט טיי, אַראָפּ אויף דער גאַס און באַלד ווידער צוריקגעקומען, אַרומגעדרייט זיך אין צימער אַרויף און אַראָפּ און ווידער געלייענט... און צום סוף האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף זיין בעט אין דער גאַנצער לייגג, אונטער־געלעגט ביידע הענט אונטערן קאָפּ און געלעגן זיך רוהיג מיט

אַ מינע פון אַ מענשן, וואָס האָט דאָס זיינינע שוין אָפּגעטאָן אויף דער וועלט, וואָס האָט קיין איינציגע זאָרג נישט אין קאָפּ, קיין איינציגן פלעק נישט אויפן געוויסן.

שטיל און רוהיג. די צייט גייט. עפּעס טראָגן זיך געדאַנקען אין זיין קאָפּ, עפּעס פליסט בלוט אין זיינע אָדערן, עפּעס באַוועגט זיך זיין האַרץ — אַלץ דאָס טוט זיך אַליין. נישט ער, שייקער, טראַכט, פונקט ווי נישט ער הייסט זיין בלוט פליסן און זיין האַרץ שלאָגן. זיין דאַגה!

נאָר אָט האָט זיך אין צימער דערהערט אַ דראַפּעריי פון מייזענע פיסלאַך, אַ באַקאַנט גערויש, וואָס האָט גאַנץ אָפּט געשטערט שייקערן דעם שלאָף ביינאַכט. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געקוקט צום טיש, וואָס איז געווען באַלעגט מיט ביכער און וואו נישט וואו דערעסענע שטיקלאַך ברויט, ברעקלאַך צוקער האָבן זיך געפונען. ער האָט טאַקע באַלד דערזעהן די בריאָה, וואָס איז אים גוט באַקאַנט געווען פון איר גערויש, צו וועלכן ער האָט אין האַרצן געטראָגן געפילן, אמת, נישט זעהר סימפּאַטישע, און וואָס ער האָט אַלץ נישט געקאָנט זעהן. אַ קליין שוואַרץ געשיקט באַשעפעניש מיט גלאַנצעדיגע אויגן, מיט אַרונטערגעפאַלענע איבערגעשראָקענע אויערן איז געשטאַנען אונטער אַ בוך און דאָרט עפּעס געמייסטערעוועט מיט אַ שטיקל ברויט. אין אָנהויב האָט זי דאָס געמאַכט נישט דרייסט, דאָס מייזל האָט זיך אָפּגערוהט, גוט אויפגעהאָרכט, די פינקלדיגע אויגן האָבן געקוקט אַהין צו שייקערן, פאָרשנדיג, צי ער איז וואַך, אָדער ער שלאָפט גאָר. קענטיג, האָט זיך אין זיין קליינעם מוחל אויסגעאַרבעט אַן איבערצייגונג, אַז דער שונא שלאָפט, און עס האָט זיך גענומען גריזען דאָס ברויט גאַנץ רוהיג, דרייענדיג מיט דעם לאַנגען עק פאַר תענוג. די סעודה האָט אים געשמעקט.

שייקער איז געלעגן רוהיג, און זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך גוט איינגעקוקט. ער איז צופרידן געווען זיך צו באַקענען מיט אַזאַ נאָהענטן שכן. בחנם איז ער אויף אים אַזוי בייז געווען! פונקט טאַקע ווי דאָס קליינע באַשעפעניש

וואָלט נישט האָבן מער צו טון אויף דער וועלט, ווי נאָר צו שטערן אים זיין שלאָף!

„נו, ליבע מיינע", האָט ער געטראַכט, „דו ביסט גאָר נישט אַזוי מאוס, ווי מען זאָגט; און לעבן ווילסטו און עסן עסטו גאַנץ רוהיג און מיך ווילסטו אויסנאַרן. וואַרט, מיר וועלן מאַכן אַ נעהענטערע באַקאַנטשאַפט. דאָך בין איך עפּעס אַ מענש, און דו — אַ קליין דערשראָקן חיהלע"...

אַזוי טראַכטנדיג, האָט ער אַראָפּגעצויגן פון דער האַנט, אויסן אַרבל אַרויס, אַ מאַנזשעט — צווישן אונז גערעדט, נישט קיין שפּאָגל ווייסן — געוועצט זיך אויפן בעט שטיל ווי נאָר מעגליך, און מיט איין מאַך איז דאָס מייזל געווען געפאַנגען, אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ ווייסער מויער, באַרעקט פון אויבן מיט אַ מענשליכער האַנט, און קיין איין שפּאַרע צו אַנטלויפן, קיין איין לאָך, וואו זיך צו ראַטעווען!

צעטומלט פון דעם אומגעריכטן אומגליק, האָט דאָס מייזל אָנגעהויבן צו לויפן אינעווייניג אין מאַנזשעט, אַרום און אַרום, דערנאָך גענומען קלעטערן אויף דער וואַנט פון איר געפענגעניש. נאָר צוקומענדיג צו דער האַנט, קוים האָט עס דערשפּירט די וואַרימקייט פון מענשליך־לעבעדיג פלייש־און־ביינער, איז אויף אים אָנגעפאַלן אַן אומגעהויערער שרעק און איז מיר צוריק אַראָפּגעפאַלן און ווידער זיך גענומען דרייען אַרום און אַרום. דעמאָלט האָט שייקער אָפּגערוקט אַביסל די האַנט און אָנגעקוקט זיין געפאַנגענעם שכן. דעם מייזל האָט דער בליק נאָך מער געשראָקן ווי אַלץ, אָהן מוט האָט עס נאָך געפּרובט צו דער־קלעטערן ביז צום אָפענעם אָרט, נאָר איין ריר פון שייקערס מענשליכן פינגער איז גענוג געווען איינצוהאַלטן עס אין גע־פענגעניש.

ערשט אַ גליקליכער צופאַל האָט באַפרייט דאָס אָרימע באַ־שעפעניש פון זיין נויט. שלימזול איז אָנגעקומען צו זיין חבר, האָט אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר, און אַז שייקער האָט זיך אויס־געדרייט, האָט דאָס מייזל דערוויל איבערגעקערט דעם מאַנזשעט און געמאַכט פּליטה.

— וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן? — האָט שלימזל געפרעגט, דערקענענדיג אָן זיין חברס פּנים, אַז דאָ איז עפּעס געשען.

— איך... איך האָב שטורירט וואָלאָגיע, וואָלאָגיע האָב איך שטורירט — האָט שייקער גיך געענטפערט — און פּונקט מוזט דו דאָ אַריינקומען אין דערמיט אַלץ קאַליע מאַכן!

שלימזל האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן.

— איך פאַרשטיי נישט — האָט ער גערערט ערנסט — דו ווערסט טאַקע משוגע? איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז אַ מענש דרייט זיך אַרום ליידיג, פּוסט און פּאַס, און האָט אין קאָפּ אַן אַנאַרכיע, און גאָרנישט גייט אים אָן...

— נו, נו, מוסר!... האָט שייקער געשאָקלט מיט ביידע הענט — לאָז געמאַך! משוגע בין איך נישט. און וואָלאָגיע האָב איך שטורירט, און ווי דו ווילסט.

און ער האָט אים דערציילט די מעשה מיטן מיידל.

— אויף מיין ערן וואָרט — האָט שלימזל מיט אים געזעגנט מיט גוטן — אויף מיין ערן וואָרט, איך פאַרשטיי דיך נישט. ווי איז אַ מענש אַזוי לייכטזיניג! זיצט אין דערהיים, כאַפּט מיידלאַך, אינטערעסירט זיך מיט גאָרנישט!

שייקער האָט געוואָרפן אויף זיין חבר אַ פאַרשנדיגן בליק און געפרעגט:

— אַשטייגער, מיט וואָס זאָל איך זיך דען פאַראינטערעסירן?

— פאַרוואָס, למשל, אינטערעסירט דיך גאָרנישט אַזאַ מיידל, די מאַניע, למשל? זי איז אַן אָרים מיידל, אַרבעט אַ גאַנצן טאָג אין דער פאַבריק, מוטשעט זיך נעבעך שרעקליך, און איז אַ שוואַכע, דאַרף זיך אויסרוהען...

— אמת — האָט שייקער געענטפערט ערנסט — זי איז קראַנק.

— קראַנק... האָט שלימזל אונטערגעברומט שטיל, און אין זיין טאָן איז נישט געווען צו דערקענען, צי פרעגט ער דאָס, אָדער זאָגט ער עס מיט אַ פרעטענזיע, אָדער צי איז דאָס גלאַט אַזוי אַ זיפץ און אַן אויסדרוק פון זיין באַדויערן.

— נו, זאָג אַליין — האָט ער גערעדט מיט צוטרוי צו זיין חבר — איז זי נישט קיין וואויל מיידל? אַ שיינע און ליבע, און אַ

גאָלדן האַרץ האָט זי — טרייעריג! פאַרוואָס זאָל זיך אַזאַ מיידל מוזן מוטשען אַ גאַנצן טאָג אָהן אויפהער און אַוועקגעבן איר שיינקייט, איר יוגנט...

— דאָס ביסט דו גראָד גערעכט. נישט נאָר איר שיינקייט און יוגנט, נאָר אויך איר געזונט און איר לעבן פטרט זי דאָרט אין פאַבריק. איך האָב וועגן דעם געטראַכט.

— געטראַכט און יוצא געווען! — האָט שלימזל געשריען — ווייסט, וואָס איך וועל טון: איך וועל איר הייסן אויפהערן דאָרט צו אַרבעטן.

— נאָר זי מוז דאָך פאַרדינען אויפן לעבן!

— זאָרג נישט, איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן. וועסט זעהן. און אויב עס וועט נישט זיין קיין געלט, וועל איך אַליין גיין אין פאַבריק אַרבעטן. וואָס מיינסטו? איך קאָן נישט, איך טויג נישט צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק! וואָס איז?

— גאָרנישט איז — האָט שייקער געענטפערט רוהיג — נישט ערגער ווי געבן לעקציעס אָדער פירן אַ רושאָנדצערייִ, און פיל אינטערעסאַנטער איז עס, מען איז צווישן מענשן, מען פילט זיך איינער פון פיל... איך האָב שוין וועגן דעם געטראַכט.

— וועגן אַלעם האָט ער געטראַכט! וואָס קומט אַרויס פון טראַכטן?

— הערסט דו! דאָס איז דאָך די מעשה, שלימזל! איך זאָג דיר, איך בין אַ געבוירענער פילאָזאָף, אָט דאָס בין איך! אַ פילאָזאָף, און היינט בין איך געוואָרן אַ נאַטור־פאָרשער אויך, אַ זאָאָלאָג.

— הער אויף מיט דיינע וויצן, איך בעט דיך — האָט שלימזל געזאָגט.

— נו, גוט, וואָס האָסטו דען ברעה צו טון? צו אַלדע שוואַרצע יאָר, עס רעגנט און רעגנט אָהן אויפהער!

דאָך, נישט קוקנדיג אויפן רעגן, זיינען די חברים אַרויס אויף דער גאַס.

IV

אין קאַוויאַרניע

אויבן, אויף דעם שמאָלן פאַס הימל איבער דער פראַנצישקאַנער גאַס, איז וואָלקנדיג און אומעטיג. ס'ליגט אָנגעוואָרפן עפעס אַ געגליווערטע מאַסע פון אַן אָפגעניצטער פאַרב, וואָס װיל גאָרנישט זאָגן און לאָזט מיך גאָרנישט הערן, סיידן נאָר די אַלטע חכמה פון קהלת, אַז הכל הבל: די זון גייט אויף און גייט אונטער און גייט אויף דרום און פאַרקערעוועט אויף צפון, און אַזוי יעדן טאָג, יעדעם יאָר, אָהן אַ סוף און אָהן אַן עק. לאַנגווײליגע, נאַרישע טראָפן־רעגן פאַלן און פאַלן, די לופט איז נעפלדיג. אַפנים, דער זומער האָט זיך פאַרקילט און ליגט אין אָהנמאַכט. אונטן אָבער, אויף דער פראַנצישקאַנער גאַס, סיי אויף די טראָטואַרן, סיי אין מיטן גאַס, איז אַ רעש און אַ געפילדער און אַ געלויפעריי, און יידן ווישן מיט רויטע פאַטשיילעס די געקנייטשטע שטערנס, וואָס שוויצן אין אַ רעגן־וועטער פונקט אַזוי, ווי אין דער גרעסטער היץ. דער שאַרפער ריח פון לעדער זעצט אַרויס פון טירן און טויערן, קריכט אַריין דעם מענשן אין אַלע זיינע חושים און איז אַזוי ווי די פינסטערניש פון מצרים, וואָס מען האָט געקאָנט אָנטאַפן מיט די הענט. דאָרט, וואו ס'שניידט זיך וואָלעווער־גאַס, מישט זיך נאָך צו אַ ריח פון אַלטוואַרג, און פון דער באָניפראַטן־גאַס טראָגט דער ווינט אַהער ריחות פון טאַבאַק. שווערע לאַסט־וואָגנס, מיט לעדער געפאַקט, קלאַפן אין מיטן גאַס. יידן אין לאַנגע ציצענע כאַלאַטלאַך, מיט באַוואַקסענע, האָריגע פנימער און מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, האַנדלען און וואַנדלען און לויפן, לויפן; אָט האָבן זיך צוויי אָנגעשטויסן איינער אָן אַנדערן און זיך אָנגעקוקט מיט שטומפזיניגע בליקן, ווי אַ פאָר משוגעים, און געמאַכט עפעס אַ מאָרנע תנועה מיט דער האַנט, יעדער אין זיין זייט, און זיך געלאָזט ווייטער לויפן. און אָט איז אַ יונגערמאַן, אַ בלאַסער, מיט פאַרשאָרענע פאות, אין אַ סאַמעטן היטל, דאָס בערדל הויבט ערשט אָן צו שפראָצן, קענטיג, נישט לאַנג אַראָפ פון קעסט און געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין וואַרשע זוכן אַ מסחר. ער גייט פאַמעליך,

און זיינע פאַרטראַכטע, האַלב־מיסטישע אויגן בלאָנדזשען אין זוכן עפּעס. און די גאַס רוישט, שטופּט אים פון רעכטס אויף לינקס און צוריק, אַזוי ווי אַ טייך אַ שפּענדל, דער הימל קאַפּעט און קאַפּעט, און ס׳דוכט זיך, אַז ערגעץ אויף אַ בוידים ליגט באַ־האַלטן קהלת, שטעקט אַרויס דורך אַ לאָך זיין אַלט געריינצלט פּנים מיט די קאַלטע שמייכלדיגע אויגן און קוקט אַראָפּ אויף דער פראַנציִשקאַנער גאַס, און לאַכט און שטעקט אַרויס די צונג און זאָגט זיין אַלטן שפּרוך: הכּל הבל!

שייקער מיט שלימזלען גייען זיך דורך איבער דער גאַס, שייקער פירט שלימזלען אונטערן אָרעם, און זיי שפּאַצירן פּאַ־מעליך, און שמועסן, און ריידן פאַרטרויעטע רייד און פאַר־שטייען זיך אויפן וואונק, אַזוי ווי אַ פאַרליבט פּאָר־פּאָלק. די גאַס רוישט און קלאַפּט — זאָל זי רוישן און קלאַפּן! האָט שייקער פאַרהערט אַ וואָרט, שאַדט אויך ניט; געוווּנג, ער זאָל זיך איינ־קוקן אין שלימזלס פּנים און ער זאָל באַטראַכטן, ווי עס רירן זיך זיינע ליפּן, און ער האָט שוין אַלץ אַזוי גוט ווי געהערט און גאָר גוט פאַרשטאַנען; האָט שלימזל נישט דערהערט אַ פראַזע, קוקט ער זיין חבר אין די אויגן אַריין, און פאַרשטייט שוין געוווּי. נאָר די פאַרקאָכטע יידן, וואָס שטויסן זיי אַלע ווייִלע פון פאָרנט און פון הינטן, ברייננגען שלימזלען אַריין אין כּעס, און ער בייזערט זיך.

— ווילדע מענטשן, פאַנאַטישע ברואים! ווי זיי לויפן דאָס!

— בייזער דיך נישט, שלימזל. די דאָזיגע ווילדע ברואים טוען עפּעס אַ זאַך, ווי דו זעהסט זיי; פאַרזאָרגן די וועלט מיט לעדער. און קאַמאַשן, ברודער, ווילסטו דאָך טראָגן, און דוקא גאַנצע — ענטפערט דערויף שייקער.

און ער רעדט ווייטער:

— ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגן: איך בין זיי מקנא, די דאָזיגע ווילדע באַשעפעניש. זיי האַנדלען מיט אַזאַ חשק, מיט לייב און לעבן, אַשטייגער, ווי אין לעדער זאָל ליגן דעה זין פון לעבן באַהאַלטן. וואָס נאָך דאַרף אַ מענטש צום גליק, ווי צו טון עפּעס מיט לייב און לעבן? בין איך גערעכט, שלימזל?

— אוי־אַטן זיינען דאָס. איך קאָן זיי ניט ליידן. טפוי!...

— שפּייען דאַרף מען נישט, שלימזל. דאָס, זעהסט דו, גע־פעלט מיר גראָד נישט. דאָס זיינען מענשן, און אַ מענש, מיין ליבער, איז די שענסטע און קליגסטע חיה אויף דער וועלט, דאָס געפיינינסטע און לייזדגטסטע פון אַלע באַשעפענישן. דאָס זאָג איך דיר, שייקעו.

אַזוי פילאָזאָפירן זיך דורך אונזערע חברים און פאַרקערעווען זיך אין אַ געסל אַריין.

וואו אַהין גייען מיר איינגנטליך? — פרעגט שייקער.

— מיר גייען... פאַרשטייסט דו מיך, דאָ איז פאַראַן אַ קאַ־וויאַרניע, קאָן מען דאָרט אַריינגיין.

— צו וואָס?

— פאַרשטייסט דו... אַזוי זיצן... איך דאַרף דאָרט גאָר נישט... מאַניע קומט דאָרט אַהין.

— אַ—זוי! — זאָגט שייקער — און איך האָב נישט געוואוסט, וואו דו פירסט מיך! וואָס איז זיך דאָ צו שעמען? פאַרליבט איז פאַרליבט. אפשר וועל איך דיר שטערן, און דו ווערסט אפשר אַליין אַריינגיין אַהן מיר?

— דו הויבסט שוין אָן מיט דיינע וויצן! איך קאָן דיר באַ־ווייזן, אַז דו האָסט אַ טעות. מ׳קאָן נישט אַריינגיין, אויב דו ווילסט נישט. נישט מער, מיר זיינען שוין דאָ, לאָמיר אַריינ־גיין.

— לאָמיר אַריינגיין.

אַרויפהויבנדיג זיך אויף דריי טרעפּלאַך, האָבן אונזערע חברים געעפנט אַ שויבן־טיר, וואָס אירע שויבן זיינען נישט געווען פיל דורכזיכטיגער און קלאָרער פון דעם הימל, וואָס איבער דער פראַנצישקאַנער־גאַס; דערנאָך איז אויסגעקומען אַראָפּצו־שפּרינגען פון איין טרעפּל, און מיט איינמאָל האָט דער שאַרפער ריח פון לערער אָפּגעטראָטן, און אָנשטאָט אים האָט זיי אַרומ־גענומען דער וואַרעמער און ווייכליכער ריח פון פּאַרע און פון שוויציגע ווענט. אַ האַלב פון דעם צימער איז געווען אָפּגעצוימט מיט אַ שפּאַניש ווענטל. דאָרט האָט געקאָכט דער קעסל און פון דאָרט האָט זיך געטראָגן די פּאַרע איבער דער גאַנצער שטוב. אין דער אַנדערער העלפט זיינען געשטאַנען קליינע טישלאַך

און ביינקלאַך, אַ בופעט מיט אַלערליי זים געבעקס, וואָס האָבן געקאָנט דערקוויקן נישט בלויז מענשן, נאָר — און אפשר טאַקע נאָך מער — די גאַנצע מחנות פליגן, וואָס האָבן זיי באַלעגט און אַרומגעפלויגן איבער זיי מיט אַ פריילעכן געזשום. אַ חוץ דער ערשטער שטוב, איז געווען נאָך אַ צווייטע, אַ קליינע און אַ פינסטערע, וואו ביטאָג האָט געברענט אַ לאָמפּ. דאָרט זיינען טיילווייז געשטאַנען, טיילווייז געזעסן ביי טישלאַך, יונגעלייט, מיידלאַך און האָבן געטרערט פאַרקאָכט. ס׳איז באַלד קענטיק געווען, אַז זיי אַלע געהערן צו איין קאָמפּאַניע. שייקער מיט שלימזלען האָבן זיך געזעצט ביי אַ טישל און געהייסן זיך געבן טיי.

אין אָנהויב האָבן די יונגעלייט און די מיידלאַך נישט באַמערקט נאָר די אַריינגעקומענע. אונזערע חברים האָבן זיך אויך וויניק געקימערט, ווער דאָ געפינט זיך, און וואָס מען רעדט דאָ אַזוי היציק. שלימזול, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף מאַניעס קומען, איז געזעסן פאַרטראַכט. שייקער ווידער האָט אַרומגעקוקט צום ערשטן די ווענט און האָט געפונען אויפגעהאַנגען אַ בילד, אויף וועלכן דער גאַנצער גורל פון מענשליכן זינדיגן לעבן איז געווען אויסגעמאָלט: פון איין זייט, גאָר נידעריק, איז געווען אויסגעמאָלט אַ קינד, העכער אַ יידיש יינגל, געזונט און פריש, נאָך העכער — אַ יונגערמאַן, אין סאַמע מיטן, העכער פאַר אַלע, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, שטייף און שטאַרק; פון דער צווייטער זייט האָט זיך אָנגעהויבן דער אַראָפּגאַנג: די זעלבע פיגור איז געוואָרן גרויער און עלטער און איינגעבויגענער, און נאָר אונטן איז געשטאַנען אַ גרייז־גרויער נייַנציגער, איינגעהויקערט, אַ שוואַכינקער, אָנגעלענט אויף אַ שטעקן. דאָס דאָזיגע בילד, מיט שלעכטע פאַרבן געדרוקט, און איצט נאָך דערצו שטאַרק באַשמירט פון די פליגן, וואָס האָבן עס צוגעמאָלט מיט פיל שוואַרצע פינטעלאַך — האָט דאָס בילד, זינט עס הייגנט דאָ, שוין פיל וויפצן אַרויסגעריסן פון יידישע הערצער. אַ ייד, למשל, לויפט אַזוי אַרום אַ גאַנצן זומער־טאָג אויף דער גאַס, מאַכט נישט קיין געשעפט, אויף אַ וועקסעלע קאָן מען נישט קריגן, און די פיס ברעכן, דאָס האַרץ חלשט, — לויפט ער אַריין אין דער קאַוויאַרניע, הייסט זיך געבן אַ גלאָז טיי, וואַשט

זיך די הענט צו אַ פּאָר זעמל און עסט און קוקט אויף דעם בילד און כאַפּט זיך, אַז ער האָט שוין גרויע האָר, און דער־מאָנט זיך, וויפיל יאָרן ס'איז שוין נאָך זיין חתונה, וויפיל ער האָט שוין אָפּגעהאָרעוועט אויף דער וועלט און וויפיל, מ'שטיינס גע־זאָגט, ער האָט נאָך צו האָרעווען... זיפצט ער אָפּ טיף, ווי יום־כּפּור ביים דאַווענען. אַ יונגערמאַן איז געווען ביים רבין אין גע־צוויי וואָכן און פאָרט אַהיים און באַקומט הרהורי־תשובה, קוקנדיג אויף דעם בילד... אין דער לעצטער צייט אָבער, נאָך נישט קיין גאַנץ יאָר אַריבער, האָט דאָס בילד פאַרלאָרן זיין מאַכט. אַנדערע געסט האָבן זיך גענומען דאָ ווייזן, וואָס זיי איז פרעמד אי קהלת־שפּרוך, אי די הרהורי־תשובה; געסט, וואָס פאַרשטייען נישט קיין זיפצן פון אַ צעבראָכן האַרץ און נישט דאָס חוזק־געלעכטער פון אַ דערשלאָגן געמיט. אַ נייער דור איז אויפגעשטאַנען מיט מאָרגע פייערדיגע, בייזע בליקן... דאָס בילד איז זיך געהאַנגען אויף דער וואַנט, און די פליגן האָבן עס באַפּינטלט, און קיינער האָט עס נישט באַמערקט. אַ מערכה, שייקער איז איצט אַריינ־געקומען און האָט געשאָנקען דעם אַלטן מיוחס אַביסל אויפ־מערקזאַמקייט.

דערנאָך האָט שייקער גענומען באַטראַכטן די מענשן אַרום. און אַ נאַטור האָט שייקער געהאַט, אַז ווען ער האָט אויפגע־הויבן די אויגן אויף עמיצן, האָט ער זיי אַזוי גיך נישט אַראָפּ־געלאָזט. ער האָט הנאה געהאַט צו קוקן אויף אַ מענשן און באַטראַכטן אים פּאַמעליך, ווי עפּעס אַן אויסלענדישע זאַך, וואָס מ'האַלט אין דער האַנט און מ'באַקוקט זי פון אַלע זייטן. אַזוי האָט ער אויסגעמאָסטן מיט זיינע בליקן אַלעמען, איינעם נאָכן אַנדערן, ביז מ'האָט גענומען קוקן אויף אים מיט שלימזלען מיט פאַרראַכט, און דער עולם האָט זיך גענומען סודען אין דער שטיל:

— אַ שפּיאָן!

און איינער פון די אַרבעטער, אַ געזונטער יונג מיט פיל בלעז־לאַך אויפן פּנים, וואָס האָט בטבע נישט געקאָנט ריידן שטיל, האָט געפרעגט מיט אַ באַס־שטים, וואָס שייקער האָט דערהערט ביי זיין טישל:

— חברים! צי האָט ווער אַ „שפּייער"?

— שלימזל! דו ווייסט, וואָס זיי זיינען אונז חושר, אָט די אַרבעטער דיינע!

— וואָס עפּעס מיינע? איך בין פּונקט אַזאַ מחותּן מיט זיי, ווי דו.

— אָבער וואָס זאָגסט דו צו דעם! זיי האַלטן דאָך אונז פאַר שפּיאָנען. האַ? געטראָפן דאָס אָרט. וואָס וועסט דו, אַשטייגער, אַזוי טון, אַז מ'וועט דיר אַריינלאָזן אַ קויל אין האַרצן. אַ יושר, ברודער, אָפּצוזאָגן וידוי און געזעגענען זיך מיט דער נאַרישער וועלט.

און ווי זיי האָבן אַזוי גערעדט, האָט מען זיך פון יענער זייט אַלץ מער געסורעט און געוואָרפן בליקן. שלימזל האָט זיך נישט אויף קאַטאָוועס גענומען שרעקן.

— וואו איז דיין מאַניע? — האָט אים שייקער נאָך געגעסן די גאַל.

— איך האָב מורא, זי וועט היינט ניט קומען. ווייסט וואָס, שייקער, מיר וועלן גיין.

— ניין! דאָס — נישט! איינמאָל, מיר וועלן נאָך ערגער אָפּשניידן; צוויטנס, לאָמיך אָקאָרשט זעהן, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. אַריינגעפאַלן, ברודער, טאָ ליג און האַלט אויס ביז צום סוף.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ מיידל, אַ שוואַרץ־חנעוודיג באַשעפעניש מיט געשיקטע, קלוגע אויגן, אַ פלינקע און אַ רירעוודיגע. מ'האָט איר דערציילט דעם סוד. זי האָט נישט לאַנג געקלערט, האָט מיטגענומען מיט זיך איינעם פון די יונגעלייט און צוגעגאַנגען צו אונזערע חברים.

— דו האַלט דיך שטייף, שלימזל — האָט שייקער געזאָגט — איך וועל זיי ווייזן, ווער און וואָס מיר זיינען.

— דו לאָז מיך צורוה! — האָט זיך שלימזל געבייזערט.

— וואָס טוט איר דאָ, ר' ייד? — האָט דער בחור געפרעגט, ווענדנדיג זיך צו שייקערן.

שייקער האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר לאַכעדיגע, נייגיריגע אויגן און האָט געענטפערט:

— איך טרינק טיי,

— דאָס זעה איך, נאָר איך װיל װיסן, װאָס איר טוט דאָ, פֿאַרשטײט איר צי נײן? װער זענט איר דאָס אַזעלכער?

— איך בין אַ מענש, װאָס הײסט שײקער. און איר װער זענט אַזעלכער? מיט װעמען האָב איך די ערע צו רײדן?

דאָס מײדל האָט דערװײל גענומען טענען מיט שלימזלען, זי האָט געהאַט אַ האַרציגע, מיט לײדן דורכגעזאַפּטע שטים, און װי שטרײנג זי האָט נישט גערעדט, איז עס אַלץ אַרױסגעקומען װײך. זי האָט אַזױ געזאָגט:

— אָהן צערעמאָניעס! דאָס איז אַ פּשוטע זאַך, פֿאַרשטײט איר, און איר מוזט אונז אַנטשולדיגן. קורץ: אױף אײַך איז געפֿאַלן אַ חשד, איר זײט שפּיאָנען, זאָגט װער איר זײט און לאָזט אײַך באַזוכן.

— באַזוכן? מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן — האָט שלימזל געזאָגט — פֿאַרװאָס נישט? נאַ, זוכט — און ער האָט זיך אַלײן אױפֿגעקנעפּלט די מאַרינאַרקע.

— און איך װעל זיך נישט לאָזן באַזוכן! — האָט שײקער געזאָגט פֿעסט — איך בין נישט קײן גנבֿ, און איר נישט קײן זשאַנדאַרמען. װאָס האָט איר צו מיר, פֿרעג איך!

— ערלױבט, יונגערמאַן — האָט זיך דאָס מײדל צו אים געװענדט. זעהר מעגליך, אַז מיר האָבן אַ טעות. נאָר אױבֿ איר זײט אַן אָרנטליכער מענש, דאַרפֿט איר אַלײן פֿאַרשטײן, אַז קױם איז אױף אײַך געפֿאַלן אַ חשד, מוזט איר אײַך רײן מאַכן פֿון אים. פֿאַרפֿאַלן! דאָס קאָן מיט יעדן טרעפֿן הײנטיגע צײַטן. אױסער דעם, מוז איך אײַך זאָגן, אַז אײַערע רײד איבערצײַגן מיך נישט אין אײַער אומשולד, נאָר, פֿאַרקערט, מאַכן נאָך גרעסער דעם חשד.

— אַז איך בין אַ שפּיאָן?

— איך זאָג נישט אױף זיכער, אױף יעדן פֿאַל, איז מען אײַך חושד דערין.

— איך — אַ שפּיאָן! װי שעמט איר אײַך נישט אַזױ לײַכטזיניג אומצוגײן מיט אַ מענשן! צי װײסט איר, װאָס אָט דער קאָפּ האָט שױן דורכגעקלערט! צי װײסט איר, װאָס אָט דאָס

האַרץ האָט שוין דורכגעפּילט און דורכגעליטן! איך — אַ שפּיאָן! עָ! וואָס פאַר אַ אויגן איר האָט! שעמט אייך!

— אפשר זייט איר גערעכט, און אפשר נישט, איר זייט טאַקע אַן אינטעליגענט — דאָס זעה איך. סיי ווי סיי וועט אייך אייער ווידערשטאַנד גאָרנישט העלפן. אויב איר וועט אייך נישט לאָזן באַזוכן, וועט מען דאָס טון איבערגעוואַלד. און איך מוז אייך וואָרענען, אַז אייך קאָן אויסקומען באַצאָלן מיטן לעבן...

און ווען זי האָט די ווערטער גערעדט, האָט זיך איינער פון דער חברה איינגעבויגן און אַרויסגעצויגן פון דער כאָלעוועַ אַ רעוואָלווער. ס׳איז געוואָרן אַ רגע שטיל.

שלימזול האָט זיך אָנגערופן און געזאָגט:

— לאָז דיך באַזוכן, נאַר... וואָס טוסטו משוגענער?

דאָ האָט זיך שייקער אויפגעהויבן פון אָרט, און פול גרימצאָרן, האָט ער אויסגעשריען:

— ניין! מיט גוטן וועל איך מיר נישט לאָזן אָנטון די חרפּה! מיטן טויט ווילן זיי מיך סטראַשען?! פון וואַנען ווייסט איר רען, פריילין, ערלויבט אייך צו פרעגן, אַז מיין לעבן האָט ביי מיר אַ ווערט! און אפשר האָב איך שוין צוואַנציג מאָל געשפּינן אויפן לעבן?...

— ווייסטו וואָס — איז שלימזול געפאַלן אויף אַ פּלאַן — ווילסט ניט, זיי זאָלן דיך באַזוכן, גוט — וועל איך דיך באַזוכן פאַר זיי אין די אויגן, און אַ סוף מיט אַן עק. זיי וועלן מיר געטרויען און פאַר דיר וועט קיין חרפּה נישט זיין.

— הער דו, גוטער פריינט מיינער — האָט שייקער מיט כעס און שפּאָט געענטפערט — איך האָב דיך אַפילו ליב, און פונדעסטוועגן זאָג איך דיר, טרעט אָפּ...

דאָ האָט זיך דער אַרבעטער מיט דער באַס-שטים אַרויסגערוקט און געזאָגט:

— זעה נאָר דעם יאָלד! לאָזט!

אַ פּאָר געזונטע הענט האָבן אָנגענומען שייקערן פאַרן קאָלנער, ביים האַלז, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. עטליכע אַנדערע הענט האָבן זיך גענומען שאַרן אין זיינע טאַשן

און אין מיטן דער סצענע האָט זיך געעפנט די טיר, און מאַניע, מיט די העלע האָר און מיט די העלע גרויסע אויגן, איז אַריינ־געקומען. פאַר איבעררעשונג האָט זי נאָך ברייטער געעפנט אירע שיינע אויגן. און שלימזל האָט אויסגעשריען מיט אַ שטים פון אַ געראַטעוועטן:

— מאַניע!

און זי האָט אים געגעבן די האַנט און איז נאָך אַלץ גע־שטאַנען פאַרוואונדערט:

— מאַניע, דאָס זיינען דאָך דיינע באַקאַנטע, זיי האָבן אונז חושר געווען... זאָג... און זיינע אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן.

דער טעות איז באַלד קלאָר געוואָרן. אין עטליכע מינוטן אַרום זיינען אַלע שוין געוואָרן גוטע פריינט. דאָס מיידל האָט געבעטן אַנטשולדיגונג ביי שייקערן און האָט צוגעשמייכלט צו אים מיט קלוגע אויגן. שלימזל מיט מאַניען זיינען געזעסן ביים טישל, און זיין פּנים האָט געשיינט פאַר נחת און מיט פאַר־ליבטע אויגן האָט ער געקוקט אויף דעם שיינעם פּראָסטן און קראַנקען באַשעפעניש, וואָס אַנטקעגן אים, און נישט דרייסט האָט ער אַלע ווילע באַרירט אירע הענט.

— אַ שאָד, קאַלט געוואָרן דערווייל אַ גלאָז טיי — האָט שייקער רוהיג געזאָגט. בעל־הבית, גיט, זייט מוחל, אַ הייסע גלאָז טיי.

ער האָט אַ ווילע געשוויגן, דערנאָך האָט ער ווייטער גערעדט:

— איז וואָס זאָגסטו, שלימזל, הייסט עס, ווידער לעבן? נו, זאָל זיין אַזוי. דאָס האַרץ וועל איך מיר ניט אָפּעסן — לעבן איז לעבן. ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, שלימזל, זאָל זיך דאָרטן זיין, ווי די פילאָזאָפן וועלן שוין אָפּפּסקענען, צי איז דער טויט בעסער פאַרן לעבן, אָדער דאָס לעבן פאַרן טויט — איינס איז קלאָר: מורא האָבן דאַרף אַ מענטש פאַר ביידע ניט, ניט פאַרן לעבן און ניט פאַרן טויט...

שייקער איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם בילד, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

ער האָט אַזוי געטראַכט:

דער דאָזיגער מאָלער האָט פֿאַרפֿעלט אויפֿצומאָלן נאָך דעם גיינצינג־יאָריגן אַלטן אַ טויטן מיט אַ קבר. אַ שלעכטער קינסטלער! צוקומענדיג צום סוף, האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר זיין אייגענעם געדאַנק און האָט אָפּגעהאַקט... — אָ, מענשן, מענשן!...

V

שייקער אליין

אַליין איז שייקער געבליבן אויף דער וועלט. זיין איינציגער נוטער פֿריינט שלימזל האָט זיך אויך אָנגעהויבן פֿון אים צו דער־ווייטערן, און וואָס אַ טאָג, אַלץ מער. אָט טרעפֿט ער אים אַמאָל אויף דער גאַס און שטעלט אים אָפּ און האָט ברעה מיט אים צו פֿאַרברייננגען ווי געוויינליך, נאָר שלימזל דרייט זיך אים אַרויס פֿון אונטער דער האַנט, מאַכט אַן ערנסט פּנים און זאָגט, אַז ער האָט קיין צייט נישט.

— וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרטאָן? וועלכע נייע עסקים? — פֿרעגט שייקער.

נאָר שלימזל שווייגט אויף דער פֿראַגע מיט דער מינע פֿון אַ מענשן, וואָס באַהאַלט עפּעס אַ וויכטיגן סוד.

— וואָס שווייגסטו? — טענעט שייקער ווייטער — קאָנ־ספּיראַציע? פּאָליטיק? רייד אַ וואָרט, אפשר וויל איך אויך ווערן...

ביי די דאָזיגע ווערטער באַווייזט זיך אויף שלימזלס ליפּן אַ דינער איינגעהאַלטענער שמייכל. ער קוקט אויף זיין חבר פֿון אויבן אַראָפּ, מיט אַ בליק, וואָס איז פֿול בטול, און זאָגט שטיל, בנעימותדיג:

— מ׳קאָן זיך אָהן דיר באַגיין, בעלי־טובות דאַרפֿן מיר נישט.

— נאָר ווער „מיר״? צו וועלכער פּאַרטיי געהערסטו? דערציי, שלימזל...

— נו, לאָמיר גיין. איך האָב נישט קיין צייט מיט דיר צו פּלוידערן.

און ער לאָזט זיין חבר שטיין אין מיטן דער גאַס, און אַליין שפּאַנט ער ווייטער מיט גרויסע טריט.

אַ צווייט מאָל, פאַרנאַכט איז עס געווען, דרייט זיך שייקער אַרום אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, און אומעטיג איז אים געווען, אַז כאָטש נעם מאַך צו די אויגן און שלאָף איין אויף אייביג. און ווי ער גייט אַזוי, דערזעהט ער פון דער ווייטנס שלימ־מזל מיט מאַניען קומען אָן; ער האַלט זי אונטערן אָרעם, ווי אַ בראַווער קאַוואַליער, און רעדט עפּעס אין איר אַריין, רעדט און רעדט מיט אַ ברען, און זיין פּנים באַרט זיך אַזש אין נחת, דאָס שוואַכע ווייבערשע באַשעפעניש ווידער איז, אַפּנים, גישט זעהר פאַראינטערעסירט געווען אין דעם געשפּרעך, און אירע אויגן האָבן פון דערווייטנס צוגעשמייכלט שייקערן. שייקערן, פאַרשטייט זיך, איז מיט איינמאָל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן, אַז ער האָט דערזעהן אַזעלכע צוויי באַקאַנטע. ער האָט אָפּגעזיפצט ווי אַ מענש, וואָס האָט אַראָפּגעפּטרט אַ שווערע משא פון זיך, און איז זיי פרייליך אַנטקעגן געלאָפן, גרייט זיי צו פאַלן אויפן האַלז פאַר פרייד, נאָר דאָ — אָך און וויי! — איז געקומען די ביטערע אַנטוישונג, אַן אָפּטער גאַסט ביי אַזאַ לייכט־באַוועגליך האַרץ, ווי שייקערס איז געווען. שלימזל האָט אָנגעשטעלט אַ זויער פּנים און אַ קרומען בליק און האָט אים אַריינגערוקט זיין חייך הענטל מיט אַ קאַלטקייט און פאַרפרעמדקייט, אַז מאַניע, קוקנדיג אויף איר קאַוואַליער, האָט נעבעך נישט געוואוסט, וואָס צו טון און ווי זיך צו האַלטן, און אירע קלאָרע אויגן זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט אַ טריבקייט. אָנשטאָט פרייד, האָט זיך אין שייקערס אויגן אָנגעצונדן אַ פייערל פון כעס.

— בחור מיינער! קענסט מיך שוין גאָרנישט? האַ? אוי, ווי מיר ווילט זיך געבן דיר אַ שנעל אויף דעם סאַמען שפּיץ פון דיין רויט נעזל! און ווען נישט, גלויב מיר, דיין דאַמע, וואָלט איך דאָס געטאָן, שלימזל. און זייט מיר געזונט, און איך וויל דיך מער נישט קענען...

אַזוי האָט ער אויסגעגאָסן זיין כעס און פאַרביטערטקייט און געמאַכט מיט איינמאָל אַן עק פון דער לאַנג־יאָריגער גוט־פריינטשאַפט.

שוין שפּעט אין דער נאַכט איז ער אַהיים געקומען צו זיך אין צימער אַריין מיט אויגן, אין וועלכע טרערן זיינען געשטאַנען און האָבן נישט געהאַט דעם מוט זיך אַרויסצוקייקלען, און מיט אַ האַרץ פול חיסטקייט, וואָס אויב מען זאָל עס צעטיילן אויף קליינינקע טיילן, וואָלטן זיי געקלעקט אויף צו באַטריבן גאַנצע יאָרן פון לעבן און גליק. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּיגל און האָט זיך איינגעקוקט אין דעם פּנים פון אָט דעם שייקער, וואָס איז איצט געבליבן אַליין, איינער אַליין אויף דער וועלט, און קיין איינציגע לעבעדיגע נשמה וויל אים נישט קענען, און האָט באַוואונדערט דעם ראָזיגן מענשן אין שפּיגל און נאָכגעזוכט און געפאָרשט דעם סוד פון זיין איינזאַמקייט. און צום סוף האָט ער אַרויסגעשטעקט אַ צונג אויף זיך. געמיינט דערמיט די וועלט אין גאַנצן מיט אירע מענשן, און שלימזלען מיט מאַניען צווישן זיי, אויסגעטאָן זיך און צוגעגרייט דורכצולייגן אַ לאַנגע, מאַטערדיגע, שלאָפלאָזע נאַכט...

און וואָס האָב איך אויסגעפירט? — האָט ער געטראַכט מיט פאַרביסענע ליפּן, דרייענדיג זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער אין בעט — געטויט אין האַרצן ביי מיר יעדעם געפיל, יאָרן־לאַנג געשטודירט די קונסט פון נישט וועלן, פון גלייכגילטיגקייט, און איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַ גרויסער תּקיף, ווייל איך האָב שוין נישט וואָס צו פאַרלירן — וואָס האָב איך אויסגעפירט? אַז אַזאַ צרהדיג מענשל מיט אַזאַ קליין קעפּל קאָן אָנשטעלן אַ וויערע מינע און מיך דערמיט מאַכן צו נישט, אויפהויבן אַלץ אין מיר קעגן מיר?! אַפּנים, נאָך נישט אַלץ האָב איך פאַרזוכט. עס וועט נאָך קומען, קומען, קומען... און כאַפּט עס דער טייוול! זאָלן זיי קומען, די נייע מאַטערנישן... וואָס? קראַנק בין איך צו ליידן? — הייראַ! פאַרמאַך די אויגן און ווייטער, ווייטער, וואו אַהין דער שטראָם וועט טראָגן!...

און אין דער זעלבער צייט, ווען אונזער שייקער איז געבליבן אַזוי פאַראיינזאַמט, איז עפּעס וואַך געוואָרן אויף די בוידימער און אין די קעלער־שטובן, צווישן די קליענטן פון האָראָוואַניע און נויט, פאַרנאַכט זיינען די גאַסן אין יידישן קוואַרטל פול געווען מיט יונגעלייט און מיידלאַך, בלאַסע, נערוועזע, פאַרטועטע; מחנות, מחנות האָט מען זיי אָנגעפירט אין די צירקלען און אין די טורמעס,

נאָר ווי דער ים, אַזוי האָט זיך די גאַס נישט אויסגעשעפּט, און איר אויפרעגונג איז נישט מינדער געוואָרן, נאָר האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, צונרייטנדיג זיך צו אַ שטורעם. עפּעס אַן אַנדערע נשמה און אַן אַנדער אויסזעהן האָבן די מענשן באַקומען. און ווי אַ שאָטן האָט זיך שייקער אַרומגעטראָגן צווישן זיי, פרעמד און אָפּגעריסן פון אַלע און פון אַלץ, נישט וויסנדיג אַפילו גענוי, וואָס דאָ גרייט זיך צו, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

„דער פאָרעם פון מיין לעבן האָט זיך איבערגעריסן" — האָט ער געטראַכט פאַר זיך אין די טעג — „וואָס וועט דאָס זיין? וואָס וועט דאָס זיין?"...

און שרעקליכער פאַר אַלעם איז געווען דער געדאַנק, אַז זיין גרויס איינזאַמקייט איצט שטאַמט פון אַזאַ צרהדיג מענשל מיט אַזאַ קעפּל, ווי שלימזל איז.

און איינמאָל פאַרנאַכט האָט ער זיך אַזוי אַרומגעשלעפּט אויף דער גאַס. פון אַ קווער־גאַס, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו מערב צו, האָט אַרויסגעקוקט די קיילעכדיגע פייערדיגע ראָד פון דער זון, וואָס האָט געהאַלטן נאָהענט צום אונטערגיין, שטיל איז זי געשטאַנען דאָרט ווייט, ווי אַ קלוג, קלאָר אויג פון דער וועלט, ביים סאַמע ראַנד פון הימל; פייערדיגע ריטער האָבן זיך געטראָגן איבער די היטלאַך פון די יונגעלייט און געפינקלט אין די האָר פון די מיידלאַך, וואָס האָבן שפּאַצירט ווי געווינליך, און געסודעט זיך וויכטיג, ערנסט און אויפגערעגט. און שייקערן האָט זיך געדוכט, אַז די גאַנצע מענגע קוקט אויף אים מיט אַ חשד. די אָנגע־ווענדעטע בליקן אויף אים האָבן אויסגעזעהן צו זאָגן: „היט זיך, היט זיך! אַ שפּיאָן גייט!" אים האָט זיך געדוכט, אַז ווי נאָר ער גייט פאַרביי, ווערט די פּראַזע איבערגעהאַקט, און דאָס געשפּרעך פאַרשטומט, און ער איז אַנטלאָפן אַהיים, אין דעם איינגען צימערל אַריין, וואו צוזאַמען מיט די פאַרנאַכטיגע שאָטנס האָט אַ וויסטע אומעט מיט אַ פייניגנדיגע שרעק גענומען אַרומשפּאַצירן.

אַ האָק אויף דער וואַנט און אַ שטריקל זיינען שוין עטליכע טאָג אים נישט אַרויס פון מוח.

און אַזוי איז ער געזעסן אין דער פינסטער, ביידע הענט אויף די קני, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די האָר צעשויבערט, מיט אַ

ריכטיגן ערנסטן געראַנק אין קאָפּ. אַ העלער שטערן האָט אַריינ־געקוקט צו אים אין פענסטער אַריין און האָט געוואונקען פון ווייטע וועלטן אַראָפּ... אַזוי שטיל און ליבליך איז דער דינער שטראַל געווען, אַ שאָר וואָס מען קאָן אים נישט מיטנעמען אַהין, דאָרט, וואו די פינסטערניש איז אַזוי אומענדליך!...

לאַנג איז ער געזעסן אין אַזאַ פּאָזע, ביז צום סוף האָט אַ סקריפּ פון דער טיר אים אויפגעוועקט פון זיינע געראַנקען.

עס זיינען אַריינגעקומען שלימזל מיט מאַניען, ביידע שווער אָטעמענדיג. עס איז קענטיג געווען, אַז זיי זיינען געלאָפן און זיינען זעהר דערשראָקן.

שלימזל האָט זיך אויסגעלאַכט, געשטעלט זיך אַ פּאָזע און גע־זאָגט מיט אַן אָפיציעלן טאָן:

— איך נוץ אויס אונזער אַלטע באַקאַנטשאַפט, כדי צו ראַטעווען מיך און מאַניען און אָט דאָס (זי האָט אַנידערגעלעגט אַ פּעקל „ליטעראַטור" אויפן טיש) פון געפאַר. פּאָליציי האָט אונז דער־שפּירט און נאָכגעיאָגט. איך האָף, אַז דו וועסט האָבן גענוג מוט אונז דאָ צו לאָזן איבערוואַרטן.

— אומגעריכט — האָט שייקער גערעדט ווי צו זיך — נו, גוט, גוט, וועלן מיר ווידער ווערן חבר. וואָס איז אייך, פרייליין מאַניע? וואָס זייט איר אַזוי בלאַס?...

אריגן

קליינע קינדער, גוטע קינדער,
כ׳וויל אַ מעשה אייך דערציילן!
זעהט די מענשן אויף די גאַסן,
ווי זיי לויפן, ווי זיי איילן.

ס׳טרייבט דאָס לעבן זיי מיט ריטער...
אָ, ווער וועט זיך דען אָפּשטעלן,
אַ מינוט דעם לויף אָפּהאַלטן
און מיין מעשה הערן וועלן?!

אַך, פאַריאָגטע, מידע מענשן,
כ׳האָב קיין ווערטער נישט פאַר זיי!
ס׳טראָגט דער לעבנס-שטראָם זיי האַסטיג
פאַר די אויגן מיר פאַרביי! — —

— — — — — — — — — — — —

I

בלויע אויגעלאַך

קומט, קינדערלאַך! איך קען אויסנווייניג אַ מעשה דערציילן, אַזוי:

אַמאָל איז געווען אַ יינגעלע, אַ יינגעלע מיט בלויע אויגן.

מיין זיידע האָט מיר אַזוי געזאָגט: ווען אדם הראשון האָט געזינדיגט, און גאָט האָט אים פאַר זיינע זינד פאַרטריבן פון גן־עדן, האָט זיך אָדם הראשון צעוויינט, און מיט אים צוזאַמען אין איין קול האָבן מיטגעוויינט אַלע כּרובים, די זעלבע כּרובים, וואָס שטייען פאַר דעם גן־עדנס טויער מיט בלאַנקע שאַרפע שווערדן אין די הענט. די כּרובים האָבן היים געוויינט און גאָט געבעטן, ער זאָל אָדמען מוחל זיין זיינע זינד און אים ווייטער לאָזן אין גן־עדן. און גאָט האָט זיי אַזוי געענטפערט: „מוחל זיין אים זיינע זינד קאָן איך, נאָר ער האָט דאָך פון עץ־הדעת געגעסן, ער איז אַזוי קלוג געוואָרן, אַז קוים וועל איך אים אין גן־עדן לאָזן, וועט דער גן־עדן אַ גיהנם ווערן, און איר וועט מוזן פון דאַנען אַרויס. און וואו וועט איר אייך אַהינ־טון, מיינע גוטע כּרובימלאַך? און אַז די כּרובים האָבן דערהערט גאָטס רייד, זיינען זיי אַזוי דערשראָקן געוואָרן, אַז אין גאַנצן גן־עדן האָט מען נאָר געהערט דאָס גערויש פון זייערע פליגעלאַך, וואָס האָבן געציטערט פאַר שרעק. און ציטערנדיג און שטאַמלענדיג, האָבן זיי אַזוי געבעטן: „אוי, גאָטעניו פאָטער; אוי, גאָטעניו פאָטער! פאַרטרייב אים ניכער! וואו וועלן מיר זיך אַהינטון?! אוי, ווי געשריען! וואו וועלן מיר זיך אַהינטון?! אוי, פאַרטרייב אים"... אַזוי האָבן זיי געוויינט און געציטערט און געפלאַטערט פאַר שרעק; אַ סך זיינען חלשות געפאַלן פאַר פּחד, אַ סך — שיער נישט משוגע

געוואָרן, ווייל נאָט האָט אַביסעלע געצענגערט מקיים צו זיין אין אָרמען זיין משפּט.

כּרובים, ווייסט איר דאָך, דאָס זיינען אַזעלכע קליינע מלאָכימ־לאַך מיט רינטשיגע פליגעלאַך און קינדער־פּנימלאַך. גוטע מלאָכימ־לאַך זיינען דאָס, גאָר גוטע: אַזעלכע רחמנותדיגע נשמותלאַך האָבן זיי! באַלד ווינען זיי, אַז זיי הערן עפּעס אַ שלעכטע גזרה אויף עמיצן, זיי האָבן אַלעמען ליב, און זיך אַליין האָבן זיי אויך ליב, אַזוי היים ליב, אַז זיי ווינען און חלשן און ציטערן און צאַפּלען און ווערן פאַרמישט פאַר שרעק, בשעת זיי קריגן מורא, ס׳זאָל זיי, חלילה, עפּעס שלעכטס נישט געשען... אַזעלכע מלאָכימלאַך זיינען דאָס.

מענשן זיינען דאָך נישט גלייך איינער צום אַנדערן, כּרובים אויך נישט, ס׳זיינען פאַראַן פּראָסטע, ס׳זיינען פאַראַן גוטע, גאָר גוטע און גאָר, גאָר גוטע, און ווען דער גאַנצער גן־עדן האָט געראַוויסט פון די כּרובים, וואָס האָבן געציטערט מיט אַלע זייערע זעקס פליגעלאַך, דעמאָלט איז זיך געשטאַנען אין אַ זייט אַ כּרובל און שטיל, גאָר שטיל, געקוקט מיט זיינע בלויע אויגעלאַך אויף אָרמען.

אויגעלאַך האָבן אַלע כּרובים בלויע, דאָך האָט יעדער כּרוב אַנדערע גאָר. אויגעלאַך דאָס זיינען שפּיגעלאַך. דער כּרוב אָבער, וואָס איז געשטאַנען אין אַ זייט, האָט געהאַט גאָר אַנדערע אויגן. זיי האָבן נישט געגלאַנצט, נישט אָפּגעשפּיגלט האָט זיך אין זיי אַלץ, זיי אַליין האָבן געלויכטן. אַ גוט שפּיגעלע, קינדערלאַך, גלאַנצט נאָר, אַז עס איז ליכטיג; דאָס בעסטע שפּיגעלע איז אַזעלכס, וואָס שלאָגט אָפּ דאָס גאַנצע ליכט, וואָס עס קריגט; פּרובט אָבער, שטעלט עס אין גאָר, גאָר אַ פינסטער צימער, לייכט עס גאָרנישט. אָט זעהט איר אַן אבן־טוב, אַזעלכער ווי נח האָט געהאַט אין דער תּבֿה, לייכט אַליין פון זיך. אין דער פינסטער, אדרבה, זעהט מען ערשט נאָך בעסער זיין ליכט. דער כּרוב האָט טאַקע אַן אבן־טוב, אַ גוטע נשמה געהאַט. מיינט נישט אַזוי גלאַט, וואָס אַלע רופן אָן „אַ גוטע נשמה“, דאָס זיינען נאָר פיינע אויסגעשליפענע שפּיגעלאַך, איך מיין „טאַקע אַ גוטע נשמה“; איבער דעם זאָג איך אייך, קינדערלאַך — אַן אבן־טוב.

און מיט זײַנע בריליאַנטענע בלויע אויגעלאַך איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף אָדמען און חוהן, וואָס האָבן ביטער געוויינט און פֿאַרגאָסן אַזוי פֿיל טרערן, אַז אויף דער ערד איז אַ שמאָל ברינעלע טרערן געגאַנגען. די ערד, קינדערלאַך, האָט די טרערן נישט געוואָלט אײַנזאַפּן. די ערד איז אַ גוטע: אַלע פּויערים אין די דערפֿער ווייסן דאָס.

און איר ווייסט וואָס? אונזער כּרובֿל האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס דאָס איז טרערן, וואָס זינד איז, וואָס מען מיינט דאָס עפּעס „שטראָפֿן“, און ער איז געשטאַנען און זיך געוואונדערט, הערנדיג און זעהענדיג ווי ס׳ציטערן אַלע כּרובֿים. „אַזוי שפּילן זיי מיט זייערע פֿליגעלאַך“, האָט ער געטראַכט, „עך, גוטע כּרובֿימלאַך נאַרעלאַך, וואָס עפּעס אַלע צוזאַמען אויסגעטראַכט אַזאַ נאַרישע שפּיל? מען קאָן נאָר מיד ווערן, ווייטער גאָרנישט“. אַזוי האָט ער זיך געטראַכט, און ער האָט געפֿרעגט איין כּרובֿל, אַ צווייט כּרובֿל — קיינער האָט נישט געענטפֿערט. הערסט דו, ווי קאָן מען עפּעס ענטפֿערן, אַז מען ציטערט און פֿלאַטערט פֿאַר שרעק.

ער האָט זיך אַזוי געטראַכט, איך וועל גיין און פֿרעגן אָדמען, איז ער צוגעגאַנגען און געפֿרעגט. אָדם האָט, כליפּענדיג, צוהאַלטנדיג מיט די הענט זײַן פּנים, אַזוי געזאָגט: „פֿון גן־עדן פֿאַרטרײַבט מיך גאָט אין דער ווייטער, ברייטער חושכדיגער וועלט אַרײַן, ווײַל איך האָב געזינדיגט, איך האָב פֿון עץ־הדעת געגעסן; חוה האָט מיך אָנגערעדט, אַלץ איבער איר!“... און חוה האָט געזאָגט אויך כליפּענדיג און צוהאַלטנדיג מיט די הענט דאָס פּנים: „אוי, ווײ! מען פֿאַרטרײַבט אונז פֿון גן־עדן, ווײַל מען האָט געזינדיגט; די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט, אַלץ איבער איר!“...

דאָס כּרובֿל האָט זיך פֿאַרטראַכט הערנדיג, און אויף זײַנע קלאָרע, ליכטיגע אויגן האָט זיך אַ שאָטן, גאָר אַ דינינקער שאָטן געלעגט, און אונטער די בלויע אויגן, אויפֿן געזיכט, האָט זיך אַ קנייטשל, גאָר אַ קליין קנייטשל געמאַכט.

אַזוי, קינדערלאַך! פֿאַר אַן אמתע גוטע נשמה איז זעהר נישט גוט צו זעהן טרערן, ווײַל טרערן קומען אַרויס פֿון זינד, און זינד לייגן שאָטן אויף די אויגן און מאַכן קנייטשן אויפֿן געזיכט.

און אָדם הראשון און חוה האָבן געוויינט און געקרעכצט און צוגעהאַלטן מיט די הענט דאָס פּנים, און דאָס כּרובל האָט אויף זיי געקוקט.

נאָר — איך חיים נישט ווי אַזוי — האָט עפּעס אָדם אַוועקגענומען די הענט פון געזיכט, און אין זיינע אויגן האָט אַריינגעשיינט דעם כּרובס קלאָרער בליק. דער שׂטן איז נאָך נישט געווען צו דער־קענען. עפּעס איז אים אין איין מינוט אַזוי גרינג געוואָרן אויפן האַרצן, עפּעס האָט ער זיך באַלד איבערגעבעטן מיטן לעבן, מיט דער וועטער, בּרייטער הוושכריגער וועלט און מיט זיין שווער מזל אויף איר. ער האָט אַ שטויס געגעבן מיט דער האַנט חוהן און אַזוי געזאָגט: „חוה, זעה נאָר!" — חוה האָט אויך געקוקט אויפן כּרובל, און איר איז אויך לייכט געוואָרן אויפן האַרצן, זי האָט טאַקע באַלד גלייך געמאַכט מיט די הענט די האָר אויפן קאָפּ און האָט אָדמען אַזוי געפרעגט: „זעה נאָר, אָדם, מיין פּנים איז עפּעס גוט איינגעשמירט פון טרערן? בריינג אַביסל וואַסער!"

און דאָס כּרובל איז געשטאַנען און געקוקט, גאָרנישט געזעדט און אַלץ געקוקט אויף אָדמען מיט חוהן אַזוי לאַנג, ביז אָדם און חוה האָבן זיך צעקושט און זיינען אַרויסגעגאַנגען פון גן־עדן, האַלטנדיג זיך פאַר די הענט.

אַלע כּרובים האָבן אויפגעהערט צו ציטערן און האָבן לייכטער אָפּגעזיפצט, עטליכע האָבן געכאַפּט שווערדלאַך אין די הענט און זיך געשטעלט פאַר די טויערן פון גן־עדן. „נאָר גוט היטן! נאָר גוט היטן" — האָבן אַלע נאָכגעשריען, ווייל, חלילה וחס, אוי, ווי, חלילה וחס"... זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן מויל צו ברייגנען.

נאָר אונזער כּרובל דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש געווען. אַז מיין זיידע האָט מיר די מעשׂה דערציילט, האָט ער דריי מאָל אַזוי געזאָגט: „גאָר עפּעס אַנדערש". נישט בחנם האָט זיין אייגענע גוטע נשמה אַרויסגעלויכטן אויף דער וועלט. יאָ, קינדערלאַך, אַן אמתע גוטע נשמה איז אַ ליכט! שטייט עס אויפן אָרט און באַלייכט אַלץ אַרום, אַ גוטע נשמה מאַכט אַלע גוט, עס ווערט אַלעמען גרינגער אויפן האַרצן, אַז זי איז דאָ... יאָ, דאָס איז וואָר, קינדערלאַך!

און אַזוי ווי דאָס פּרובל האָט געזעהן, אַז אָרעמע און חוהן איז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, צײַט ער האָט זיך געשטעלט נעבן זיי, איז ער גאָר שטיל זיי נאָכגעגאַנגען אין דער ווייטער, ברייטער חושכדיגער וועלט אַריין.

עס איז נאָך ביז היינט אין דער וועלט; עס זעהט אויס, ווי אַ ייִנגעלע, אַ קליין ייִנגעלע, ווי אַלע קליינע ייִנגעלאַך; נאָר אויגן האָט עס גאָר אַנדערע, בלויע אַזעלכע... איר ווייסט שוין.

נאָך האָט מיין זיידע אַזוי געזאָגט: „אַזאַ ייִנגעלע איז נאָך קיינמאָל נישט בר מצוה געוואָרן. אַז ער זעהט טרערן און זינד, לייגן זיך אים שאָטן אויף די אויגן און קנייטשן מאַכן זיך אויפן פּנים; און אַז די אויגן ווערן ביי אים טונקל, און דאָס פּנים ווערט געריבצלט, שטאַרבט עס דאָס ייִנגעלע, שטאַרבט עס רוהיג און שטיל, און עס ווערט געבוירן אַ ניי ייִנגעלע... עס וועט קומען אַ צייט, האָט מיין זיידע געענדיגט, אַזאַ ייִנגעלע וועט אויפוואַקסן, וועט בר־מצוה ווערן, דעמאָלט וועט משיח קומען“.

אָט אַזוי האָט מיר מיין זיידע דערציילט.

די מעשה גופא, קינדערלאַך, וועל איך אייך אַן אַנדערש מאָל דערציילן. ווייסט איר, ווען? אַז איר וועט וועלן האָבן אמתע גוטע נשמות, אַזעלכע ווי דער פּרוב, אַז איר וועט שטאַרק, זעהר שטאַרק דאָס באַגערן, דעמאָלט וועל איך אייך דערציילן די מעשה:

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע מיט בלויע אויגן...

II

שוואַרצע אויגן

די צווייטע מעשה הויבט זיך אָן אַזוי:

אַמאָל איז געווען אַ ייִנגעלע, וואָס האָט געהאַט **שוואַרצע אויגן.**

שוואַרצע, נאָר קלאָרע אַזעלכע און טיפע, וואָס קוקן **דורך** און דורך...

נאָר צום ערשטן וועל איך אייך דערציילן פון וואַלד, וואו דאָס ייִנגעלע איז געבאָרן געוואָרן:

אַמאָל איז געווען אַ וואַלד, אַן אַלטער, אַ הויכער, אַ געדיכטער וואַלד... עס האָט גערוישט דער וואַלד, גערוישט בײַטאָג, גערוישט בײַנאַכט, אַ סך, נאָר אַ סך הונדערטער יאָרן אַזוי, ביז עס זײַנען געקומען מענשן מיט זעגן און מיט העק און מיט שטריק — און אים אונטערגעזעגט, אונטערגעהאַקט און אײַנגעוואָרפן, און דאָס האָלץ געפירט אין שטאָט אַרײַן צו פאַרקויפן פאַר געלט.

דאָס געלט האָט צוגענומען דער גרויסער גביר פון דער שטאָט, געהאַקט האָבן די פּויערים פון די דערפער, און אַכטונג געגעבן אויף די פּויערים האָט דער שרײַבער, וואָס האָט געהאַט אַ ייִנגעלע מיט שוואַרצע אויגן.

עס איז זיך געזעסן דאָס ייִנגעלע פאַר דעם פאָטערס שטיבל, אויף דעם פרײַעם שטיק אָרט, וואָס איז געווען אַרום דעם קליינעם הײַזל, געזעסן אין אַ העמדעלע, מיט וואָס דער ווינט האָט זיך געשפּילט, און ער האָט געקוקט אויפן הימל, איבער וועלכן עס זײַנען אַ סך וואָלקנס געלאָפן, און ער האָט אויפגעהאָרכט, ווי עס רוישט מיט כּעס דער וואַלד, וואָס האָט זיך גע־בייזערט: „פאַרוואָס האַקט מען מיך?!“...

נאָך האָט ער געהערט פון ווײַטנס זעגן און קלאַפּן, דערנאָך אַ גרויס גערויש און אַ האַרטן קלאַפּ צוזאַמען, אַ בוים איז אומ־געפאַלן און גערוישט מיט די צווײַגן צום לעצטן מאָל; האָט ער געפרעגט זײַן פאָטער:

— טאַטישי, וואָס רוישט?

האָט דער פאָטער אים געענטפערט:

— מען האַקט די ביימער.

און דאָס ייִנגעלע האָט זיך פאַרטראַכט און געפרעגט

— טאַטישי, פאַרוואָס האַקט מען זיי?

דער טאַטישי האָט געזאָגט:

— אַז דו וועסט גרויס זײַן, וועסטו וויסן.

— טאַטישי, פאַרוואָס? — האָט דאָס ייִנגעלע ווידער געפרעגט און דערבײַ אַזוי ערנסט געקוקט מיט זײַנע שוואַרצע אויגן, עפּנענ־

רינג זיי איינגאַנצן, אַז דער פֿאָטער האָט עפּעס פּלוצלינג זעהר שטאַרק רחמנות געקראָגן אויפֿן יינגעלע. האָט ער אים גע־ענטפֿערט:

— נאַרעלע, אוי, נאַרעלע! מען האַקט די בוימער אויף האָלץ צו פֿאַרקויפֿן אין שטאָט פֿאַר געלט.

„אַ נאַרעלע", האָט זיך דאָס יינגעלע געטראַכט, „בין איך, דער טאַטישי זאָגט אַזוי; ער ווייס גוט, נאָר איך, קליין יינגעלע, נאַרעלע, ווייס נאָרנישט, צו וואָס האַקט מען דעם וואַלד, צו וואָס טויג דאָס עפּעס האָלץ צו פֿאַרקויפֿן אין שטאָט פֿאַר געלט?"...

ווייל דאָס יינגעלע איז נאָך קיינמאָל נישט אין שטאָט געווען, האָט ער נישט געוואוסט, וואָס ס'טייטש „שטאָט", „פֿאַרקויפֿן פֿאַר געלט", האָט ער נישט געוואוסט, וואָס מען מיינט; נאָר ער האָט זיך אויסגעלערנט אויסנווייניג, זיך געפֿרעגט און זיך אַליין געענטפֿערט אַזוי:

— צו וואָס האַקט מען דעם וואַלד?

— צו פֿאַרקויפֿן אין שטאָט פֿאַר געלט!

אַזוי האָט ער זיך געחזרט, ווען נאָר ער האָט געהערט דאָס גע־בייזער פֿון וואַלד, וואָס האָט זיך געבייזערט און באַקלאָגט און באַ־ווײנט די אונטערגעהאַקטע און אַרויסגעפֿירטע בוימער. און דאָס יינגעלע האָט זיך אַלץ גענויט צו טראַכטן: „דער טאַטישי ווייס גוט; איך, קליין יינגעלע, ווייס נאָרנישט".

אַמאָל איז דאָס יינגעלע אויפֿגעקומען בייַנאַכט מיט אַ גרויס געשריי.

עס האָט זיך אים געחלומט, אַז מאַצשיק און וואָיצשעך לייגן אום אַ בוים. אָט הויבן זיי שוין אָן צו קלאַפּן... פּלוצלינג האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אָרט אַ הויכער און אַ ריקער בוים, דער זעלביגער בוים, בײַ וועלכן דאָס יינגעלע איז ערשט נישט לאַנג אַ גאַנצע נאַכט דורכגעשטאַנען, קוקנדיג אויף דעם שטיקעלע אויס־געשטערנטן הימל, וואָס מען האָט געקאָנט אַרויסזעהן פֿון צווישן די בוימער... אַ גאַנצע נאַכט איז ער דאָרט געשטאַנען; אין דערהיים האָט מען אים געזוכט, און אין דערפֿריה, אַז מען האָט אים געפֿונען אַ שלאָפֿנדיגן בײַם בוים, האָט מען אים אויפֿגעוועקט און געזידלט און געשלאָגן... און ער האָט געוויינט און האָט נישט

געוואוסט, פֿאַרוואָס מען שלאָגט אים: „ראָ״, האָט ער זיך גער־
טראַכט, „ביים בוים, איז מיר גוט געווען, וואָס ווילן זיי פֿון מיר?״...
אָט דער זעלבער בוים כאַפּט זיך אויף פֿון אָרט, כאַפּט אַ זעג
אין איין האַנט, אַ האַק אין דער אַנדערער און לויפֿט צו מיט
כּעס... און וואָס נעהענטער ער קומט צו, ווערט ער אַלץ ענליכער
צו אַ מענטשן, אַ הויכן, אַ ריזיגן מענטשן... עס באַווייזן זיך זיינע
צוויי ברענענדיקע אויגן... אָט הויבט ער אויף די האַק, האַקט אָפּ
מאַטשיקן דעם קאָפּ, דערנאָך וואַיצשעכן, דערנאָך זיין פֿאָטער,
זיין מוטער... אַלע ליגן טויט... און ער לויפֿט אַלץ מיט דער
האַק, לויפֿט און לויפֿט מיט אימפּעט, מיט כּעס, און ער זוכט
עפּעס מיט זיינע ברענענדיקע אויגן. אָט האָט ער אים דערזעהן און
הויבט אויף די האַק איבער זיין קאָפּ... דאָ איז דאָס ייִנגעלע
אַרויס מיט אַ געשריי: „אוי, געוואַלד! איך בין גאָרנישט שול־
דיק! אויף מיין נאמנות! אוי, געוואַלד!״... און ער איז אויפֿ־
געשטאַנען.

אַז די מוטער איז צוגעלאָפֿן צום ייִנגלס בעט, האָט ער זי
אַרומגענומען מיט די הענט, איינגעטוליעט זיין קאָפּ אין איר ברוסט
און געוויינט:

— מאַמישי, מאַמישי! — האָט ער געזיפֿצט.

און אַז די מוטער האָט אים געבעטן, ער זאָל דערציילן, וואָס
ער האָט געשריען, האָט ער גאָרנישט געקאָנט ענטפֿערן און האָט
אַלץ נאָר געשריען: מאַמישי, מאַמישי!

אין דערפֿריה, אַז ער איז נאָך געלעגן אין בעט און אים האָט
זיך דערמאָנט זיין חלום, האָט ער זיך זעהר געשראָקן. קיינער
איז שוין נישט געווען אין שטוב; די מוטער איז געגאַנגען מעלקן די
קו, און דער פֿאָטער איז געווען אין וואַלד... עפּעס אַזאַ שטילע,
נאָר זעהר שווערע שרעק, האָט אים איינגאַנצן דורכגענומען...
ער האָט זיך געשטעלט נעבן פֿענסטער און אַרויסגעקוקט, און
אים איז פּלוצלינג אַ גרויסער רחמנות געוואָרן אויף אַלץ, וואָס
ער האָט געדיינקט... קושן האָט זיך אים געוואָלט אַלץ, קושן און
וויינען, פֿעסט אַרומנעמען מיט זיינע הענט און פֿאַרדישען אויף
טויט!... אין מיטן האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס דער פֿאָטער האָט
אים געזאָגט:

— נאַרעלע, אויף האָלץ צו פאַרקויפן אין שטאָט פאַר געלט.
און ער האָט ווידער זיך געטראַכט, אַז ער איז אַ נאַרעלע, אַז ער ווייס גאָרנישט, אַז דער טאַטישי ווייס אַלץ גוט...
— אַ נאַרעלע בין איך — האָט ער זיך געחורט און איז אַרויס־געגאַנגען פון הייזל.

אין דרויסן האָט ער געזעהן, ווי מאַצשיק און וואַיצשעך לייגן אַ בוים. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן גראָז און צוגעקוקט... פלוצלינג האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ווילדע מורא: עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער בוים קריגט צוויי גרויסע, לאַנגע הענט, אָט לאָזט ער זיי אַראָפּ צו דער ערד... אַוראַי צו כאַפּן די האַק!... וואַיצשעך קלאָפּט מיט דער האַק, דער בוים שאָקלט זיך ביין... פלוצלינג האָט זיך געהערט אַ גרוים גערויש, דער בוים איז אומ־געפאַלן. דערנאָך האָט זיך געהערט מאַצשיקס וויינענדיק שרייענ־דיג קול, אַרום און אַרום האָט עס געקלונגען פון אַלע זייטן:
וואַיצשעך איז דערהרגעט.

מיד איז דאָס ייִנגעלע צוגעפאַלן מיט דעם קאָפּ צום גראָז. עס האָט אים געשווינדלט פאַר די אויגן... דערנאָך, אַז ער איז צוגעגאַנגען, האָט ער געזעהן וואַיצשעכן ליגן מיט אַ פאַר־בלוטיגטן, צעהאַקטן קאָפּ, מאַצשיק האָט געגאָסן וואַסער אויף זיין פּנים, וואַיצשעך האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן, נאָר געזיפצט, שווער אַזוי געזיפצט, און גאָרנישט גערעדט... דאָס ייִנגעלע איז אַרוים מיט אַ געוויין און האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז דער פאָטער האָט אים גענומען פאַר דער האַנט, אַהיים געפירט און געלעגט אויפן בעט.

אַז דער פאָטער איז צוריק אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך דאָס ייִנגעלע אויפגעהויבן פון בעט און צוגעגאַנגען צום פענסטער. ער האָט געזעהן, ווי מאַצשיק און נאָך אַ פּויער טראָגן וואַיצשעכן פאַרן קאָפּ און פאַר די פיס. מאַריאַשאַ, וואַיצשעכס ווייב האָט נאָכ־געטראָגן די שטיוול, וואָס זי האָט אַראָפּגעצויגן פון די פיס. זי האָט זיי באַטראַכט פון אַלע זייטן, געדרייט אין דער האַנט און געקלערט, וויפיל די שטיוול זיינען נאָך ווערט צו פאַרקויפן פאַר געלט... און וואַיצשעך איז געלעגן שטיל, שוין גאָרנישט געזיפצט און געלאָזט זיך רוהיג טראָגן...

אַרײַנקוקנדיק זיך, האָט זיך דאָס ייִנגעלע ווידער זעהר שטאַרק פאַרווײַנט. „דאָס זײַנען זיי זיך נוקם, די בוימער!" — האָט ער געטראַכט... נאָר ער האָט זיך ווידער דערמאָנט דעם פאָטערס ווערטער און ווידער האָט ער געטראַכט, אַז ער איז נאָך אַ ייִנגעלע אַ נאַרעלע, אַז ער ווייס גאָרנישט, און דער טאַטישי ווייס אַלץ גוט...

אויף מאָרגן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס ייִנגעלע האָט זיך באַרוהיגט, ער איז טאַקע שטיל געוואָרן פון דעמאָלט אָן, שוין מער נישט געפרעגט קיין שאַלות בײַם פאָטער אַזוי אָפט ווי ביז אַהער...

אין דער שטיל האָט זײַן קינדעריש האַרץ געקלאַפּט: „צי דער טאַטישי ווייס טאַקע אַלץ אַזוי גוט?"... עפּעס האָט ער מורא געהאַט צו קוקן דעם טאַטן גלײַך אין די אויגן... און ער האָט זיך אָפט פאַרטראַכט, נאָר טיף פאַרטראַכט, און זעלטן, זעהר זעלטן אַמאָל געוויינט; טרערן האָבן זיך אים אָפט געשטעלט אין די אויגן, נאָר אַרויסקאָלערן זיך אויף די באַקן האָבן זיי נישט געוואָלט.

פאַרשטייט איר, אין דעם ייִנגלס קעפּל, וואו ביז אַהער איז געווען אַזוי רוהיג און גראָס, וואו ביז אַהער האָבן זיך ריינע געדאַנקען נאָר געשפּינט און געוועבט, האָט זיך איצט אַ שוואַרצער וואָרים אַרײַנגענגבעט, און די שוואַרצע אויגן זײַנע זײַנען טיפער, נאָר אויך טונקעלער געוואָרן...

שלעכט און ביטער, קינדערלאַך, איז צו לעבן אויף דער וועלט, אַז די אויגן ווערן טונקל, אַז זיי פאַרלירן פון טאָג זייער קלאָרקייט. מיינט נישט, ווײַל מיט טונקעלע אויגן קאָן קיינער נישט לעבן אויף דער וועלט. לעבן קאָנען אַלע, האָט מײַן זיידע געזאָגט, אַפילו אַ וואָלף, ווײַל וואָס פאַר אַ אויגן יעדער האָט, אַזעלכע נשמה האָט ער. קלאָרע אויגן פאַר קלאָרע נשמות, טונקעלע — פאַר טונקעלע. נאָר אָך און ווי איז צו דער קלאָרער נשמה, וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט אַזעלכע אויגן, וואָס ווערן טונקל פון טאָג אויף טאָג. אַ קלאָרע נשמה ברויך צו זעהן אַ קלאָרע

אַ ריינע וועלט; און ווערן די אויגן טונקל, שיינט די גאַנצע וועלט אַריין דורך זיי טונקל, און אַז די ריינע נשמה ווערט מיר שוין צו פאַרטראָגן די טונקעלע וועלט, רעמאָלט איז דאָס לעבן שלעכט און ביטער, זעהר שלעכט און זעהר ביטער, קינדערלאַך.

הערט ווייטער די מעשה:

אין אַ יאָר אַרום, אַז דער וואַלד איז שוין געווען אינגאַנצן אויסגעהאַקט, האָט זיך דער שרייבער מיט זיין ווייב און מיטן יינגעלע איבערגעצויגן אין דער שטאָט אַריין. דאָרט האָבן זיי נאָר ווייניג געלט פאַרדינט, האָבן זיי גאָר ווייניג עסן געהאַט, אַ סך מאָל האָט דאָס יינגעלע געזאָגט צום פאָטער:

— טאַטישי, גיב מיר עסן.

האָט דער פאָטער אים געענטפערט:

— שטיל, זונישי, באַלד וועט מען דיר געבן, באַלד, באַלד.

דאָס יינגעלע האָט זיך געטראַכט, אַז מען וועט אים טאַקע באַלד געבן, האָט ער שטיל געוואַרט, גאָרנישט גערעדט, נישט געבעטן עסן, כאָטש אים האָט זעהר געהונגערט. נאָר אַז די מאַמע האָט אים גענומען אויסטון און לייגן שלאָפן, האָט ער זיך נישט געלאָזט, און דעמאָלט האָט ער מיט זיינע יונגע פרישע ציין אַ קריץ געגעבן, זעהר בייז געקוקט, און שטיל, ווי צו זיך, געזאָגט:

— דער טאַטישי נאַרט אוים.

אַ סך מאָל האָט זיך דאָס געטראָפן...

און אין זיינע שוואַרצע אויגן האָט שוין אָנגעהויבן אויפצופינקלען דאָס בייזע פייער — דער כעס. איינמאָל אין דער־פריה האָט דער פאָטער אויפגעוועקט דאָס יינגעלע און געזאָגט, אַז היינט וועט ער אים פירן אין חדר אַריין. דאָס יינגעלע האָט געפרעגט פאַרוואונדערט:

— צו וואָס, טאַטישי, אין חדר אַריין?

— לערנען די הייליגע תורה, קינדרישי!

נאָר דאָס יינגעלע האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער טאַטישי מיינט.

דער פֿאָטער האָט גענומען אַ טלית, אַרומגעהילט דאָס ייִנגעלע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און געטראָגן. דעם ייִנגעלע האָט אָטעם פֿאַרפֿעלט און פֿינסטער איז אים געווען אונטערן טלית. האָט ער זיך געבעטן:

— טאַטישי, וויקל אויף!

דער טאַטישי האָט נישט געענטפֿערט, איז דאָס ייִנגעלע בייז געוואָרן, געביסן מיט די ציין דעם טלית און געקאָפּעט מיט די פֿיס. און אַז דער טאַטע האָט אים אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער האַנט און געזאָגט: „שקץ, קאָפּע נישט" — האָט דאָס ייִנגעלע אויפֿגעהערט צו קאָפּען און זיך שטאַרק פֿאַרוויינט.

די ייִנגלאַך פֿון חדר זיינען אים געפֿעלן, ער איז צו יעדן צוגעגאַנגען, שטיל געקוקט אויף יעדן מיט זיינע שוואַרצע אויגן, געפֿרעגט, ווי יעדער הייסט, און דערצו געזאָגט:

— איך הייס „חיים", מיר וועלן זיין חבר, יאָ?

אַז דאָס ייִנגעלע האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער באַנק, איז צו אים צוגעגאַנגען שמעון, אַ ייִנגעלע גאָר שיין אָנגעטאָן: שיינע הויזלאַך מיט שיינע קנעפּלאַך און אַ היטעלע מיט אַ לאַמפּאַס. דאָס איז געווען דעם גבירס ייִנגעלע. שמעון האָט באַטראַכט דאָס ייִנגעלע פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, נאָר חיים, אונזער ייִנגעלע, האָט שמעונען נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, ווייל ווען שמעון האָט געקוקט, האָט ער אַזוי אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ, און אַז ער האָט גערעדט, האָט ער אַזוי געשליידערט מיט דער האַנט אין אַלע זייטן, אַז אונזער ייִנגעלע איז שווער געווען צו קוקן אויף אים.

איר ווילט וויסן, קינדערלאַך, וואָס פֿאַר אַ אויגן שמעון האָט געהאַט? זעהט איר, איך ווייס אַליין נישט. עפּעס אַזוי, נישט שוואַרצע, נישט בלויע, עס איז גאָרנישט מעגליך געווען איינצוקוקן זיך אין זיי, אַזוי געוואָרפֿן האָט ער מיט זיי אין אַלע זייטן...

שמעון איז צוגעגאַנגען צום ייִנגעלע, אים אַראָפּגענומען דאָס היטעלע פֿון קאָפּ און געדרייט אין אַלע זייטן און געזאָגט צו אונזער ייִנגעלע, צו דעם חיימלען:

— פֿע, גאָרנישט שיין, זעהסט? איך האָב אַ שיין היטעלע, מיט אַ לאַמפּאַס, זעהסט?

ער איז אַוועקגעגאַנגען, באַלד צוריקגעקומען און געזאָגט:

— פע, ס׳אַרענע הויזן! זעהסט?... און איז ווידער אַוועקגעגאַנגען.

אונזער יינגעלע האָט זיך געוואָלט וויינען. דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט: „פאַרוואָס האָב איך נישט קיין היטעלע און שיינע הויזעלאַך?! — האָט ער זיך געטראַכט און געביסן זיין צונג מיט די ציין.

נאָר וויינען האָט ער נישט געקאָנט אויך דעמאָלט, ווען דער באַהעלפער איז צוגעגאַנגען צו אים און אַ קלאַפּ געגעבן איבער דער האַנט, זאָגנדיג:

— אַ יינגעלע טאָר נישט זיצן מיט אַ בלויזן קאָפּ, אַ שקץ זיצט מיט אַ בלויזן קאָפּ, נאָך אַמאָל וועט מען דיך אָנשמייסן.

דאָ האָט ער אויך געוואָלט וויינען, און נישט געקאָנט, און פון דעם, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער קאָן נישט וויינען, איז אים זעהר שווער געווען אויפן האַרצן.

דער רבי, אַן אַלטער בייזער רבי, וואָס דאָס יינגעלע האָט אים נישט געקאָנט קוקן אין די אויגן אַריין גלייך, האָט דעם יינגעלע געזאָגט:

— קום אַריין, חיים, אַז דו וועסט לערנען און וועסט קענען דעם אַלף מיט דעם בית, וועט דער מלאך פּימפּער קומען צו פליהען און דיר אַראָפּוואַרפן אַ גראָשן, אַ גאָלדענעם גראָשן.

און דאָס יינגעלע האָט מיט גרויס חשק געלערנט און האָט זיך געטראַכט: „איך וועל קענען דעם אַלף מיט דעם בית, וועט דער מלאך פּימפּער קומען, אַ גוטער מלאך״...

און אַז דער רבי האָט אַ נייעם נאָמען אויסגערופן, האָט זיך אונזער יינגעלע אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך געוואונדערט: „וואו איז דער מלאך?״... האָט ער געפרעגט דעם רבין, לאַנג איז ער געשטאַנען, נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ביז דער רבי האָט אים אָפּגעשמיסן.

דאָס יינגעלע האָט גאָרנישט געוויינט, נאָר פאַר זיך געזאָגט:

— דער רבי נאַרט אויס. די מאַמישי [illegible]נאַרט אויס. אַלע נאַרן אויס — און איך בין נישט קיין שקץ!

'אַנג האָט דער רבי אים געשלאָגן, ביז דאָס יינגעלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט דעם רבין גלייך אין די אויגן אַריין, דעמאָלט איז דעם רבין אַ רחמנות געוואָרן אויף אים און ער האָט זיך שיער נישט צעוויינט.

אַז דאָס יינגעלע איז צוריקגעגאַנגען אויף זיין אָרט אַן אָפּגעשמיסענער, איז שמעון צו אים צוגעשפּרונגען, און, הויבנדיק דעם קאָפּ אין דער הייך, ביי יעדן וואָרט געזאָגט:

מע, מע, געשמיסענער! מע, מע, געשמיסענער!

און דאָס יינגעלע האָט געזאָגט:

— דער טאַטישי, די מאַמישי, דער רבי — אַלע נאַרן אויס, און דו, יינגעלע, ביסט אַזוי ווי אַ הונט אַ שלעכטער.

— מע, מע, געשמיסענער! — האָט שמעון געענטפערט און אים געשפּיגן אין פּנים אַריין.

דאָ איז דאָס יינגעלע בייז געוואָרן, צוגעלאָפן מיט כּעס צו שמעונען און זיך איינגעביסן מיט די ציין אין שמעונס האַנט און געשריגן:

— דו שלעכטער הונט! דו שלעכטער הונט!

און נאָך אַמאָל האָט מען דאָס יינגעלע געשלאָגן אין חדר. אין דערהיים ווידער, אַז דער באַהעלפער האָט דערציילט, וואָס דאָס יינגעלע האָט געטאָן אין חדר, האָבן פאָטער און מוטער אים ווידער געזידלט און געשלאָגן.

— אַ שקץ ביסט דו! — האָט דער טאַטע געזאָגט, אַן עזות פּנים, וואַרט, איך וועל דיך שוין לערנען מוסר.

און די מאַמע האָט געזאָגט:

— ווי איז מיר! גאָטס שטראָף האָט מיך געטראָפן אַזאַ זון צו האָבן, קיינער קאָן אים נישט ליידן! ווי איז מיר! אַ בן סורר ומורה וועט פון אים אויסוואַקסן!

נאָר דאָס יינגעלע האָט פון דעמאָלט אָן שוין גאָרנישט געענטפערט, נאָר פאַר זיך האָט ער זיך געחזרט:

— זיי אַלע נאַרן אויס! איך בין נישט קיין סורר ומורה.

און טאָג־טעגליך איז דאָס יינגעלע געגאַנגען אין חדר, און טאָג־טעגליך האָט אים דער רבי געשלאָגן, אַזוי לאַנג ביז דער

בליק פון זיינע אויגן האָט זיך אָנגעשלאָגן אין בליק פונם יינגלס אויגן.

און דאָס יינגעלע האָט גאָרנישט גערעדט, קיינמאָל שוין נישט געוויינט, נאָר טיף אין מח האָט ער אַ שווערע מחשבה געטראָגן:

ער האָט אַמאָל געהערט, אַז אין דער הייליגער תורה שטייט געשריבן, אַז ערגעץ דאָרט אין טיפן וואַלד איז פאַראַן אַ קליין בערגעלע, און אויף דעם בערגעלע איז פאַראַן אַ קליין רעקעלע, און דאָרט האָט גאָט באַהאַלטן די שטאַרקע ווינטן, וואָס אַז מען זאָל עפענען דאָס טירעלע און זיי אַרויסלאָזן, וועלן זיי חרוב מאַכן די וועלט, די גאַנצע וועלט, ווי זי שטייט און גייט. ער האָט געהערט, אַז דאָרט אויף דעם טירל שטייט אויפגעשריבן מיט גרויסע געכתיבהטע אותיות: „חררי—סופה“ און אַז אַ קראָה שטייט דאָרט און קוואָקעט בייטאָג און ביינאַכט... „הע! ווען איך וואָלט געקאָנט געפינען דאָס בערגעלע“, האָט ער זיך געטראַכט, „אָט וואָלט שוין גוט געווען! איין עפן געבן, און — שוין!!“...

דערווייל איז ער אָבער קראַנק געוואָרן. אַ גאַנצן חודש געקרענקט, און אַז ער איז אויפגעשטאַנען פון דער קרענק, האָט ער כמעט ווי פאַרגעסן אין דעם בערגעלע, כאָטש ער האָט גוט געדענקט, אַז ער ברויך עפּעס צו טון, אַז ער מוז עפּעס טון, וואָס אַזוינס האָט ער נישט געדענקט.

און אַז ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו גיין אין חדר, נאָך זעהה שוואַך און בלאַס אויפן פּנים געווען, און דער רבי האָט אים נישט געשלאָגן, האָט ער זיך אַביסל באַרוהיגט. כאָטש טיף אין האַרצן בײַ אים האָט זיך עפּעס אַלץ־אין־איינעם אָנגערופן, אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן, עפּעס אַזעלכס, וואָס מען ברויך נישט, וואָס מען טאָר נישט פאַרגעסן.

אַמאָל — דעמאָלט האָט ער שוין חומש געלערנט — איז דער רבי געזעסן און געלערנט, און די רביצין האָט געשיילט קאַרטאָפלעס און געשאָלטן דעם רבין, אין מיטן האָט זי זיך דעם פינגער צעשניטן און אויפגעהערט צו שעלטן. דער רבי האָט געקוקט ווי עס בלוטיגט דער פינגער און שטיל געזאָגט: „אַ

שיינע ריינע כפרה!" און פאַר גרויס שמחה געכאַפּט דעם קאַנטשיק און אַ שמיץ געגעבן אונזער יינגעלע איבערן פּנים.

דאָס יינגעלע האָט מיט כעס אַרויסגעכאַפּט דעם קאַנטשיק פון רבינס האַנט און געוואָרפן אונטערן טיש אַרונטער. דער רבי איז בייז געוואָרן און האָט דאָס יינגעלע געשמיסן, לאַנג גע־שמיסן, דאָס יינגעלע האָט זיך אין אָנהויב נישט געלאָזט, דער־נאָך אָבער איז ער מיד געוואָרן און געבליבן ליגן שטיל.

אין מיטן אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם בערגעלע, וואָס ער האָט זיך פאַרגענומען פאַר דער קריינק, און ער האָט זיך מיט איין ריר אַרויסגעריסן און געלאָפן — — — אין וואַלד אַריין. וואָס ווייטער איז געווען, קינדערלאַך, ווייס איך נישט, ער האָט אוראַי לאַנג געבלאָנדזשעט, ביז די נשמה איז אים אַרויסגעגאַנגען אויפן פעלה ערגעץ, די נשמה, וואָס האָט נישט געקאָנט די וועלט פאַרטראָגן.

אָט אַזוי, קינדערלאַך!

אַמאָל איז געווען אַ יינגעלע, שוואַרצע אויגעלאַך האָט דאָס יינגעלע געהאַט...

דער רָב און דעם רָבס זון

די שבתדיגע סעורה ענדיגט זיך, און דער סאַקענער רב ווישט איבער מיט די הענט זיין פרום, צופרידן פנים, ציהט אויס ביידע פאות, מאַכט גלייך דעם ספּאָדיק אויפן קאָפּ און גרייט זיך אָן צו זאָגן אַ שטיקל תורה, מיט וועלכער גאָט ברוך הוא האָט אים גע־לייטזעליגט. ביים טיש זיצן נאָך: פון איין זייט אַן אורח, אַ ליבאַוויטשער חסיד, ווי דער רב, אַ ייד מיט אַ געלער באָרד און פאות און מיט זעהר אַ ברודיגן קאָלנער פון העמד, וואָס שטעקט אַרויס פון אונטער אַ געל, ברודיג טיכל, וואָס איז אַרומ־געוויקלט איבערן האַלז; פון דער אַנדערער זייט זיצט דעם רבס זון שלום, אַן אַכצען יאָריגער בחור מיט אַ לאַנג בלייכליך פנים, טיפע, אַביסל פאַרטראַכטע אויגן, אין אַ סאַמעטן היטל, נאָר אָפּגעשוירענע פאות — אַ באַהאַלטענער משכיל, וואָס שרייבט לשון־קודשע שירים און קלערט אויסצוואַקסן אַמאָל אַ גרויסער יידישער משורר. די רביצין איז קראַנק אויף רעוומאַטיזם שוין אַ פּאָר חדשים און ליגט אין דער אַנדערער שטוב.

דער רב איז בטבע אַן ענו, און תורה צו זאָגן קומט אים אָן זעהר נישט גרינג. גלאַט אַזוי נעמען אַ פסוק פון דער הייליגער תורה און זאָגן: „דער פשט איז אַזוי און אַזוי", האָט ער ניט די העזה און שעמט זיך עפּעס פאַר אַנדערע; אַשטייגער, ווי ער וואָלט ליגן געזאָגט. ביז פינף און צוואַנציג יאָר איז ער געווען אַ מתנגד, נאָר מיטן סאַקענער רבנות איז ער ביסלעכוויז געוואָרן אַ חסיד; היינט איז ער שיין איבער פופציג יאָר, פאָרט צום רבין און קומט אַהיים יעדעס מאָל מיט אַלץ אַ געשטאַרקטע־רער אמונה. און יעדעס מאָל נאָך דער נסיעה קריגט ער שטאַרק חשק אַליין צו זאָגן אַ שטיקל תורה; און קוים קומט אים

אין קאָפּ אַריין עפּעס אַן איינפאַל, דריקט עס אים אויפן האַרצן, ווייל ער איז נישט דרייסט צו זאָגן.

דער עיקר קומט אים אָן שווער דער ערשטער אַרויספאָר. ער װאָלט געקאָנט מאַכן, ווי דער רבי מאַכט: „ער זאָל לעבן" גיט אַ רוק דאָס ביינקל, קוקט אָן אַלע, וואָס זיצן ביים טיש, מיט אַ שטריינגען, אַביסל בייזן בליק... דערנאָך — אַ קרעכץ... נאָר נאָכמאַכן שעמט זיך דער סאַקענער רב: צי האָט ער מורא, מען זאָל אים נישט כאַפּן דערביי?

ער לאָזט אַראָפּ די אויגן, האַלט מיט איין האַנט צו דעם שטערן, מיט דער אַנדערער שפּילט ער זיך מיט אַ מעסער אויפן טיש, און הויבט אָן שטיל, קוים וואָס מען הערט:

— כי תצא למלחמה על אויבך — אויבך — דער יצר הרע, אוי—אוי—אַ... ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווערט אַביסל דרייסטער, טייטשט ווייטער דעם פּסוק און קומט אַלץ מער אַריין אין דער ראָל. ער קוקט שוין איצט דרייסט דעם אורח אין פּנים אַריין. דער אורח פאַרקרימט זיך אויך, גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, נאָר די אויגן זיינע קאָנען זיך באַין אופן נישט אָפּרייסן פונם פלעשל בראָנפן, וואָס שטייט אויפן טיש, און ער קאָן זיך ניט אויס־וואונדערן, ווי אַזוי איז דאָס עפּעס מעגליך, אַז ס׳זאָל בלייבן אַזוי פיל בראָנפן נאָכן עסן. און אַז דער רב קומט צו צום ענין, אַז „בשביה" — אין געפענגעניש — מיינט מען די „מרות רעות" און „אשה יפת תואר" מיינט מען, אַז יעדע שלעכטע מדה האָט איר גוטן צד — דאָ קאָן זיך דער אורח שוין נישט איינהאַלטן, כאַפּט עפּעס אומגעלומפּערט, מיט אַ מין איילעניש, דאָס פלעשל, גיסט זיך אָן אַ גלעזל בראָנפן, פאַרגיסט אַוש אַ שטיק טישטוך און טרינקט מיט אַ צוריקגעלאָזטן קאָפּ, מיט איין שלונג, ווי אַן עכטער שכור, זאָגנדיג פריהער אַ פאַרשלאָפענעם, הייזערינגן „לחיים". אויפן רבס באַגייסטערונג ווירקט עס שלעכט, „עס צעמישט אים די מוחות", און ער קערט זיך אום צום זון.

אין דער אמתן, האָט דער רב אין דעם ענין פון תורה ניט קיין סך צוטרויען צום זון, כאָטש ליב האָט ער אים זעהר, ווייל ער איז דאָס איינציגע קינד זיינס, פון וועמען ער רעכנט מיט גאָטס הילף צו האָבן נחת, און וואָס וועט נאָך הונדערט יאָר

איבערנעמען דאָס סאַקענער רבנות. דער עלטערער זון איז רײַך, נאָר אַ פּראָצענטניק, און דער אַלטער איז פון זײַנע עשירות אײַנגאַנצן ניט צופרידן. אַ טאָכטער האָט ער געהאַט, איז זי געשטאָרבן און איבערגעלאָזט קלײנע יתומים... געבליבן איז אים נאָר שלום. אַ גוטן קאָפּ האָט ער, לערנען קען ער וואויל, אַ שטיל קינד, אַ צימטינער... אַ שטיקל עקשן איז ער אַפילו, אײַנגעשפּאַרט אַביסל — נאָר דאָס קאָן ניט שאָרן פאַר אַ ייִנגל, טראַכט דער אַלטער. אמת אויך, אַז יענע וואָך האָט מען אים „לשון הרע" דערציילט אויף שלומען: ער לעזט אַפּיקורסישע ביכלאַך און שבת האָט מען אים געזעהן טראָגן... נאָר דער אַלטער גלויבט נישט. ער וויל ניט און קאָן ניט גלויבן, און גלאַט, — האָט ער אַוודאי שוין תשובה געטאָן... „אַז אַ תלמיד חכם זינדיגט בײַטאָג, טאָר מען בײַנאַכט שוין ניט קלערן וועגן דעם", ווײַל אַ תלמיד חכם טוט תשובה, אַזוי שטייט אין דער גמרא.

פונדעסטוועגן זײַן אײגענע תורה אים צו זאָגן שעמט זיך עפּעס דער אַלטער. אַז שלום וויל ניט פאָרן צום רבין, דאָס ווייסט ער זיכער.

נאָר דער אורח מיט זײַן בראָנפן טרינקען האָט אים אַזוי צעררודערט, אַז ער קוקט איצט אויפן זון עפּעס מיט אַ ווײַבקייט, ער בעט רחמנות בײַ אים: „הער מיך אויס, שלום, וואָס שאַדט עס דיר?" — רעדט זײַן בליק.

שלום דרייט זיך אויס און רוקט זיך צו, שפּאַרט אונטער מיט דער האַנט דעם קאָפּ און קוקט דעם אַלטן אין די אויגן אַרײַן — פאַר כבוד וועגן. ער האָט דעם אַלטן אויך ליב, נאָר אין תוך איז ער פאַרוואונדערט: ער רעכנט, אַז דער אַלטער ברויך שוין מער צו וויסן וועגן זײַן אַפּיקורסות, — עס וואָלט שוין צייט געווען... ער קוקט שטום, פאַרוואונדערט, אַביסל מיט רחמנות און הערט אַ רגע ניט אויף צו טראַכטן: „אויף מײַנע נאמנות, טאַטע, ביסט אַ גרויסער בטלן!"

נאָר ווען דער רב איז צוגעקומען אין מיטן שמועס צום ענין פון „מיתת נשיקה", ווי אַזוי די צדיקים פאַר גרויס דבקות שטאַרבן דורך גאָט־ברוך־הוא'ס קוש, — האָט אין שלומס אויגן

פּלוצלינג אויפגעלויכטן עפּעס אַ פייערל, און ער האָט זיך איבער־געריקט אויפן אָרט. דאָ האָט זיך געטראָפן איינער פון יענע וואונדער, וואָס טרעפן זיך זעהר אָפט, נאָר מען באַמערקט זיי זעלטן: פון דער חסידישער תּורה איז ביי שלומען אין קאָפּ געבוירן געוואָרן אַ וואוילער געדאַנק אויף אַ ראָמאַנס. עס איז דאָך אַן אַלטער כּלל, אַז מענשן פאַרשטייען פון דעם אַלעם, וואָס זיי זעהען און הערן נאָר דאָס, וואָס גלוסט זיך זיי. שלום איז נאָר אַנטציקט געוואָרן: שטאַרבן וויל ער דאָך, איז דאָך גאַנץ וואויל און גאַנץ געראָטן, אַז זיין געליבטע זאָל אים אויפן טויטן בעט קושן, און רעמאָלט טאָקע, אין דער איינענער רגע, וועט זיין נשמה אויסגיין.

די אידייע איז אים אַזוי געפעלן, אַז באַלד נאָכן בענטשן, ווען דער אורח איז אַוועקגעגאַנגען ,און דער רב האָט זיך געלעגט שלאָפן אין דער אַנדערער שטוב, האָט ער זיך גענומען שרייבן. ער האָט געהאַט גרויס האַרצקלאַפּעניש ביים צוגרייטן זיך צום אויפשרייבן, נאָר די מעשה גופא, אויפצושרייבן שבת נאָכן עסן אַ שיר ביים פאָטער אין דער בית־דין־שטוב, איז ביי אים געווען עפּעס אַ גבורה־שטיק, אַזאַ מין זאַך, וואָס לוינט דערפאַר זיך איינצושטעלן. פון זיין פאַרשלאָסן קעסטל האָט ער אַרויסגענומען דאָס שרייב־געצייג, און מיט אַ טינטאָרן־פעדער אין איין האַנט און מיט אַ העפט שירים אין דער צווייטער איז ער צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צום טיש.

ער האָט פאַרלענט דעם טישטוך, אַנידערגעשטעלט דאָס שרייב־געצייג אויפן טיש און האָט זיך נאָך אַמאָל אומגעקוקט, צי קיינער איז נישטאָ אין דער שטוב. געטראַכט האָט ער וועגן דעם, אַז דער רב, ווען ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, הוסט ער; און אַז ער גייט, שלעפּט ער אַזוי נאָך די פיס און קלאַפּט אַזוי מיט די לאַנגע לאַטשן, אַז מען קאָן אַפילו אין דער דריטער שטוב הערן. דאָס הייסט, אַז ער קאָן זיין רוהיג.

ער ווערט רוהיגער, לעזט די אָנגעשריבענע שירים, און דאָס פּנים זיינס זאָגט, אַז ער איז צופרידן פון די שירים. ער וויל שוין צוזאַמענזעמען די געדאַנקען צום נייעם שיר, נאָר עפּעס אַ זאַך לאָזט אים נישט: ער כאַפּט דעם :אַרטל, מיט וואָס ער איז

צוגעגאַרטלט, וויקלט אים אויף און וואַרפט אים אַוועק צעוואָרפן אויפן רבס אויסגעבעטן שטול.

און איצט, אַז קיין שום זאַך שטערט שוין נישט, ברויך צו געשען נאָך אַ וואונדער: דעם רבס תּורה, וואָס איז אין שלומס מח איבערגעקערט געוואָרן אויף אַ ראָמאַנטישע אידייע, ברויך איבערצוגיין בּיסלעכווייז פון מח אין האַרצן אַריין, פון ראַנען ברויך זי זיך צוריק אויסצוגיסן אויפן פּאַפּיר און איבערגעטראָגן צו ווערן אין אַנדערע מחות אַריין פון שלומס באַקאַנטע, וואָס לעזן זיינע ראָמאַנסן מיט התלהבות און האָבן פון זיי גאַנץ שלעכטע נעראַנקען ביינאַכט.

און ער הויבּט זיך אָן צו פילן, ווי ער וואָלט געלעגן אויפן טויטן בעט, קראַנק, שוואַך, אָהן לשון, מיט פאַרגלאָצטע אויגן... זעהן זעהט ער גאָרנישט, נאָר ער דערפילט אויף זיין באַק אַ קוש, אַ לייכטן, אַ רינעם... עפּעס הערט זיין נשמה אַזאַ זיס קול... ער וויל אַרויסנעמען די הענט פון אונטער דער קאָלדרע און קאָן נישט — ער שטאַרבּט — — טונקל ווערט...

און אין שלומס אויגן באַווייזט זיך עפּעס נאָר אַ ליכטיגער, אומגעווייגליכער גלאַנץ; דאָס האַרץ איז אָנגעלאָדן מיט גרויס געפיל, וואָס וויל זיך אַרויסרייסן; אין מח גייט אַ גיכע, לויפנדיגע אַרבעט: דער גאַנצער לעקסיקאָן ווערטער, דער גאַנצער אוצר פון באַגריפן און פאָרשטעלונגען ווערט איבערגעוואָרפן אַזוי שנעל, אַז די ערקענטעניש באַמערקט גאָרנישט פון דער אַרבעט, — די נשמה זוכט, וואָס זי ברויך... די האַנט באַוועגט זיך פּאַמעליך, צייכנדיג אָן אות נאָך אָן אות, אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט... צייטנווייז נאָר רייסט שלום אַוועק די אויגן פון פּאַפּיר, קוקט זיך אום. און ביי אים אין האַרצן איז אַזאַ געפיל, ווי די פיה ווענט און די שטילקייט זאָלן טראַכטן:

— שאַ־שאַ! שטערט נישט דעם דיכטער ביי זיין שאַפן! שטערט נישט דעם כּהן, ווען ער איז מקרב אַ קרבן צו זיין גאָט!

— — — — — — — — —

דעם רב אין דער אַנדערער שטוב איז דערוויל אַ נייע תּורה איינגעפאַלן, און ער האָט געברויכט עפּעס גאָכצוזעהן אין אַ

ספר... די טיר האָט זיך געעפנט, דער רב איז אַריינגעקומען, און שלום האָט גאָר נישט באַמערקט...

אין אַ רחמנות איז געווען צו קוקן אויפן רבס פּנים, וואָס איז עפּעס אויסטערליש אויסגעקרימט געוואָרן און אַ רחמנות איז אויך געווען אויף שלומען, ווען ער האָט דערזעהן דעם רב, וואָס איז גאָר צעמישט געוואָרן, און אַנידערגעזעצט זיך עפּעס אויף אַ ביינקל, פּונקט קעגנאיבער שלומען, און האָט אַרויסגעלאָזט עפּעס אַ קול: אַ קרעכץ, צי אַ געשריי?...

געזעסן איז ער אָבער נישט לאַנג, ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מען טוט, וואָס מען זאָגט דעם זון זיינעם; דאָס האַרץ און די אויגן האָבן זיך געבעטן וויינען, — און ער איז צוריק צו זיך אין שטוב אַריין. שלום איז געבליבן אַליין אין דער שטוב, אים איז געוואָרן ביטער אויפן האַרצן, איינג אויף דער נשמה און ער האָט צוריק געשטעלט דאָס שרייב־געצייג אין קעסטל, אַרויס־געגאַנגען און מיטגענומען מיט זיך דאָס העפט שירים אונטערן אַרבע כנפות.

געגאַנגען איז ער אין בית־המדרש אַריין, נאָר דאָרט איז גע־ווען גאָר מוראָדיג: די ביינק זיינען געווען צערוקט אָהן שום אָר־דענונג, מען האָט דערקענט, אַז די בעלי־בתים האָבן זיך נאָכן דאַווענען זעהר געאיילט אַהיים גיין עסן. אויף אַ באַנק ערגעץ האָט געשנאָרכט דער שמש אַזוי הויך און אַזוי גיך, אַז מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער וויל מיט די נאָזלעכער די גאַנצע לופט אויסשעפּן, כדי צו דערשטיקן די גאַנצע וועלט... דער טישטוך אויף דער בימה איז געווען צעוואָרפן; די פּאָרלאָגע איז געווען זעהר ברודיג און אַלץ איז געווען עפּעס אַזוי טויט, אַשטיי־נער, ס׳זאָל אַנטשלאָפן ווערן שבת נאָכן עסן און נישט ברעה האָבן אַפילו תחית־המתים אויפצושטיין.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון בית־המדרש און שפּאַצירט צום רבס שטוב און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף, אַ לאַנגע צייט. די זאַך איז אַלץ קלאָרער געוואָרן אין זיין קאָפּ, געוואָלט האָט זיך פאַרריכטן, כאָטש יוצא זיין מיט אַ וואָרט קעגן פאָטער. צוריק ווידער האָט ער געפילט, אַז ער ברויך איין מאָל אויף אַלע

מאָל מאַכן אַן עק, אַרויסגיין פון פּאָטערס רשות און ווערן אַ יידישער משורר... נאָר ווי עס איז, אויפן פאָטער איז אים אַ רחמנות געווען, און ער האָט גערן געוואָלט טון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל דעם אַלטן טרייסטן. נאָר וואָס? קושן, האַלזן אים? גוט אויסוויינען זיך פאַר אים און זאָגן: „טאַטישי, איך און דו, מיר זיינען ביידע גאָרנישט שולדיג?"... נאָר ווי אַזוי זאָגט מען דאָס, אַז דער אַלטער זאָל עס פאַרשטיין?...

און דער רב ביי זיך אין דער שטוב איז געזעסן געבויגן איבער אַ ספר, ער האָט זיך דווקא געוואָלט אין דעם ספר פאַרגעסן. ער האָט געריבן דעם שטערן מיט ביידע הענט, נאָר אויפן האַרצן איז אים געלעגן אַ שטיין, אַ שווערער שטיין. אין די אויגן זיינען געשטאַנען טרערן, און ער האָט זיך שיער נישט צעוויינט. ער האָט איצט געברויכט אַ לעבעדיג באַשעפעניש אויסצוגיסן פאַר אים זיין ביטער האַרץ, און ער האָט זיך שוין געוואָלט ווענדן צו דער רביצין:

— זעלדע! — האָט ער גערופן שטיל.

— אַ־אַ! נישט גוט איז מיר! דער פּוס ברעכט, רבונו של עולם! — האָט די רביצין געזיפצט פון איר בעט, — וואָס ווילסטו, דו?

— גאָרנישט, זעלדע, וואָס מאַכסט דו? האַ?

און ער האָט מער נישט געקאָנט ריידן מיט דער רביצין, ער האָט שוין אַפילו אין די געדאַנקען תשובה געטאָן אויף דעם, וואָס ער האָט געוואָלט מצער זיין אַ קראַנקען, צעבראָכענעם מענטשן...

ערשט אין עטליכע שעה אַרום איז דער רב צו זיך געקומען, געקאָנט עפּעס טראַכטן וועגן דעם, וואָס איז היינט געשען. עפּעס האָט ער אַלץ נישט געגלויבט, נישט געוואָלט גלויבן, אַז דער זון זיינער, שלום, האָט טאַקע מחלל שבת געווען אַזוי, אַז ער איז גאָר פּשוט „חיב סקילה", אַז מען ברויך אים צו פאַרשטיינען. ער האָט געוואָלט פאַרטענפערן עפּעס און האָט נישט געקאָנט, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט דערויף, אַז דאָס איז „מעשה שטן", עפּעס אַן אָנשטעל... דערצו האָט זיך ביי אים אין קאָפּ אַרומגעוואַלגערט עפּעס אַ חסידישע מעשה וועגן אַ רבין, וואָס אַ חסיד האָט אים

אַליין געזעהן רויכערן אום שבת די לולקע, נאָר דאָס איז געווען אַ ניט־גוטער... נאָר וואַרטנדיג אַ צייט און נישט זעהענדיג שלומען, האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן אַלץ פעסטער צו קלאַפּן, די ווירקליכ־קייט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַריין, ער איז געוואָרן בייז, אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב אויפזוכן דעם מחלל־שבת.

נאָר קוים האָט ער דערזעהן זיין זון, וואָס איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ פאַרן בית־המדרש, פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, — ער האָט מורא געהאַט צו צוגיין צו אים. נאָר שלום האָט זיך אויסגערדרייט, זיי האָבן זיך דערזעהן, און דער רב, ווילנדיג נישט ווילנדיג, איז צו אים צוגעגאַנגען.

— ווילסט אַביסל גיין? — האָט דער רב געפרעגט מיט אַ שטילער, הייכער שטים און אַראָפּגעלאָזט די אויגן ריירנדיג.

שלום האָט נישט געענטפערט און איז מיטגעגאַנגען מיט אים.

זיי זיינען צוגעקומען פאַרן ערוב פון שטעטל, דער רב האָט זיך באַזוכט אין אַלע טאַשן, דעם טאַשן־טוך אָנגעטאָן אויפן האַלז און געקוקט עפּעס מיט אַ מין געבעט אויף שלומען. שלום האָט זיך אָנגעטאָן זיין טיכל אויפן האַלז.

אַרויסגייענדיג אונטער דער שטאָט, האָט דער אַלטער אַ פּאָר מאָל אָפּגעהוסט און געזאָגט:

— וואָס איז דאָס?

נאָר שלום האָט פעסט באַשלאָסן נישט צו ענטפערן קיין וואָרט, דער אַלטער האָט זיך באַמיהט צו קוראַזשן:

— וואָס איז דאָס?... אַזוי?... מחלל שבת צו זיין... עפּעס חלול שבת! עפּעס...

ער האָט געהוסט און זיך אָפּגעשטעלט.

זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ לאַנגער, ברייטער לאָנקע, שלום האָט זיך פאַרקוקט אויף אַ פערד, וואָס איז געשפּרונגען מיט די געבונדענע פיס, דער אַלטער האָט זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט דאָס פנים פאַר די שטראַלן פון דער זון, וואָס האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צו מערב צו.

— ווי איז מען עפּעס מחלל שבּת? נו, אַדרבּא, איז עס אַ יושר? איז עס אַ יושר אַזוי? גלאַט נעמען מחלל שבּת זיין! איך האָב אויך אַמאָל געקענט דקדוק — אָבער חלול שבּת! זאָג אַליין, שלום! מילא, האָסט געהאַט „הרהורים רעים" — ווי קומט מען נישט צו אַ טאַטן? איך בין דאָך אַ טאַטע! האַ? — האָט דער אַלטער פּלוצלינג אויפגעלעבט — איך בין דיין טאַטע? זאָג, ניין, אפשר נישט?

„זיין טאַטע", האָט ער געטראַכט מיט נצחון, „זיין טאַטע בין איך דאָך זיכער, עס איז דאָך גאָר קיין שום ספק נישט פאַראַן דערינען! דאָס קאָן דאָך דער גרעסטער אַפּיקורס נישט אָפּלייקענען"!

— קומט מען צוגיין — האָט ער שוין גערעדט שאַרף מיט אַ גמרא־נגון — זאָגט מען אַ טאַטן. זאָגט מען, וואָס שאַרט עס? דאָס קאָן דאָך גאָרנישט שאַרן. איך האָב אויך געהאַט „הרהורים רעים" — האָב איך אָנגעהויבן צו פאָרן קיין ליבאַוויטש. מען טאָר זיך גאָר נישט לאָזן פאַלן! פאַרשטייסט, שלום, מען טאָר זיך גאָר נישט לאָזן!

די לעצטע ווערטער האָט דער אַלטער געצויגן, צוגעמאַכט מיט די הענט און געריגצלט דעם שטערן. ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שמועס און איז שוין כמעט זיכער געווען, אַז שלום האָט נישט אָנגעהויבן צו זיין אַן אַפּיקורס...

— מילאָ — האָט ער אָנגעהויבן זעהר ווייך — ס'טרעפט זיך אַ מכשול, פונדעסטוועגן...

דערווייל אָבער האָט זיך דאָס העפט שירים אַרויסגעגליטשט פון אונטער שלומס אַרבע־כנפות און געפאַלן אויף דער ערד. דער רב איז געבליבן שטיין מיט פאַרגאַפטע אויגן, ווי מען וואָלט אים אין מיטן אַ זיסן חלום אויפגעוועקט מיט אַ געוואַלד „עס ברענט". ער האָט אַ ציטער געגעבן מיטן גאַנצן גוף און אָנגעכאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַר די פּאות. איצט איז שוין קיין שום ספק נישט געווען, אַז שלום האָט נאָך אַמאָל מחלל שבּת געווען — געטראָגן אַ העפט אונטער דער שטאָט. און נאָך ערגער: ער

האָט אים אויסגענאַרט מיט דעם, וואָס ער האָט זיך געמאַכט זוכן אין די טאַשן פאַרן ערוב.

און שלום איז אויך דערשראָקן געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און טרערן זײַנען אים געקומען אין די אויגן אַרײַן.

דער אַלטער האָט געוואָלט עפּעס רײדן, רוקט זיך, שוין אָנגעהויבן צו פרעגן נאָך אַמאָל „וואָס איז דאָס״? נאָר אין מיטן האָט ער זיך האַסטיג אײנגעבויגן, אויפגעכאַפּט פעסט מיט בײדע הענט דאָס העפט פון דער ערד, אַשטײנער, ווי ער וואָלט מורא האָבן, מען זאָל עס אים נישט אַרויסכאַפּן.

— האַ־האַ אַזוי! — האָט ער אָנגעהויבן, שווער עטעמדיג — אַזוי! אַן אַפּיקורס! אַ מין!...

נאָר אים איז שווער געווען צו רײדן, אַוועקרירן זיך פון אָרט האָט ער נישט געטאָרט מיטן העפט אין דער האַנט אונטערן ערוב, די פיס האָבן אים געבראָכן, און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און געוואָלט זעהן, וואָס דאָס איז אַזוינס:

— אַהאַ! געשרײבעכטס! — האָט ער געזאָגט, בלעטערנדיג דאָס העפט — קום נאָר אַהער! — האָט ער צוגערופן שלומען, וואָס איז אָפּגעגאַנגען עטליכע טריט.

שלום איז צוגעגאַנגען און געשטאַנען אונטערטעניג.

— וואָס איז דאָס? — האָט דער אַלטער שטרײנג געפרעגט.

— שירים.

— ווי הײסט שירים? צו וואָס טויג עס? ער האָט שוין ווײטער געפילט, אַז ער ווערט שוואַך בײַ זיך און געוואָלט זיך שטאַרקן.

— צו וואָס טויג עס, אַפּיקורס אײנער, זאָג מיר!

— אַזוי, צו לײענען, טאַטישי!

— ווי הײסט צו לײענען? אַ „מחטיא את הרבים״ ווילסט דו זײַן! אַ ירבעם בן נבט! אַנדערע נאָך מאַכן פאַר אַפּיקורסים — נײַן! איך וויל נישט, בשום אופן — נישט! וואָס טײַטש עפּעס — אַ ירב — עם בן נ—בט!

די זון האָט זיך דערווײַל אָנגעהויבן צו זעצן, ס'איז שפּעט געוואָרן אַהײם צו גײן; מיטן העפט האָט דער אַלטער נישט

געהאַט וואָס צו טון. איבערלאָזן עס אויף דער לאַנקע האָט ער מורא געהאַט, אַז שלום צי אַן אַנדערער זאָל עס נישט אויפהויבן, ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען דאַווענען מנחה. שלום איז דערווייל געשטאַנען אויפן אָרט און זיך באַמיהט גאָרנישט צו טראַכטן און גאָרנישט צו טון.

דער אַלטער האָט געענדיגט קרבנות, אַריינגעשטעקט דאָס העפט אינם גאַרטל. נישט גערירט זיך פון אָרט, שלום איז אַלץ געשטאַנען.

— דאַוון מנחה, שקץ! — האָט דער אַלטער באַפוילן.

שלום האָט אָנגעהויבן צו מאַכן מיט די ליפּן.

און דער אַלטער האָט געפילט אין מיטן דאַווענען, אַז דער כעס זיינער ווערט אָפּגעקילט. פאַר „שמונה עשרה“ האָט ער אַ בליק געוואָרפן אויף שלומען און אים האָט ווידער ווילד משונה אויסגעזעהן, אַז דאָס זאָל זיין אַן אַפּיקורס, אַז מען זאָל שלומען מעגן אַריינוואַרפן אין אַ גרוב און הרגענען אויף טויט.

שלום ווידער האָט דאָס ערשטע מאָל איצט דערפילט דעם פאָטערס ווילן, און דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיין פאָטער ניט נאָר ליב געהאַט, נאָר אויך אונטערטעניג געווען אונטער אים.

די רויטע צעפלאַמטע זון האָט זיך רוהיג אַראָפּגעלאָזט, צע־שפּרייט די לעצטע שטראַלן, ווי קיינמאָל גאָרנישט, און נישט גע־העו״ט, אַפּנים, ווי דער אַלטער האָט זיך צעוויינט, אַז ער איז גע־קומען צו „אַתּה אחד“, ווי ער האָט גענומען דעם פרייען הימל און די פרייע ערד פאַר עדות, אַז „גאָט איז איינער, און זיין נאָמען איז איינער און זיין פאָלק ישראל איז איין פאָלק אויף דער ערד, און ער האָט זיי געגעבן דעם שבת פאַר אַ רוהיגקייט און אַן ערבטייל“... דער אַלטער האָט געוויינט און געשלונגען די טרערן, די אויגן זיינען געווען פאַרמאַכט. שלום ווידער האָט ניט געקאָנט קיין אויג אַראָפּלאָזן פון העפט, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אַלטנס גאַרטל, און ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן די שירים נישט אַרויסצוכאַפּן און צו אַנטלויפן.

צוריקוועגס, ביינאַכט שוין, האָבן זיי שוין צווישן זיך נאָר ניט גערעדט, אַשטיינער, ווי זיי וואָלטן ערשט צוריקגעקומען פון אַ לויה... נאָר שלומס הארץ האָט געקלאַפּט, ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז דער פאָטער וועט וואַרפן די שירים אין פייער אַריין און זיי וועלן פאַרברענט ווערן... ערשט אַז זיי זיינען געקומען פאַר דער טיר פון דער שטוב, האָט שלום אָפּגעשטעלט דעם פאָטער און געזאָגט מיט אַ שטים, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט טרערן.

— גיב אָפּ, טאַטישי, איך בעט דיך, גיב אָפּ!

און דער אַלטער האָט אים דערלאַנגט דאָס העפט, נישט קוקנדיג אויף אים און געזאָגט:

— זעה, דערצייל נאָר נישט דער מאַמען! זיי זי נישט מצער! זי איז קראַנק לא עליכם...

אין אַ פּוילישער יְשִׁיבָה

עס איז שוין געווען אין אָנהויב ווינטער, ווען די ישיבה־בחורים פאָרן זיך ערשט צוזאַמען. די „טעג־בחורים“, די אָרי־מע, וואָס צאָלן דעם רב גאָרנישט און וואָס לערנען דעריבער נאָר איין שעור, קומען פריהער, כּדי צו שאַפן זיך באַצייטנס טעג; די „קעסט־בחורים“, וואָס עסן און שלאָפן ביים רב און לערנען צוויי שעורים, זיינען נאָך נישט אַלע דאָ. דער רב האָט נאָך נישט אָנגעהויבן דעם נייעם שעור, ער וואַרט אויפן „קאָמפּלעט“, און די בחורים, יונגע קינדער פון פערצען ביז נײַנצען יאָר, האָבן פרייע צייט צו שטיפן, צו לאַכן, צו זינגען, מעשיות צו דערציילן, „נבול־פּה“ צו ריידן און צו רויכערן. דאָס גאַנצע בית־המדרש איז פאַרצויגן מיט אַ וואָלקן רויך.

אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג, עס קאַפּעט אַ רעגן, איבערן הימל ציהען וואָלקנס, די בלאָטע אין דעם קליינעם שטעטל איז גרויס, און די צוויי בוימער, וואָס שטייען פאַרן בית־המדרש, שאָקלען טרויעריג מיט די נאַקעטע צווייגן.

צווויילן ווערט דאָס ריידן איבערגעהאַקט, ביים טיש ווערט פּלוצלינג שטיל. דער עולם וואַרט עפּעס, עס דערמאָנט זיך די היים, וואָס מען האָט ערשט פאַרלאָזט, טאַטע־מאַמע, וואָס מען וועט אַ גאַנצן זמן נישט זעהן; די אָרימע דערמאָנען זיך, אַז נאָכן ערשטן חודש בלייבן זיי אָהן אַ גראָשן געלט, און אַז מען מוז קאַרגן פּאַפּיראָסן. דער סטאַשיווער, אַ קליין יינגל מיט אַ געזונט, פריש קיילעכדיג פּנים, זיפצט אָפּ און האַקט איבער די שטילקייט:

— איך פאָר אַהיים אויף שבת־חנוכּה: מײַן שוועסטער האָט חתונה...

— איך האָב מאָרגן חתונה, אויף מײַן נאמנות, איך זאָל אַזוי לעבן — ווײַלט זיך דער בענדינער, אַ ייִנגל מיט אַ שמאָל פּנימל, מיט שמייכלדיקע אויגן און געשיקטע, פלינקע באַוועגונגען.

דער עולם ווערט ווידער לעבעדיק, פון דעם וואָרט „חתונה" קומט מען אַרויף אויף מאָסע הייך. די יונגע געשליפענע קעפּלעך קריגן עפּעס אַן אַרבעט, וואָס ווירקט אויפן געפיל; די אויגן פינקלען; די ליפּן פאַרקרימען זיך עפּעס מאָדנע, און דאָס געלעכטער, וואָס שיט זיך אַרויס פון אַלע מײַלער צוזאַמען נאָך יעדן געלונגען ווערטל, ווערט אַלץ גערייכטער, נערוועזער און אָפּגעהאַקטער. דער פּיעטראָקאָווער אַפילו, זעהר אַ געלאַסענער בחור, וואָס איז ביז איצט געווען באַשעפטיקט מיט צעשנײַדן פּאַפּיראָסן־פּאַפּיר אויף לאַנגע שלענגלאַך און מיט עפּעס אַ חשבון, ווי לאַנג עס וועט געניגן די צוועלף גילדן, וואָס ער האָט בײַ זיך, — דרייט זיך איצט אויס, הויבט אויף די אויגן און פרעגט דעם סטאַשעווער:

— האַ־האַ? וואָס האָט ער געזאָגט?

דער סטאַשעווער פאַרהאַקט זיך און ווערט רויט. ער האָט אַ מאָדנע הנאה צו הערן אַנדערע ריידן די רייד, נאָר איבערחזרן קאָן ער נישט. דער טשעקאָטשינער, דער רײַכסטער בחור, וואָס צאָלט דעם רב גאַנצע הונדערט פופציק רובל אַ זמן, אַ דערוואַקסענער און אַ פולער מיט אַ סך בלעזלאַך אויפן פּנים, בלאָזט אָן די באַקן און נעמט זיך איבערצוערצײַלן מיט אַן ערנסטן טאָן, ווי ער וואָלט אַ בר־מצווה־דרשה געזאָגט. נאָר דערפילנדיק, אַז די ווערטער זײַנע מאַכן נישט קיין אײַנדרוק, אַז דער עולם קוקט אויף אים און לאַכט נישט, נעמט ער אַרויס מיט אַ ברייטקייט דעם גאָלדענעם זייגער פון וועסטל־קעשענע, קוקט און זאָגט:

— האַלב צוויי, נאָך אַנדערהאַלבן שעה צום מיטאָג.

I

ביים אוויון, אָפּגעזונדערט פון אַלע, שטייט דער קראָקעווער, אַ הויכער דאַרער טעג־בחור, מיט אַ קריינקליך פּנים און מיט קליינע געקרייזלטע פּאות, דער בעסטער בחור אין דער ישיבה. ער האַלט די הענט אונטער זיך און רייבט די קאַלטע קאַפּלעס; צייטנווייז הוסט ער, שפּייט אויס, פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ און קוקט אויפן לאַכנדיגן עולם בייז, מיט פאַראַכטונג.

אַז עס ווערט אַביסל שטילער, און אַז ביים אוויון קאָן ער נישט דערהערן, וועגן וואָס מען רעדט, רירט ער זיך אַוועק פון זיין אָרט, גייט זיך איבער פּאַמעליך איבערן בית־המדרש, אויף קיינעם נישט קוקנדיג. און קומענדיג צום טיש, וואו די בחורים רוישן, בייגט ער צו אַן אויער און ווערט בייז:

„חמורים" — טראַכט ער — „זיי קאָנען נישט הערן צו דער זאַך"!

דער בענדינער מאַכט אים נאָך אַ נאָז מיט ביידע הענט און זאָגט מיט אַ גמרא־ניגון:

— אַ הויכער דראַנג, וואָס איז אומגעפאַלן...

„אַ הויכער דראַנג" איז דעם קראָקעווערס צונאָמען.

— ווער איז דאָס דער שקץ דער?! — פרעגט דער קראָקער־ווער בייז און שטרענג. ער הוסט אָפּ און בלייבט שטיין אויפן אָרט.

דער טשעקאָטשינער וויזט אַן מיטן פינגער. ער פילט זיך אויך שטענדיג באַליידיגט פון די חברים. ער איז שטאָלץ מיט זיין טאַטנס עשירות, מיט זיין גאָלדענעם זייגער, און די בחורים שרייען אויף אים „פאַרשטאָפּטער קאָפּ". לערנען קאָן ער גאָר־נישט.

— ער, דער קליינטשיקער, גיב אים... זאָגט ער.

— ווער? איך? כאַפּט זיך דער בענדינער אויף פון שלאָף און ציהט דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס. און שמייכלט מיט די אויגן צו חברה, וואָס זיצן ביים טיש. דער טשעקאָטשינער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שפּילט זיך מיטן קייטעלע. דער קראָקעווער גייט צו צום אוויון.

ער האָט אַ שווערע זאָרג:

דער רב האָט נעכטן דערציילט, אַז היינט וועט קומען אַ דרייצעניאָריגער עלוי פון וואָלין. „דאָס איז אַ כלי — האָט ער געזאָגט — כ׳האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ תלמיד נישט געהאַט״. און זאָגנדיג דאָס, האָט ער געקוקט דעם קראָקעווער אין די אויגן אַריין. בשעת מעשה האָט זיך דער קראָקעווער גאָר ווייניג דערפון געמאַכט. „דער געלער רמאַי — האָט ער געטראַכט, קוקנדיג אויפן רבס געלער באָרד — איך וויים דו ברויכסט אַ פּאָר קערבלאַך פון מיר״. ער האַלט דעם רב פאַר אַ פלוי־דערער און האָט אים נישט ליב. ביינאַכט אָבער, אויפן גע־לעגער, האָט ער לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ קליין יינגל פון דרייצען יאָר, וואָס קאָן בעסער לערנען פאַר אים, וואָס זיצט די ערשטע האַנט פון רב, פאַר אים, און דאָס האָט אים נישט געלאָזט שלאָפן. איצט וואַרט ער אומגעדולדיג אויף דעם קליינעם, וואָס זיצט שוין ביים רב צוויי שעה אין צימער און וויזט זיך אַלץ נישט.

ער רופט צו מיטן פינגער דעם טשעקאָטשינער. ער גייט צו. דער קראָקעווער וויל זיך באַרוהיגן און שפּילט זיך מיטן טשעקאָטשינערס קייטעלע.

— האָסט אים געזעהן? — פרעגט ער.

— ועמען? — פרעגט דער טשעקאָטשינער פאַרוואונדערט.

— אים. נו... דעם וואָלינער, וואָס איז היינט געקומען.

— אַ! אַזאַ קליינטשקער, ער האָט געגעסן מיטן רב אָנבייסן אין דער שלאָפשטוב..

— ווי זעהט ער אויס?

— פע! ער גייט נישט שיין אָנגעטאָן. אַזאַ קליין לאָבוסל.

„חמורים״! — ברומט דער קראָקעווער און דרייט זיך אַוועק בייז. דער טשעקאָטשינער בלאָזט אָן די באַקן און מאַכט עפּעס אַ מאָרנע תנועה מיט דער האַנט.

III

עס עפנט זיך די טיר, און עס באַווייזט זיך אַ קליין יינגל, אַ שוואַרצער מיט צעפלאָסענע פאות. ער שטייט ביי דער טיר אַ ווײַלע, און זיינע אויגן, שוואַרצע און לעבעדיגע, לויפן אַרום אויף די בחורים, אויף די ווענט, אויפן אויוון און אויפן קראַ־קעווער. אין בית־המדרש איז שטיל געוואָרן, אַלע אויגן קוקן אויפן נייעם חבר.

דער זוואָלינער!...

— דער עלוי... רוימט איין איינער דעם אַנדערן

דער זוואָלינער גייט צו צום טיש, אַביסל אָפּגערוקט פון די בחורים, זעצט זיך אַנידער. דער עולם רוקט זיך איינציגווייז צו און דערלאַנגט „שלום־עליכם“.

— שלום־עליכם, אַ בחור... — זאָגט דער קראָקעווער, זייענדיג נאָך אַ טריט אָפּגעריקט פון זוואָלינער.

די ווערטער האָט ער אָנגעגרייט נאָך ביים אויוון שטייענדיג, און האָט זיי אַרויסגערעדט אַביסל צו פריה. ער דערלאַנגט די האַנט, פאַרבייסט די ליפּ און גייט צוריק צום אויוון.

— רייד „תיקון“!*) — שטופּט דער פּיעטראָקאָווער דעם טשע־קאַטשינער.

— וואָס שטופּסט דו דיך, דו? — בייזערט זיך דער טשעקאַ־טשינער — אויך מיר אַ מענש!

דעם טשעקאַטשינערס הויך קול רייסט איבער די געקלעמטע שטילקייט. דער בענדינער שפּרינגט אַריבער איבער דער באַנק, מאַכט זיך מ׳כלומרשט פאַלן און וויינט... אַלע לאַכן. דער קראָ־קעווער גייט צו צו דער שאַנק ספרים. דער פּיעטראָקאָווער מאַכט אַן ערנסטע מינע, לייגט איין האַנט אין דער טאַש אַריין, מיט דער אַנדערער שאָקלט ער צו און זאָגט:

— כאָטש דו ביסט אַן עלוי, נאָר תיקון מוזט דו געבן. דאָס קומט נישט איינס צום אַנדערן.

— איך בין גאָר נישט — זאָגט דער זוואָלינער פאַרשעמט.

---

*) תיקון — אַן אַרט איינקויפגעלט.

— למאי נפקא מינה? — מישט זיך אַריין פּייוול, אַ היימי־שער בחור, זעהר אַ געזונטער, מיט אַ קליין, קוים אַרויסשפּראָצנ־דיג בערדל — גיב תּיקון. האָסט עפּעס אַ סך געלט?

דער זוואָלינער פּרובט אַרויסנעמען עטליכע מטבעות, וואָס קלינגען שטאַרק אין דער גרויסער טאַש.

— וויפיל האָסטו? פרעגט פּייוול און קוקט מיט גיריגע אויגן אויף די עטליכע ווייסע און געלע מטבעות, וואָס דער זוואָ־לינער האַלט אין דער האַנט — האָסט שוין אַלץ אַרויסגענומען? זוך נאָך.

— נישטאָ מער — זאָגט דער זוואָלינער, אַנידערלייגנדיג דאָס געלט אויפן טיש און אויסשאַרנדיג די טאַש. פּייוול נעמט ציילן. דער איבעריגער עולם גלאָצט מיט די אויגן אויפן געלט, אויף פּייוולס האַנט.

— צוועלף גילדן מיט צוואַנציג גראָשן — זאָגט פּייוול — אַ פּערטל אויף תּיקון; אַזוי איז דער דין. פרעג אַלע, וויפיל מאַכט אויס?

— דריי מיט פינף — ענטפערט דער זוואָלינער גיך.

דער סטאַשיווער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצע צייט מיט אָנ־געשטריינגטע אויגן אויפן זוואָלינער, קאָן זיך נישט איינהאַלטן. ער האָט רחמנות אויף אים, וואָס מען נעמט ביי אים צו דאָס געלט. אין די אויגן שטייען אים טרערן.

— גיב זיי נישט! — רעדט ער אַרויס און צעוויינט זיך שיער נישט.

פּייוול גלאָצט אויס אויפן סטאַשיווער אַ פּאָר בייזע אויגן, דער סטאַשיווער דערשרעקט זיך און באַהאַלט זיך אונטער אַן אַנדערנס קאָפּ.

— מילאָ, אַז דו ווילסט נישט — זאָגט פּייוול צום זוואָלינער — מיינסט אפשר, מען וועט דיר עפּעס טון? גאָרנישט. האָסט די ברירה, גיב נישט, אַדרבא, איך בעט דיך עפּעס? גלייך ווי איך וואָלט אים געבעטן! האָסט דו געהערט! דער דין איז אַ פערטל, עס מאַכט אויס דריי גילדן מיט פינף גראָשן, הייגט וויפיל קומט דיר צוריק?

— נײן מיט פופצען — כאַפּט דער זוואָלינער אַרויס — איך װיל געבן תּיקון. אַלע געבן? — לײגט ער צו מיט אַ בעטנדיגן טאָן און קוקט זיך אַרום.

IV

די טיר האָט זיך געעפנט, און עס האָט זיך געזעהן אַ גרויסע רויכעריגע לולקע און אַ געל באַוואַקסן פּנים — דער רב איז אַרײַנגעקומען. דער עולם האָט זיך אַביסל צערוקט, דער קראַ־קעווער, וואָס איז ווידער געשטאַנען ביים אויוון און האָט גע־קוקט אויפן רעדל בחורים, האָט אויסגעשפּיגן.

— זוואָלינער! — האָט דער רב צוגערופן מיט דער לולקע ביינגדיג — די קשיא איז קיין קשיא ניט! עס איז אַ טעות תּוך כּדי דבור. אַז דו ווייסט נישט, וואָס דער טעות איז געווען...

און דער רב האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין אַ טיפן שמועס מיטן זוואָלינער. זיי זײַנען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ איבערן בית־המדרש. דער רב האָט אַראָפּגעבויגן זיין קאָפּ מיט דער לאַנגער באָרד צום זוואָלינער, דער קאַפּעלוש זײַנער איז געווען פאַררוקט אויף אַ זײַט; ער האָט געצויגן די לאַנגע לולקע, וואָס האָט שוין נישט גערויכערט, און האָט געוואָרפן מיט דער אַנדערער האַנט. די באָרד האָט זיך געשאָקלט, און די שנירן פון שלאָפראָק האָבן זיך געוואָרפן אין דער לופט. דער זוואָלינער האָט זיך נישט געלאָזט, זיין סאַמעט־היטל איז געווען פאַררוקט, און די יאַר־מולקע האָט אַרויסגעקוקט פון פאָרנט. ער איז נאָכגעלאָפן דעם רב, און ווען דער רב האָט צו לאַנג גערעדט, און ער האָט אים נישט געקאָנט איבערשרייען, האָט ער זיך אינגאַנצן אַ וואָרף געגעבן און געמאַכט אַ תּנועה מיט די הענט, ווי אַ מענש, וואָס טרינקט זיך. מען איז צוגעגאַנגען צו דער שאַנק, אָנגעלעגט אויפן טיש אַ גאַנצן שטוים ספרים. דער רב האָט אַרויפגעלעגט איין פוס אויף דער באַנק, געביסן דעם ציבוק; דעם זוואָלינערס

פּאות זיינען געווען צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן פּנים, ער האָט זיך אַריינגעבויגן אין אַן אָפֿענעם ספֿר און לאַנג געקוקט. „ניין"! — האָט ער אַרויסגעשריען.

און געפֿינענדיק עפּעס אַ נייע סבֿרה אָפּצוּווענדן דעם רבֿ, האָט ער זיך ווייטער אָנגעהויבן צו שפּאַרן. זיי זיינען ווידער געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ איבערן בית־המדרש, פֿאַרטיפֿט און פֿאַרקאָכט אין פּלפּול. דער עולם איז געזעסן ביי די טישן איבער די אָפֿענע גמרות און געגלאָצט און געוואונדערט זיך, פּייוול האָט שיער נישט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געגומען תּיקון.

— אַ קליינער! — האָט ער געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ

— או—וואַ! אַ קליינער...

— וואָס האָסט דו אים געהאַט אויסצונאַרן געלט? — האָט זיך דער סטאַשיווער אָנגערופֿן.

— דו פּיצל, דו! — פּייוול האָט אים געגעבן אַ זעץ מיט דער האַנט אויפֿן פּוס. דער סטאַשיווער האָט זיך פֿאַרקרימט און האָט נישט געענטפֿערט.

דער קראָקעווער איז די גאַנצע צייט געזעסן איבער אַן אָפֿענער גמרא, נאָר אַריינגעקוקט האָט ער נישט. אים האָט זיך אַלץ גע־דוכט און ער האָט אַלץ געוואַרט, אַז דער רבֿ וועט אים צורופֿן און אַריינמישן זיך אין שמועס. און יעדעס מאָל, ווען דער רבֿ האָט זיך אויסגעדרייט, האָט ער געמאַכט אַ תּנועה מיטן גאַנצן גוף. מער פֿאַר אַלץ האָט אים דערקוטשעט דעם זוואָלינערס פּאות, די צעוואָרפֿענע. „דאָס מאַכט ער עקסטרע, אַזאַ קליינער לאָבוס!" — האָט ער געטראַכט. און וואָס לענגער דער שמועס האָט געדויערט, וואָס היציגער זיי האָבן זיך געשפּאַרט, האָט דעם קראָקעווער אַלץ מער פֿאַרדראָסן. ווענן זוואָלינער האָט ער נאָרנישט געוואָלט טראַכטן. אים איז עפּעס מאָרנע אויסגעקומען, אַז ער, דער קראָקעווער, דער מתמיד, וואָס איז אַזוי פֿיל נעכט אויף געווען און געלערנט, וואָס לערנט שוין דאָ דריי יאָר און וואָס דער רבֿ אַליין מוז אים צונעמען צום אַנדערן שיעור, כאָטש ער צאָלט אים קיין גראָשן נישט, — אַז ער זאָל ברויכן מורא צו האָבן פֿאַר עפּעס אַ יינגל אַ קליינס פֿון זוואָלין ערגעץ, וואָס צעוואַרפֿט די פּאות און מאַכט תּנועות מיט די הענט. נאָר אין רבֿ האָט

ער זיך געוואָלט נוקם זײַן. און פּילנריג, ווי שוואַך ער איז דעם רב עפּעס שלעכטס צו טון, האָט ער שטאַרק פֿאַרביסן די ליפּן און געשאָלטן אים אין גראַנק: „געלער רמאַי! וואַרט דו! איך ווייס! ער מיינט, איך ווייס נישט!“...

— נאָר זיי רויכערן! — האָט ער זיך געבייזערט אויפֿן בענ־דינער, וואָס איז געזעסן דערבײַ און האָט געצויגן אַ פּאַפּיראָס. דעם קראָקעווער האָט דער רויך געשטיקט.

דער בענדינער האָט באַהאַלטן דעם פּאַפּיראָס, אָנגעהויבן זיך שטאַרק צו שאָקלען איבער דער גמרא. אינמיטן אָבער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ פֿול מויל רויך גלייך אויפֿן קראָקעווער. דער קראָקעווער האָט זיך צעבייזערט און האָט אים געוואָלט אָנכאַפּן פֿאַרן אויער, נאָר אינמיטן האָט ער זיך שטאַרק פֿאַרהוסט און אָנגענומען זיך מיט בײדע הענט פֿאַר דער ברוסט. די אויגן זײַנען אים פֿול געוואָרן מיט טרערן, ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף בײדע הענט, האָט שווער געאָטעמט און געברומט.

„פּושעים, עוכרים! פּושעים, עוכרים!“... ער האָט געוואָלט אַרויסגיין, נאָר דער רב האָט אים צוגערופֿן און געזאָגט צום זוואָלינער:

— האָסט שוין עפּעס מיט אים גערעדט אין לערנען? — ער האָט געטײַט אויפֿן קראָקעווער מיט דער לולקע און געקוקט אויפֿן זוואָלינער — קאָנסט מיט אים שמועסן אין לערנען.

דער זוואָלינער מיטן קראָקעווער האָבן זיך אָנגעקוקט.

— ווען ווערט דער רב אָנהויבן דעם שעור? — האָט דער קראָקעווער געפֿרעגט.

— מאָרגן. „חצי דבר“ וועלן מיר לערנען. האָסט שוין גע־לערנט אַמאָל? — האָט ער געפֿרעגט דעם זוואָלינער — אַ טיפֿע סוגיא; בײַ מיר אין דערהיים איז אָנגעשריבן תּלי—תּלים*), נאָר עפּעס נײַעס, לא קדמני אדם**)... — דו האָסט געלערנט בײַ מיר, דוכט זיך, פֿאַר צוויי יאָרן? — האָט ער זיך געווענדט

---

*) זעהר פֿיל.

**) פֿאַר מיר האָט דאָס קיינער נישט געזאָגט.

צום קראָקעווער -- געדרייִנקסט עפּעס? — סאיז פאַראַן חדושים גוזמאות, אַז גאָרנישט! אַז איך בין אַלט געווען ווי דו, האָב איך געקאָנט נאָכזאָגן יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב געהערט; וואָס טייטש עפּעס פאַרגעסן? געשעפּטן האָסט דו?

דער קראָקעווער האָט גאָרנישט געענטפערט און האָט נאָר איבערגעפרעגט:

— חצי דבר? — ווי צו להכעים האָט ער גאָרנישט געדרייִנקט, און בײַ אים איז געבליבן, אַז מען מוז די סוגיא איבערחזרן.

דעם רבס טאָכטער, אַ מיידל פון פופצען יאָר אין אַ בלויער בלוזע מיט אַן אָפּגעוואַשן פּנים אויף ריין, גלייך פאַרקעמטע האָר און אַ שמאָל, איידל פּנימל, איז אַרייַנגעקומען רופן אויף מיטאָג. זי איז צוגעגאַנגען צום רב, אָנגענומען אים בײַ דער שנור פון שלאָפראָק און האָט געזאָגט:

— טאַטישי, די מאַמישי האָט געהייסן אַהיים קומען אויף מיטאָג.

זי איז אַביסל רויט געוואָרן, באַגעגנדיג דעם וואָלינערס בליק, און די שנור איז איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. דער וואָלינער האָט איצט געקוקט אויף איר בלוזע. ער איז קורצ־זיכטיג געווען, און האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געפונען אַזוי נאָהענט פון אַ מיידל. ער איז געוואָר געוואָרן אַ נייעס: אַז נישט נאָר אַ ווייבל, נאָר אויך אַ מיידל האָט ברוסטן. אין מח בײַ אים איז עפּעס אַ קשיא פאַרענטפערט געוואָרן:

— אויב אַזוי — האָט ער געטראַכט — וואָס איז ווידער די קשיא?

V

די קעסט־בחורים זיינען געגאַנגען אויף מיטאָג, אין בית־המדרש זיינען געבליבן די טעג־בחורים. דער פּיעטראָקאָווער, דער סטאַ־שיווער און פייוול זיינען געזעסן צוזאַמען, דערבײַ איז געשטאַנען דער קראָקעווער. אין אַן אַנדער זייט זיינען געזעסן נאָך צווייִ

טעג־בחורים, וואָס האָבן צווישן זיך גערעדט און שטאַרק גע־מאַכט מיט די הענט.

— וואָס מיינסט דו, האָט מען היינט געקאָנט קאָכן ביים רבי?

— האָט דער פּיעטראָקאָווער געפרעגט פייוולען.

פייוול האָט איבערגעווישט דאָס בערדל און האָט געענטפערט:

— קליסקעלאַך מיט באָב.

— מהיכא־תיתא: קליסקעלאַך מיט באָב? פון וואַנען ווייסט דו דאָס?

פייוול האָט געקלערט און האָט געזאָגט:

— ס'איז אַ שטאַרק מאַכל. דו ווייסט, אַז מען קאָכט אין דער־היים קליסקעלאַך מיט באָב, בין איך נאָר אַן אַנדער מענטש, בפרוש, זאָג איך דיר, אַז איך וואָלט חתונה־געהאַט, וואָלט איך אַלע טאָג געהייסן קאָכן קליסקעלאַך מיט באָב. דו מיינסט ס'איז עפּעס טייער? האָסט אַ טעות, ס'איז גאָרנישט אַזוי טייער.

ער האָט געמאַכט אַ תנועה מיט דער אָפענער האַנט אין דער לופט, ווי אַוועקשאַרנדיג פון זיך עפּעס פאַמעליך.

— אַשטייגער, וויפיל קאָן קאָסטן אַ טאָפּ באָב? לאָמיר אויס־רעכענען — דער פּיעטראָקאָווער האָט שטאַרק ליב פאַרוויקלטע חשבונות, וואו מען ברויך צו באַנוצן קרייד.

פייוול האָט זיך אויפגעהויבן און אַהיים געגאַנגען אויף מיטאָג. דער פּיעטראָקאָווער האָט אים נאָכגעשריען:

— קום נאָר! איך ברויך דיר עפּעס צו זאָגן! אויף מיין נאמנות!

פייוול איז צוגעגאַנגען.

— וויפיל קאָן קאָסטן אַ טאָפּ באָב? וואָס שאַדט דאָס דיר, אַז דו וועסט זאָגן?

— פאַרדריי דיר דיין קאָפּ — האָט זיך פייוול אָנגעבייזערט — איך דאַרף אַהיים גיין.

— ער אַנטלויפט — שרייט אים נאָך דער פּיעטראָקאָווער — וואָס אַנטלויפסט דו? דעם תקון האָסט דו! דריי גילדן מיט פינף גראָשן! לויפט ער!

פייוול מאַכט עפּעס אַ תנועה מיט די הענט, ענטפערט נישט און גייט אַרויס.

— זעהסט דו? — זאָגט דער סטאַשיוווער — פּייוול וועט זיך צונעמען דעם תּקון. וואָס האָט איר אים געהאַט צו צונעמען דאָס געלט?

— זעהסט דו, דעם בעל־רחמנות! — בייזערט זיך דער פּיעטראָ־קאָווער — ער וועט זיך נישט אָנלייגן דעם בויך ביים רבֿ?

דער סטאַשיוווער קרימט זיך און זאָגט:

— וואָס רעדסט דו אַזוי? ער איז דאָך אַן עלוי...

— אַן עלוי! אויך מיר אַן עלוי! אַז איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך אויך געווען אַן עלוי, אַי וואָס רען? איך האָב נישט קיין געלט? היינט מילא... אַ קונץ דאָס איז צו זיין אַן עלוי! אַ שפּאַס, דער בעל־רחמנות דער! ער קאָן נישט צוקוקן... האָסט היינט אַ מיטאָג? אַ מכּה האָסט דו! זאָרג נישט, וואָלסט געהאַט געלט, וואָלסטו איצט געקריגן ביים רבֿ אַ פולע שיסל, ווי אַלע.

דער סטאַשיוווער ענטפערט נישט. דער קראָקעווער, וואָס האָט צוגעבויגן אַן אויג און וואָס דעם פּיעטראָקאָווערס ווערטער האָבן אים שטאַרק געפעלן, מישט זיך אַריין:

— וויפיל האָט מען ביי אים גענומען תּקון? ער האָט אַוראַי נישט געוואָלט געבן? האַ, ער איז דאָך אַ מיוחס...

— וואָס טייטש ער האָט נישט געוואָלט געבן? — זאָגט דער פּיעטראָקאָווער און שאָקלט מיט ביידע הענט און מיטן קאָפּ — איך האָב אים געזאָגט, האָט ער געמוזט געבן.

— פּונקט דער עיקר דו! — רופט זיך אָן דער סטאַשיוווער — פּייוול...

— פּייוול, איך... וואָס איז די נפקא מינה? אָבער ער האָט געגעבן, ער האָט געמוזט געבן, ער מעג זיין אַן עלוי, וואָס גייט דאָס מיך אָן?

ביי דעם וואָרט „עלוי" גיט זיך דער קראָקעווער אַ קרים און זאָגט איראָניש:

— אַן עלוי, ער קאָן אַוראַי דריי תּוספותן... ער האַקט אָפּ, ווייל אים דוכט זיך, אַז ביידע קוקן אים עפּעס מאָרגנע אָן. ער גייט צו צום אויוון און שטייט דאָרט.

עס עפנט זיך די טיר מיט אַ ליאַרם; די קעסט־בחורים, זאַט און פריילעך, שטופּן איינער דעם אַנדערן דורכגייענדיק די טיר. דער זוואָלינער דערציילט עפּעס מיט היץ, וואַרפט מיט די הענט, אַלע שטופּן זיך נעהענטער צו אים און לאַכן.

— איך בין געלאָפן! — שרייט ער — אַזוי גיך! און דער שקץ מיטן הונט נאָך! אוי, קאָן איך לויפן...

אויפן קראָקעווערס ליפּן שפּילט אַ שמייכל. „מ'שטיינס געזאָגט אַן עלוי" — טראַכט ער — „וואָרום איך האָב נישט געוואוסט!" ער ווערט דרייסטער, גייט צו צום זוואָלינער און זאָגט:

— פונדעסטוועגן, בחור, האָסט דו געקאָנט צומאַכן די טיר; דאָס איז נישט קיין חדר.

— דו האָרך אים נישט! ער קאָן זיך נישט אַליין צומאַכן די טיר, דער טשעלע—מעלע—מע! — זאָגט דער בענדינער. מען לאַכט.

— מרים־לעב, ניי מיר צו אַ קנעפּל — זאָגט דער בענדינער ווייטער מיט אַ וויינענדיק־בעטנדיק קול און שמייכלט מיט די אויגן צום קראָקעווער.

מרים איז דעם פעלדשערס טאָכטער, אַ דערוואַקסענע, געזונטע מויד, מיט וועלכער דער קראָקעווער זאָל תנאים שרייבן. און דער רב, וואָס אים איז עפּעס נישט ניחא, דער קראָקעווער זאָל בלייבן אין שטעטל נאָך דער חתונה, לאָזט שטילערהייט נישט צו צו דעם שדוך. ביים פעלדשער עסט דער קראָקעווער שבת און האָט דאָרט אַ געלעגער. עפּעס אַ בחור, שערנדיק זיך אַמאָל פרייטאָג, האָט געהערט, ווי דער קראָקעווער האָט געבעטן מרימען, זי זאָל אים אָננייען אַ קנעפּל, און האָט עס דערציילט אין בית־המדרש.

דער קראָקעווער לויפט צו בייז, כאַפּט אָן דעם בענדינער ביי ביידע אויערן און ציהט.

— וואַרט! — שרייט ער בייז; נאָר באַגעגענדיק דעם זוואָלינערס בליק, לאָזט ער אָפּ די הענט. דער בענדינער כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַר די אויסגעצויגענע רויטע אויערן און מאַכט זיך ווייענדיק.

— מרים־לעב, מרים־לעב, איך וועל שוין נישט, ניי מיר צו א קנעפל...

דער עולם צעגייט זיך; די טעג־בחורים גייען עסן, דער וואָלינער נעמט זיך צו אַ גמרא; פייוול ווייזט זיך נישט אַ גאַנצן טאָג, און דער קראָקעווער איז פאַרזאָרגט.

VI

עס איז שוין לאַנג נאָך האַלבענאַכט. אין בית־המדרש פאַר דער אָפענער גמרא איז געזעסן דער קראָקעווער און האָט אַלץ אויפס ניי אָנגעהויבן די סוגיא, וואָס זיין מח האָט עפּעס נישט געקאָנט קלאָר אויפנעמען. אים האָט געשלעפערט, די אויגן האָבן אים געבראָכן, און די קראַנקע זייט האָט זיך געבעטן אויפן גע־לעגער. נאָר ער האָט זיך אַלץ נישט מיאש געווען די סוגיא דורכצוגיין און אויסצווייזן מאָרגן דעם רב, וואָס ער איז. ער האָט זיך אַלע ווײַלע איבערגעווישט מיט די הענט דאָס פּנים און אָנגע־הויבן אויף אַ העכערן טאָן, נאָר אינמיטן האָט זיך אַלץ פאַר־מישט אין מח, די שורות האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן... ער האָט געווישט די אויגן, זיך אָפּגערוהט און פאַרריכט די לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ שנירל און איז געווען נידעריג אַראָפּ־געלאָזט פאַר די אויגן. די לאָמפּ האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען, און אין מח זיינעם איז פאָרגעקומען מרים, ווי זי שטייט און גייט, אַ געזונטע און אַ פולע, און ער האָט זי געפילט נעבן זיך...

ער האָט געעפנט די אויגן. דער גאַנצער בית־המדרש מיט די צוויי פענסטער, וואָס גייען אַרויס אויף דער גאַס, האָט זיך פאַרלאָרן אין דער טונקלקייט. דער אָרון־קדש, דער אויוון און דער שטיק באַלייכטער באַלקן האָבן זיך געשאָקלט. און ער האָט זיך דערמאָנט מיט שרעק, אַז ער האָט די סוגיא נאָך נישט אָנגעהויבן, אַז מאָרגן וועט דער וואָלינער זיצן פאַר אים, ער וועט וואַרפן מיט די צעלאָזטע פּאות, שאָקלען מיט די הענט און

קולות מאַכן... און אים איז געוואָרן אַ רחמנות אויף זיך אַליין, אויף זיין פאַרשוואַרצט ווערן אַזוי לאַנג, אויף זיין אַזוי פיל לערנען, אַזוי פיל טעג אָהן עסן און אַזוי פיל נעכט אָהן שלאָפן, וואָס האָט צו גאָרנישט געבראַכט, ווייל מענשן זיינען שלעכט, ווייל דער רב האָט ליב די, וואָס צאָלן אים, און פון אים וויל ער פטור ווערן... ער איז געזעסן און געקניפּט מיט דער האַנט זיין דאַרע ברוסט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אָננעמען, און האָט געשאָלטן:

— אַז ס'זאָל אים דעם געלן רמאַי... אַ שוואַרץ יאָר!

אָט וואָס ער וועט טון! מאָרגן פּאַקט ער איין דאָס פּעקל, אַ פאַלטאָ אַ שווערן האָט ער, עס וועט גוט זיין אויף אַ גע־לעגער... ער וועט אַוועקפאָרן, אויף להכעיס זיך נישט געזעגענען מיטן רב, זאָל ער וויסן! צו אַלדע שוואַרצע יאָר! נאָר דער געדאַנק געדויערט נישט לאַנג. ווידער קומט פאָר מרים, דאָס ווייכע געלעגער ביים פעלדשער, „שבת“ און אַלע טעג זיינע, וואָס האָבן אים אַזוי פיל מיה געקאָסט... נייע עלנט עפּעס אין אַ ישיבה... שלעכטע בחורים, אַ שלעכטער רב ערגעץ אין אַ שטעטל...

„וואָס וויל מען פון אים? ווען נישט דער רב, וואָלט ער דאָך שוין חתונה געהאַט!“...

ער ווערט מיד, לענט זיך אויף די הענט און דרעמלט איין.

אין בית־המדרש איז שטיל: די לאָמפּ גיט זיך קיין ריר נישט, און אַ שווערער אָטעם ציטערט אין דער לופט.

ביים רב אין דער בית־דין־שטוב זיינען אויך אַלע געשלאָפן. דאָרט שטייען דריי בעטן. און די אַראָפּגעדרייטע לאָמפּ ברענט טונקל. עס שלאָפט דער טשעקאָטשינער אין איין בעט, איינגאַנצן איינגעוויקלט אין בעטגעוואַנט, עס זעהט זיך נאָר אַרויס אַ שטיק אַקסל און אָרעם; אין צווייטן שלאָפן דער בענדינער און דער אַלטשינער, וואָס איז ערשט פאַרנאַכט געקומען. ער איז מיד, ליגט מיטן פנים צום וואַנט און כראָפּעט הויך. די קאָלדרע האָט ער זיך איינגאַנצן צוגענומען. דער בענדינער זוכט זי מיט דער האַנט אין שלאָף. אים חלומט זיך, אַז ער איז אַרויסגע־לאָפן נאַקעט אויף דער לאָנקע. און אים איז קאַלט. ער קרימט

זיך און קאָן אַלץ נישט געפינען די קאָלדרע. אין דריטן בעט, געהעננטער צו דער הויכער שאַנק ספרים, שלאָפט דער וואָלינער, די יאַרמולקע האָט זיך אים אַראָפּגערוקט פון קאָפּ, און דער הויכער געבערגלטער שטערן קוקט אַרויס שטאָלץ. איין פּאה איז צעוואָרפן, און עטליכע האָר פון איר ליגן אויף די ליפּן, וואָס זיינען האַלב אָפן, רויט און פריש. דער אָטעם זיינער איז גלייך און רוהיג. ער שלאָפט געשמאַק, ווי עס שלאָפט זיך צווישן מענשן אַ סך, געליבט און געשווינט פון יערן, און די פאַנטאַזיע זיינע וועבט גוטע לייכטע חלומות...

אין שטוב איז רוהיג. עס כראָפּעט דער אַלטשינער, עס קראַצט אַ מויז, און פון רבס שלאָפשטוב הערט זיך דער טיק־טאַק פון זייגער. די ספרים, וואָס שטייען אַ שורה איבער אַ שורה און דערגרייכן אַוש צום באַלקן, האָבן אויך ווי פאַרגעסן די גרויסע מחלוקות צווישן זיך און זיינען ווי איינגעשלאָפן.

טיילמאָל נאָר, אַז די מויז גיט אַ העכערן קראַץ אָדער עס שלאָגט דער זייגער, רירט זיך אַ קנייטש אויפן וואָלינערס שטערן, עפּעס אין אים איז וואַך, גערייצט, האָרכט און וואַרט. דער קנייטש גלייכט זיך אויס, ווען ער שלאָפט ווייטער רוהיג און שטיל.

נאָר אָט האָט דער זייגער פינף געשלאָגן. דער וואָלינער האָט די אויגן געעפנט, זיך אויפגעזעצט אין בעט און עפּעס גע־זוכט ביי זיך אין מח...

„אַ! מען ברויך די סוגיא פון חצי דבר לערנען!“...

ער האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט, זיך אָנגעטאָן און מיט אַ האַלב צוגעקנעפּלט וועסטל איז ער געלאָפן אין בית־המדרש אַריין. ס׳איז געווען פינסטער, אַ רעגן האָט געקאַפּעט, און דער ווינט האָט אים דעם פּאַלטאָ אויפגעבלאָזן. ער האָט געאיילט און געעפנט די טיר מיט אַ ליאַרעם.

דער קראָקעווער איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט אַ ציטער גע־געבן און אָנגערירט מיט דער האַנט די לאָמפּ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו שאָקלען און בלענדן אים די אויגן. זיי האָבן זיך אַ רגע שטום אָנגעקוקט

— גוט מאָרגן! — האָט דער זוואָלינער געזאָגט און איז גע־בליבן שטיין אַביסל אָפּגערוקט פון טיש. דער קראָקעווער האָט אַלץ אויף אים געקוקט מיט רויטע אויגן.

— ע—עם... האָט ער אָפּגעהוסט — וואָ—אָס?

דער זוואָלינער האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן:

— דו לערנסט „חצי־דבר"? לאָמיר לערנען צוזאַמען...

— אין חדר אַריין, יינגל! — האָט זיך דער קראָקעווער גע־בייזערט — מיר האָבן צוזאַמען שאָף געפּאַשעט? האַ?

דער זוואָלינער איז בייז געוואָרן:

— זעה נאַר! — האָט ער געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער הייך — איך קאָן בעסער לערנען פאַר דיר, דו ווייסט?

דער קראָקעווער האָט געוואָלט לאַכן און האָט אָנגעהויבן צו הוסטן:

— דו יונגאַטש, דו! דרך־ארץ! וואָס מיינסט דו ראָס?

— דער זוואָלינער האָט עפּעס געבּרומט בייז און פאַרשעמט און איז געגאַנגען זוכן אַ גמרא און גענומען זיך לערנען. ער האָט זיך אין אָנהויב אַ סך אָפּגערוקט פון קראָקעווער, נאָר ער האָט זיך אַלץ נעהענטער צוגערוקט צו דער ליכט. אין עטליכע מינוט איז ער דורכגעגאַנגען די גמרא, לערנענדיג פלינק און האַלבע ווער־טער ריידנדיג, און ער האָט זיך שוין גענומען צום תוספות. דער קראָקעווער האָט אויף אים געוואָרפן בגנבה בליקן, און זעהענדיג, אַז ער האַלט שוין ביים תוספות, האָט ער זיך משער געווען, אַז די גמרא האָט ער איבערגעהיפּט, כדי אים אָפּצו־נאַרן. דעם קראָקעווער האָט זיך געוואָלט כאַפּן אים ביי אַ לינג.

— אַ נו, בחור, — האָט ער זיך געקרימט און צוגערוקט, אָנלענענדיג זיך מיט דער האַנט אויף דער באַנק — דו לערנסט ניך... יאָ...

— אַוראַי! ער מיינט טאַקע...

— ווייסט פון דיינע הענט און פיס צוזאָגן, בחור? ווילסט מיך אָפּנאַרן...

— זעה נאַר — האָט דער זוואָלינער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך געבייזערט — קאָן איך נישט! איך וועל בעסער פאַר דיר!

דער קראָקעווער האָט פאַרביסן די ליפּן, אַרויפגעלעגט די האַנט אויף דער גמרא צו פאַרשטעלן דעם תּוספות און געזאָגט:

אַ נו, זאָג איבער, לאָמיך זעהן...

דער זוואָלינער האָט אָנגעהויבן איבערצוזאָגן געשיקט, ער האָט געמאַכט מיט די הענט, מיטן קאָפּ און מיטן גאַנצן קליינעם גוף. ער האָט בשעת־מעשה גאָר פאַרגעסן, אַז ער רעדט מיטן קראָקעווער, און האָט אים געטייט מיטן פינגער אין די אויגן אַריין. דער קראָקעווער האָט אין אָנהויב זיך געמוטשעט צו פאַר־שטיין, נאָר אינמיטן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן וועט ער זיצן די צווייטע האַנט פון דעם קליינעם יינגל, און ער האָט פאַרלוירן דעם פאָרעם פון די געראַנקען.

— „יאָ, יאָ — האָט ער מיטגעברומט — נו — נו“...

— ווען לערנען צוזאַמען? — האָט דער זוואָלינער געפרעגט דערפרייט דערמיט, וואָס דער קראָקעווער האָט אים אויסגע־הערט. ער האָט צוגעמאַכט דעם קראָקעווערס גמרא און צוגע־רוקט זיינע.

— אַ העזה דאָס איז! — האָט דער קראָקעווער געזאָגט און צוריק געעפנט די גמרא זיינע — קאָנסט מיטלערנען, איך לאָז דיך עפּעס נישט? וואָס האָסט דו צו צומאַכן מיין גמרא?

דער זוואָלינער האָט זיך פאַרשעמט, ער האָט צוגעמאַכט זיין גמרא און זיך צוגערוקט צום קראָקעווער, און זיי האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען צו לערנען דעם תּוספות. דער זוואָלינער האָט זיך אַלץ מער צעקאָכט, ער האָט געלערנט, די פּאות זיינע האָבן זיך שנעל געוואָרפן און האָבן אַ סך מאָל אָנגעקלאַפּט אין קראָקעווערס באַקן. ער איז שוין אינגאַנצן פאַרטון געווען אין דער סוגיאָ, געשריען, געבייזערט זיך און איבערגעבעטן מיט די אַמוראים און תּנאים. דער קראָקעווער האָט זיך נאָכגעשלעפּט, אַלע ווײלע אַ בליק געוואָרפן אויפן זוואָלינער. דער זוואָלינער, זעהענדיג, אַז יענער העלפט אים נישט אַרויס, האָט אַ דריי געגעבן מיט דער האַנט און געשריען:

— דו פאַרשטייסט דאָך קיין וואָרט נישט! אַז איין פּאָר ערות... האָט ער געזוגט.

נאָר דער קראָקעווער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינזיצן, ער איז אַרויסגעגאַנגען, נישט ריידנדיג קיין וואָרט, און אָפן גע־לאָזט די טיר.

דער זוואָלינער האָט געמיינט, אַז ער וועט באַלד אַריינקומען און האָט געוואַרט. עס האָט לאַנג געדויערט, און אים איז גע־וואָרן זעהר אומעטיג. ער האָט זיך דערמאָנט דעם קראָקעווערס בליק אויף אים, בשעת ער איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש אַריין, און ער האָט דערפילט די ליידן פון יענעם בליק. דאָס אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען, וואָס ער האָט נישט קלאָר פאַרשטאַנען, האָט זיך אים איצט שווער געלעגט אויפן האַרצן. ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. צוגעדריקט דעם שטערן צו די שויבן, אויף וועלכע די נאַכט איז נאָך געלעגן האַרט. טראָפּן האָבן זיך געקויקלט. און דער ווינט האָט געקלאַפּט מיט אַ שינדל אויף עפּעס אַ דאַך. מען האָט אָנגעהויבן צו קלינגען אין דער קירכע, עפּעס טריט האָבן זיך געהערט אויף דער גאַס, העגער האָבן געקרייעט און זייער קול האָט ווי געריסן די פינסטערניש און געוועקט די נשמה. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן העלער צו ווערן, און ער איז אַלץ געשטאַנען מיט אַ צוגעפּרעסטן שטערן צו די שויבן און האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און גענומען זאָגן ערנסט מיט אַ וויינענדיג קול: „שמע ישראל״.

און אינמיטן קריאַת־שמע, נישט ווסנדיג אַליין פאַרוואָס, האָט ער זיך צעוויינט און געווישט מיט די אַרבל די אויגן.

צווישן טאַטע־מאַמע

יצחק, אַ ייִנגל פֿון עלף יאָר, האָט געהאַלטן אינמיטן זאָגן דעם שיעור. ער האָט זיך אַ סך מאָל פֿאַרהאַקט, און אים איז אַ חידוש געווען, פֿאַרוואָס דער רבי בייזערט זיך נישט און העלפֿט אים אַלץ אונטער. דעם רבינס קול, אַז ער האָט גערעדט צו אים, איז געווען ווייך, גאָרנישט ווי געוויינלעך. נאָך מער פֿאַרוואונדערט האָט אים, וואָס די בייזע רביצין, גייענדיק אַריין און אַרויס פֿון דער שטוב, האָט זיך יעדעס מאָל אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף אים און געזיפֿצט:

— ער איז שוין מיד, נעבעך, — האָט זי געזאָגט.

דער רבי האָט אויף דעם געענטפֿערט יצחקן:

— זעה צו קענען דעם שיעור, דו פֿאָרסט הײַנט קיין וואַר־שע, דער טאַטע וועט דיך פֿאַרהערן...

און בײַ דעם וואָרט „טאַטע" גיט דעם קינדס האַרץ אַ פֿעסטן קלאַפּ. ווײַל זינט די מאַמע האָט זיך געגט מיטן טאַטן, האָט ער דאָס ראָזיגע וואָרט נאָך נישט אַרויסגערעדט; דערפֿאַר אָבער בײַ די לעצטע ווערטער „פֿאָרן קיין וואַרשע" ווערט אים פֿריילעכער אויפֿן האַרצן. ער פֿילט זיך אָנגעטאָן אין שבתדיקן פּאַלטאָכל, ריין און פֿריש; עס שטעלן זיך אים פֿאָר אַ בעל־עגלה, פֿעלדער און וועלדער; דערנאָך ערשט די באַן; עס פֿײַפֿט און מען פֿאָרט...

ער האָט דערווײַל פֿאַרגעסן, וואו ער האַלט, דער רבי ווײַזט אים און טרייסט אים:

— זײַ נישט פֿאַרקנייטשט, יצחק, אין וואַרשע זײַנען דאָ גוטע מלמדים, גוטע... און דער טאַטע וועט אויף דיר אַכטונג געבן, נו, זאָג...

נאָר דעם קינד זאָגט זיך נישט. דאָס האַרץ קלעמט עפּעס, און די שיין פון דער זון, וואָס ליגט אויף אַ האַלבער גמרא, רופט אויף דער גאַס אַרויס.

דער זיינער ווייזט אַ פערטל אויף צען. אָנבייסן גייט מען נאָך צען, און דער ווייזער שלעפט זיך גאָר פּאַמעליך.

— די מאַמע האָט מיר געהייסן פריה אַהיים קומען — שטאַמלט דאָס קינד אַרויס אַ ליגן.

די מאַמע האָט אים, אייגנטליך, גאָרנישט געזאָגט. אין דער פריה, אַזייגער אַכט, אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט דערזעהן אין קיך אַן אַלטע יידענע האַקט פיש, האָט ער זיך פאַרוואונדערט און געפרעגט, וואָס דאָס איז; די יידענע האָט אים אָנגעקוקט עפּעס קרים, דערנאָך גערעדט מיט דער מאַמען עפּעס אויף פּויליש, כּדי ער זאָל נישט פאַרשטיין; די מאַמע האָט באַלד געשיקט די דינסט צו מענדל סוחר פרעגן, ווען ער פאָרט, און אַז די דינסט האָט געבראַכט דעם ענטפער, אַז ער פאָרט אַרויס צו דער פינפער באַן, האָט די מאַמע צו אים געזאָגט:

— ס'איז נאָך צייט; גיי אין חדר.

ער איז אַוועקגעגאַנגען זעהר טרויעריג. ער האָט זיך משער געווען, אַז די מאַמע האָט חתונה, נאָר געוואוסט אויף זיכער האָט ער נישט. אַ גאַנצע צייט זיצט ער דעריבער אויפגערעגט און אומרוהיג, און די שעהן אין חדר שלעפּן זיך גאָר אָהן אַן אויפהער. דער רבי גלויבט אים, ער הייסט אים נאָר זאָגן ביז צום ענין. יצחק נעמט צוזאַמען די גאַנצע ענערגיע, שטרייכט אָן דעם קאָפּ, עס געלינגט אים, ער פאַרטוט זיך און פאַרגעסט זיך אין דער גמרא און איז צופרידן. נאָר דער רבי האַקט אים איבער:

— יצחק, זאָלסט זאָגן דער מאַמען, זי זאָל מיר באַצאָלן פאַרן חודש; וויפיל טאָג האָבן מיר אין חודש? חנה, וויז דעם לוח.

די רביצין גייט צו צום טיש, רוקט אַוועק דאָס טיכל פון איבער די אויגן און זאָגט בייז:

— עהסט דו! חוהטשע — ווער ס'קען זי נישט?! זי לויפט דיר שוין באַצאָלן! נאַ דיר, האָרעווע מיט די שקצים בחנם!

בחנם ברויך מען נאָך מיט זיי צו לערנען! אַ ניי זיירן חופּה־קלייד ברויך זי צו דער חתונה! זי לויפט דיר שוין באַצאָלן...

זי רעדט און שעלט נאָך אַ סך און וואַרפט מיט די הענט, אַשטייגער, ווי זי וואָלט די קללות אַרויסשיטן פון פאַרטוך אַרויס אויף יצחקס קאָפּ. יצחק זיצט זעהר אומרוהיג: די מאַמעס חתונה, דאָס פאָרן צום טאַטן, די רביצין און איר זידלען די מאַמע, האָבן אין אים דערוועקט אַ פאַרמישונג פון פאַרשיירענע געפילן, און ער וואָלט גערן, זעהר גערן, שוין אַרויס פון חדר. ער זיצט שוין מיט איין פוס איבער דער באַנק און קוקט אויפן רבין מיט אַ פראַגע און מיט אַ געבעט, נאָר דער רבי וויל פּטור ווערן פון דער רביצין און הייסט אים ווייטער זאָגן ביז צום ענין.

יצחק מאַטערט זיך ווידער צו פאַרשטיין דעם ענין, אַריינ־טון זיך, נאָר דער מוח פאָלגט נישט און דאָס האַרץ זיינס הויבט אָן גאָר פעסט צו קלאַפּן, ער צעוויינט זיך פּלוצלינג אויפן קול.

די יינגלאַך קוקן זיך אָן איינער דעם אַנדערן פאַרוואונדערט, אין שטוב ווערט שטיל, עס הערט זיך דער „טיק־טאַק" פון זייגער, די רביצין האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן אַ קללה.

— וויין נישט יצחק — זאָגט דער רבי — וויין נישט, אין וואַרשע זיינען דאָ גוטע מלמדים, וועסט דיך אָרנטליך אויפפירן... נו, ניי, געדיינק זאָגן דער מאַמען, ס'קומט מיר פאַר אַ חודש...

די רביצין מורמלט עפּעס נאָך שטיל, נאָר יצחק הערט נישט און לויפט שנעל אַרויס פון דער טיר, ווישנדיג מיטן אַרבל די אויגן.

אין דרויסן איז אַ שיינער זומער־מאָרגן, די פיס דערהויבן זיך צו לויפן, און דאָס פולע האַרץ וויל לויז ווערן פון אַ משא.

ער דערזעהט פון ווייטן שמואלקען, אַ דרייצען־יאָריגער בית־המדרש־לאַבוס, ער לויפט אים נאָך און שרייט מיטן גאַנצן כח:

— שמואלקע, שמואלקע! ווייסט — מיין מאַמע האָט חתונה!

נאָר ער דערשרעקט זיך פאַר זיינע אייגענע ווערטער און שעמט זיך. שמואלקע פרעגט זיך, צי מען באַקט לעקעך, יצחק ענטפערט, אַז ער ווייסט נישט, און שמואלקע זאָגט מיט אַ זיכער קול:

— מען באַקט, אַוראַי באַקט מען! ברייננ, יצחק, וואַרט, איך וועל דיר שוין עפּעס געבן!

— איך פאַר קיין וואַרשע — ענטפערט יצחק מיט אַביסל גאוה. ער וויל שוין פּטור ווערן פון שמואלקען און לויפן אַהיים, נאָר שמואלקע לאָזט אים נישט.

— לאָמיך געמאַך. — זאָגט יצחק — ער מיינט, כ'בין אַ גנב, פּונקט אַזוי ווי ער!

שמואלקע גיט אים אַ קאָפּע מיטן פוס און אַנטלויפט.

אונטערהינקענדיג אויף אַ פוס קומט דאָס קינד אַהיים.

II

אין דער קיך טראָגט זיך אַ ריח פון פאַרשיידענע שבּתדיגע מאַכלים, אויפן קוימען שטייען גרויסע טעפּ, אויף דער פאַן פיש הויבן זיך גרויסע בלאָזן, דאָס פייער קנאַקט.

די מאַמע אָנגעטאָן אין וואָלענעם קלייד, אין שבּתדיגן פאַריק און אין אַ נייער ווייסער שירץ, שטייט בײַ דער טיר און רעדט מיט דער יידענע וועגן עפּל. דערזעהענדיג יצחקן, פרעגט זי:

— וואָס עפּעס אַזוי פריה?

יצחק דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ ליגן געזאָגט, און ווייסט נישט, וואָס צו ענטפערן. צוגיין און קושן דער מאַמעס האַנט און זאָגן „גוט מאָרגן" קאָן ער עפּעס נישט. די יידענע קוקט אויף אים און רעדט צו דער מאַמען עפּעס אויף פויליש, די מאַמע ענטפערט, ביידע קוקן אויף אים, די יידענע פאַרקרימט איר געריינצלט פּנים, און יצחק ווייסט נישט, צי זי וויל שמייכלען אָדער עפּעס אַנדערש טון. ער שטייט אַלץ נאָך אויף איין אָרט און האָט זיך מורא צו צורירן צו עפּעס, אַשטיינער, ווי ער וואָלט זיך געפינען בײַם פעטער ירוחם אין דער גרויסער סאַלע, וואו אַלץ איז שיין און רייך, און דאָך קאָן ער קיין טריט נישט מאַכן אָהן דעם פעטערס יינגלאַך.

דאָס אָנבייסן, אַ פּראָסט וואָכעדיק אָנבייסן, עסט ער אין דער אַנדערער שטוב און איז זעהר אומרוהיג, ער לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון דער טיר און האָט מורא, די מאַמע זאָל נישט אַריינקומען אין מיטן עסן: ער וועט פונקט האָבן אַ פול מויל און וועט איר נישט קאָנען ענטפערן; ער מאַכט דעריבער קליינע ביסנס. עפּעס איז דאָס אָנבייסן קיין אָנבייסן נישט, די שטוב קיין שטוב נישט, און די מאַמע קיין מאַמע נישט!

די מאַמע קומט אַריין, און יצחקן ווערט דער אָטעם פאַר־האַלטן. די מאַמע גייט צו, זעצט זיך אַנידער אין וואָלענעם קלייד נעבן אים אויף אַ בייגקל. יצחק ווערט צעמישט, פאַר די אויגן שווינדלט אים, און די זעמל פאַלט אים אַרויס פון דער האַנט; ער וויל זי כאַפּן, נאָר ער גיט זיך עפּעס אַ מאָרגעם ריר און קערט אום דאָס בייגקל; ער אַליין פאַלט אויך, אַביסל אומגערן, אַביסל גערן, ווייל ער פילט, אַז צו בלייבן שטיין אויף איין אָרט טויג עפּעס נישט פאַר אים.

די מאַמע שרייט:

— דו ווילדע בריה! ער וויסט דען, וואָס מיט אים טוט זיך!

יצחק הויבט אויף דאָס בייגקל און טראַכט, אַז די מאַמע איז גערעכט: ער ווייסט טאַקע נישט, וואָס מיט אים טוט זיך, נאָר דאָס איז ער נישט שולדיג, נאָר די מאַמע אַליין: צו וואָס האָט זי דען חתונה?

— אין אמת אַריין — פילאָזאָפירט ער, בלייבנדיג אַליין אין שטוב — צו וואָס טויג דאָס דער מאַמען חתונה האָבן און אָנמאַכן אַזאַ פאַרמישונג?

ער דערמאָנט זיך, אַז אין דער לעצטער צייט האָט זיך די מאַמע נעקלאָגט פאַרן פעטער ירוחם אויף פּרנסה, אַז דאָס גוויאישע געוועלב האָט צוגענומען דאָס גאַנצע לייזעכטס, און דער פעטער ירוחם האָט זעהר שווער אָפּגעזיפצט און געזאָגט: „ס'איז ביטערע צייטן, גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען". און יצחק איז זיך איצט משער, אַז די מאַמע האָט חתונה, כּדי צו האָבן פּרנסה. אַ וואונדער איז אַפילו, ווי אַזוי פון דער חתונה וועט אַרויסקומען פּרנסה, און די צייט וועט שוין נישט זיין ביטער — נאָר אַז נישט, וואָלט דאָך די מאַמע נישט חתונה געהאַט, צו וואָס?

די מאַמע קומט ווידער אַריין פון קיך מיט אַ פּלאַטע פיש אין ביידע הענט, און יצחק פילט עפּעס אַן אַרט רחמנות אייף דער מוטער, וואָס דאָס גוואַלדישע געוועלב נעמט ביי איר צו דאָס גאַנצע לייזעכטס, וואָס זי האָט אַזעלכע ביטערע צייטן און מוז חתונה האָבן... אין די אויגן שטעלן זיך אים טרערן.

די מאַמע זעצט זיך און רופט אים צו:

— יצחק!

דער מאַמעס קול איז, ווי אַלץ אַרום, גאָרנישט ווי אַלע מאָל, עס קלינגט אין דעם קינדס אויערן פרעמד, ווי אַ ווידער־קול. יצחק מאַכט זיך צום ערשטן מאָל נישט הערנדיג און כאַפּט פליגן אויף דער שויב.

— יצחק! די מאַמע רופט אים, און ער שטייט! וואָס איז דאָס?

— זאָגט די מאַמע מיט פאָרוואורף.

יצחק גייט צו, שטעלט זיך אַנידער און ווייסט נישט, וואָס ער האָט צו טון מיט די הענט זיינע, וואו מען האַלט זיי.

— דו ווייסט, וואוהין דו פאָרסט?

יצחק ענטפערט נישט.

— איך פרעג דאָך דיר! פאַרוואָס ענטפערסט דו נישט? ווייסט וואוהין דו פאָרסט?

יצחק לאָזט טיפער אַראָפּ די אויגן. די מוטער ווערט בייז:

— איך פרעג דאָך דיר, שקץ! האָסט דו געזעהן! פאַרוואָס ענטפערסט דו נישט?!

יצחק צעוויינט זיך ווידער, די מאַמע גייט בייז אַרויס פון שטוב מיט אַ שטילן, צאָרנדיגן: „וואַרט!"

יצחק בלייבט אַליין און האָט נישט וואָס צו טון. פליגן איז ווי אויף צו להכעיס נישט דאָ קיין איינע אויף די שויבן, אין קיך האָט ער מורא אַריין צו גיין, די לעצטע שטוב, וואו די בעטן שטייען, איז פאַרמאַכט, די מאַמע האָט נישט געהייסן דאָרט אַריינגיין, און ער פילט זיך פאַרשפאַרט פון אַלע זייטן. ווען וועט שוין מענדל סוחר קומען?

ער נעמט אַליין אַרויס דאָס נייע פּאַלטאָכל, טוט עס אָן, גייט צו צום שפּיגל, ער פאַרקרימט דאָס פּנים און זאָגט, טייטנדיג מיטן פינגער אין שפּיגל אַריין:

— דו ווילדע בריה! דו ווילדע בריה! ער ווייס רען, וואָס מיט אים טוט זיך! כ'האָב דיר באַלד געזאָגט, מע—ע!

די דינסט, אַ מיידל אַ גיכס, וואָס קאָן זינגען גאָר שיינע לידעלאַך, גייט דורך. יצחק וואָלט זי געבעטן, זי זאָל אים זינגען אַ לידל, נאָר זי איילט זיך. דאָס מיידל, דורכגייענדיג, דערזעהט אויפן ניי־אויסגעפּוצטן שפּיגל פלעקן פון יצחקס פינגער, זי גיט אים אַ שלייערער און זאָגט:

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר! ווען וועט מען שוין דיינער פּטור ווערן!

יצחק ווערט בייז און ענטפערט:

— דו שיקסע, דו! זי מיינט, איך ווייס נישט, אַז...

נאָר ער ווייסט, אייגנטליך, נישט, וואָס אַזוינס די דינסט האָט געטאָן, מיט וואָס מען זאָל זי קאָנען זידלען, און קוקט נאָר צאָרנדיג אויף איר.

די דינסט גיט אים נאָך אַמאָל אַ שטופּ, יצחק לויפט צו, כאַפּט איר האַנט צווישן זיינע ציין און בייסט לאַנג און פעסט. די דינסט שרייט, אין שטוב ווערט אַ גערודער, די מאַמע קומט אַריין, די יירענע שטייט ביי דער טיר מיט אַ האַלב אָנגעהויבענעם מער אין דער האַנט.

די מאַמע זאָגט שטיל, נאָר מיט צאָרן:

— אַז מען זאָל אַזעלכע קינדער נישט קענען, רבונו של עולם!...

און דער „רבונו של עולם" לייגט זיך אויפן קינדס האַרץ שווער, ווי אַ שטיין, ער ווערט טרויעריג און זעצט זיך שטיל ביים טיש.

III

פון דער קיך דערהערט זיך אַ פּעסטער עפּן די טיר, און מענדל סוחרס ברייט קול צעליינט זיך אין ביידע שטובן:

— נו, וואו איז ער? גיכער!

— דאָ! כאַפּט זיך יצחק אויף פון אָרט, און וויל עפּעס טון.

נאָר קיינער הערט אים נישט, מענדל סוחר איילט זיך זעהר, די מאַמע רופט אים אַוועק אין אַ זייט און רעדט צו אים שטיל. מענדל שאָקלט איילנדיג צו מיטן קאָפּ אויף „יאָ", און זיין שוואַרצע באָרד קנייטשט זיך אויף זיין ברוסט ביי יעדן שאָקל.

„פּונקט אַזוי ווי דער טאַטע", טראַכט יצחק, „נאָר אין טאַטנס באָרד איז דאָ אַ סך גרויע האָר".

די מאַמע דערלאַנגט מענדלען אַ קליין פּעקל וועש, יצחקן ליינט זי אין ביידע קעשענעס אַריין צוויי שטיקלאַך לעקעך און זי בויגט זיך איין אים צו קושן... יצחקן גייט דורך דורכן גוף אַ שוידער, ביים האַרצן האָט זיך עפּעס אַ קער געגעבן, ער כאַפּט פעסט ביידע הענט צוריק צו זיך, ווי צום שיצן זיך פאַר עפּעס; די מאַמע קוקט אויף אים ביזו, אַ שלעכטקייט שפּראַצט פון אירע אויגן...

— נו, פאָר געזונטערהייט...

ביי יצחקן גיט זיך ווידער עפּעס אַ קער ביים האַרצן, ער לויפט צו צו דער מאַמעס האַנט, מאַכט צו די אויגן און קושט לאַנג און מיטן גאַנצן כח.

— בלייב געזונט, מאַמישי!

ביי דער טיר וויל ער זיך נאָך אַמאָל אויסדרייען און וואַרפן אַ בליק אויף דער מאַמען, נאָר ער האָט מורא. דערזעהענדיג דעם בעל־עגלה אויף דער גאַס, זיפצט ער אָפּ און עטעמט איין אַ פולע ברוסט.

אינמיטן אויפזועצן זיך האָט שוין דער בעל־עגלה אַ שמיץ געגעבן דאָס פערד, און די הייזער האָבן זיך אָנגעהויבן צערוקן. יצחק, וואָס זיצט נעבן מענדל סוחר מיטן פּנים צום פערד, קערט זיך נאָך אַמאָל אום, דערזעהט חיים שמש גייט אַריין אין זייער הויז, און איז זיך משער צוליב וואָס. באַלד ענדיגט זיך די גאַס, און עס הויבט זיך אָן דער שאָסיי; די פעלדער מיט די קורצע, אָפּגעשניטענע שטרויען דרייען זיך, און דער בית־עלמין רוקט זיך אַלץ צו נעהענטער.

יצחק זוכט מיטן אויג און וויל געפינען דאָס אָרט, וואו זיין יונג ברודערל, חיים, ליגט, אָנגעטאָן אין ווייסע תכריכים צו־געשאָטן מיט ערד. זוכנדיג, שטעלן זיך אים פאַר גאַנצע שורות

בערגלאַך ערד, און אויפן האַרצן ליגט זיך אַ שטילער טרויער. די אויגן פאַלן אים צו, אין מוח וועבט זיך אויס ביסלעכווייז אַ בילד: אויף אַ ווייט, ברייט פעלד ליגן אויסגעסדרט מענשן, שעריענגעסווייז ליגן זיי אויף דער ערד, ווי סאָלדאַטן רוהיג; זיי האַלטן די הענט ביי די פיס גלייך „סמירנאָ"; ער, יצחק, איז אַן אָפיצער און שרייט הויך, הויך אויפן קול, אַלע הענט דערהויבן זיך, אַרום און אַרום זעהט מען נאָר אויסגעשטעלטע הענט, וואָס שטייען גלייך ווי אַ ליניע... דערנאָך קומט אַ גויע מיט אַ קאָסע און שניידט און מאַכט בינטלאַך. עפּנדיג די אויגן, דערזעהט ער זיינע הענט און האָט הנאָה צו קוקן אויף זיי. דער בית־עלמין ליגט שוין הינטער אים, דער שאָסיי ציהט זיך גלייך, באַפלאַנצט פון ביידע זייטן מיט בוימער, איבערן הימל ציהען זיך שטיקער וואָלקנס און איבערן שאָסיי לויפט אַלע ווײלע אַריבער דער שאָטן, און ער לויפט אַ סך גיכער, ווי דער וואָגן, כאָטש דער בעל־עגלה איילט צו דער באַן, און אַלע האָבן מורא, מען זאָל נישט פאַרשפּעטיגן.

די באַן גייט אַוועק פון דער סטאַציע אום פינף; פאַר יצחקן האָט מענדל סוחר נאָר אַ האַלבן בילעט גענומען און אָנגעזאָגט אים, אַז ער זאָל זאָגן דעם קאָנדוקטאָר „אָשיעם ליאַט" און זאָל זיך מאַכן קליין; ער זיצט אין וואַגאָן אין ווינקעלע און שרעקט זיך זעהר.

עס הויבט אָן טונקל צו ווערן, זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן זעהען נאָר אַ רויך, וואָס טראָגט זיך אין דער לופט פון וואַגאָן, און קערט זיך אין אַלע זייטן פאַרלאָזט און עלנט, אַשטייגער, ווי ער וואָלט קיין טאַטע־מאַמע נישט געהאַט. פון רויך קוקט נאָר אַרויס אין אַ זייט דאָס פּעקל וועש, מענדלס **רייזע־קעסטל.** דער וואַגאָן קלאַפּט, און פון געשפּרעך דערהערט יצחק נאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער. עפּעס אַ ייד פרעגט, „ווער איז דאָס יינגל?" — און טייט מיטן פינגער, יצחק האָט מורא צו הערן דעם ענטפער, און רוקט זיך פענסטער צו צו דער וואַנט, עס הערט זיך אַ זיפץ, עפּעס אַ קול קרעכצט און זאָגט: „ביטערע צייטן". מען רעדט וועגן „באַנקראָטן". יצחק פאַרשטייט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר משער איז ער זיך, אַז דאָס מוז זיין עפּעס נאָר, נאָר

שלעכטס, וואָס טרעפט זיך נאָר אין ביטערע צייטן. אַן אַנדער קול קרעכצט אויך און זאָגט, אַז ס'מוז זיין משיחס צייטן, אַז קיין פּרנסה איז נישטאָ, נישטאָ... נייע גזרות קומען אויף... און יצחקן ווערט זעהר, זעהר טרויעריג אויף דער נשמה, עס שטעלט זיך אים פאָר, אַז די ביטערע צייטן וועלן לאַנג רויערן, אַלע געוועלבער וועלן ווערן ליידיג, אַלע ייִנגלאַך וועלן גיין אָהן קאַפּאָטקעלאַך, אַלע מיידלאַך — באָרוויס, אָהן שיך, און וועלן שרייען: „עס הונגערט מיך", און די מאַמעס און די טאַטעס וועלן זיפצן: „ס'איז נישטאָ קיין פּרנסה, גאָט זאָל זיך דערבאַרמען".

ער עפנט אויף די אויגן און קוקט זיך אום, די אַלע פּנימער אַרום זעהען אים אויס זעהר פאַרביטערט, און אים ווערט אַ רחמנות אויף אַלע, אויף מענדל סוחר אויך. ער איז אים איצט שוין מוחל, וואָס ער האָט פאַר אים גענומען נאָר אַ האַלבן בילעט און פאַר זיך — אַ גאַנצן.

דער צוג שטעלט זיך, מען גייט אַריין און אַרויס פון וואַגאָן, מען שלעפּט פּעקלאַך, עפּעס אַ קול פרעגט הויך:

— אַ! וואָס מאַכט מען, העניך?

— געלויבט השם יתברך! ענטפערט אַן אַנדער קול.

— האָסט פּרנסה? ווי גייט עס דיר?

— נישקשה, געלויבט השם יתברך!

און די פאָר בלויע אויגן יצחקס קוקן אויף דעם יידן מיט ליבשאַפט, וואָלט ער זיך נישט געשעמט, וואָלט ער דעם יידן געזאָגט: „איר זייט אַ גוטער ייד, ר' ייד; איר האָט פּרנסה, געלויבט השם יתברך, געלויבט השם יתברך"...

דער צוג האָט ווייטער גערירט, און יצחק איז צוגעגאַנגען צום פענסטערל און גענומען אַרויסקוקן. עס האָט אָנגעהויבן אַלץ טונקלער צו ווערן, און אין דער טונקלקייט האָבן זיך ביס־לעכווייז פאַרלאָרן די געשטאַלטן פון די בוימער און פון די פעל־דער; די טעלעגראַף־דראָטן האָט מען שוין נישט אַרויסגעזעהן. נאָר די סלופּעס זיינען אַוועקגעשפּרונגען איינער נאָכן אַנדערן און האָבן זיך באַהאַלטן, איבערן הימל האָבן זיך געשלעפּט נאָך אַביסל רויטליכע וואָלקנס, פון דערווייטנס האָט צייטנווייז אַ פינקל געגעבן אַ פייער, עס האָט געציטערט און געשפּרונגען,

און וואָס פינסטערער עס איז געוואָרן, אַלץ מער פייערלאַך האָבן געציטערט. די סלופּעס האָט מען שוין קוים דערזעהן, הימל און ערד האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין שוואַרצער מאַסע, און דער וואָגאָן איז אַריין צווישן צוויי מויערן ערד. פאַר די אויגן איז געוואָרן שוואַרץ, גאָר שוואַרץ, און אין דער שוואַרצקייט האָט זיך עפּעס גערורערט, געלאָפן, ווער ווייסט וואוהין!

יצחק דרייט זיך אוים צו מענדל סוחר און רעדט גאָר שטיל:

— ר׳ מענדל?

נאָר ר׳ מענדל דרעמלט.

— ר׳ מענדל? — זאָגט ער נאָך אַמאָל און ציהט אים ביים אַרבל.

— וואָס?

— וואָס איז, אַז די „קאָליע" פאַלט אום?

ר׳ מענדל ענטפערט נישט און לענט זיך צוריק אָן אויף דער באַנק.

— גייט די וועלט אונטער? יאָ? — פרעגט דאָס קינד, ווי זיך זעלבסט...

ר׳ מענדל שנאָרכט.

IV

אַרום עלף איז מען אַרויס פון וואָגזאַל. יצחקס פאַרשלאָפענע אויגן האָבן זיך אַלץ נאָך נישט געקאָנט איינגאַנצן עפענען. די ליכט האָט געבלענדט די אויגן. פון אַלע זייטן זיינען געשטאַנען זעהר הויכע הייזער, און דראָזשקעס איז געווען גאָר אַ סך. ערשט זיצנדיג אויף דער דראָזשקע, האָט זיך יצחק דערמאָנט, אַז ער פאָרט צום טאַטן, און זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלעמען אַן אומרוהיגקייט, עפּעס אַ שווערע ערוואַרטונג. מען איז דורכגעפאָרן אַ סך גאַסן, און יעדעס מאָל, אַז דער פורמאַן האָט גענומען אין אַן אַנדער גאַס אַריין, איז יצחק צופרידן געווען,

אַז כ׳וועט געדרויערן נאָך אַביסל לענגער, ער האָט זיך געמאַכט שלאָפן און פאַרמאַכט די אויגן.

ביים טויער ציהט מען ביים מעשל, עס קלינגט, דער רעגן קאַפּעט דערווייל אויפן פּנים, אַ קאַלטער ווינט בלאָזט אויף דעם נייעם פּאַלטאָכל, און דאָס פּעקל וועש ווערט פייכט. עס דערהערן זיך פון אינעווייניג טריט און אַ געקלאַנג פון שליסלען. דער טויער עפנט זיך, און יצחקן פאַרהאַלט זיך דער אָטעם: „איצט״!

אַ גוי מיט אַ מעשענעם ראַשעק פאַרהאַקט דעם טויער, עס הילכט אַרום און אַרום. זיי גייען אַרויף אויף די טרעפּ, יצחק שלעפּט קוים נאָך די פיס און זעהט נישט, וואָס ס׳טוט זיך אַרום, ער פילט נאָר מענדלס שווערע גרויסע האַנט אַרום זיינע, און דאָס געפיל איז זעהר אַ שווערס. ביי דער טיר קלאַפּט מענדל אַ פּאָר מאָל, עס הערן זיך טריט פון באָרוועסע פיס, מען פרעגט: „קטאָ טאַם״? יצחק דערקענט דעם פאָטערס קול און זיפצט אָפּ לייכטער.

נאָר מענדל, דערהערנדיג די טריט, לויפט שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ אויף די שפּיץ פינגער און זאָגט יצחקן: „בלייב דאָ״! יצחק בלייבט שטיין שטיל, האָט מורא צו אָטעמען, אַרום איז פינסטער.

— קטאָ טאַם? — דערהערט זיך נאָך אַמאָל אונטער דער טיר.

אַן אַנדער קול, אַ ווייבערשער, רופט ווייט פון דער טיר.

— עפן, שלימזל, וואָס שטייסט דו?

די טיר עפנט זיך, יצחק דערזעהט אַ פּאָר ווייסע גאַטקעס, דער טאַטע בוינט זיך איין, שטעלט זיך צוריק אויף און פרעגט מיט אַ דערשראָקן קול:

— יצחק, דו?

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר! מאַך צו די טיר, וואָס איז דאָס? — הערט זיך פון דער אַנדערער שטוב. יצחק גייט אַריין, די טיר פאַרמאַכט זיך, דאָס קול פון דער אַנדערער שטוב פרעגט נאָך אַמאָל שוין בייז; דער פאָטער ענטפערט נישט, קראַצט זיך איבערן קאָפּ און אָטעמט שווער.

יצחק בלייבט שטיין אין דעם ערשטער שטוב, דער פאָטער גייט אַריין אין דער צווייטער, פון וואַנען עס שלאָגט אַ טונקעלע ליכט.

באַלד דערהערן זיך פון דאָרט געשרייען:

— דיינע ממזרים ברויך איך נאָך! זאָל ער גיין ברעכן הענט און פיס... נאָכדעם שיטן זיך ווידער קללות, געשרייען, און אינ־מיטן שווימט אַרויס דעם טאַטנס קול: „ביילע, ביילע", און דעם טאַטנס קול איז אַזוי ווייך, ער בעט זיך אַזוי, ס'איז אַ רחמנות.

די געשרייען געדויערן לאַנג, יצחק שטייט ביים קאַסטן און האָט זיך מוראַ צו רירן פון אָרט, ער קלערט נישט און טראַכט נישט און וויל נישט קלערן און טראַכטן... און די געשרייען און די קללות פון דער אַנדערער שטוב שלאָגן אים אין קאָפּ אַריין דורך די אויערן, ווי אַ פאַליע דראָבנע שטיינדלאַך, וואָס שיט זיך און שיט זיך און הערט גאָרנישט אויף... ער ווערט מיד, לענט אָן דעם קאָפּ אויפן קאַסטן און פאַרשטאָפּט זיך מיט ביידע הענט די אויערן.

די געשרייען ווערן שטילער, ווי דונערן צום סוף רעגן, עס הויבן זיך אָן שטילע, אָפּגעהאַקטע קללות, קרעכצן און זיפצן, דער טאַטע קומט אַריין. נעמט אָן יצחקן פאַר דער האַנט און פירט אים אין דער שטוב אַריין, אַ קאָפּ אין אַ ווייסער הויב דערהויבט זיך פון קישן און פרעגט:

— וואו וועסט דו אים לייגן, אַז ס'זאָל דיך...

יצחק וויל וויינען, ער קאָן נישט, דער טאַטע רעדט אַלץ:

— ביילע, ביילע, כ'בעט דיך, ביילע, כ'וועל אים לייגן צו רבקהן אין בעטל אַריין, ביילע, כ'בעט דיך...

— לייג דיר אים אויפן קאָפּ, — און דער קאָפּ אין דער הויב דרייט זיך אום צו דער וואַנט.

דער פאָטער טוט יצחקן אויס, לייגט אים אין בעטל אַריין און גייט אַליין צוריק אין זיין בעט.

אין דער שטוב איז שטיל, טיילמאָל נאָר גיט דער טאַטע אַ קרעכץ, אַ קליין לעמפל ברענט, און די ווענט און די פאָרלאָגנע

זיינען פיל מיט מוראדיגע שאָטנס, יצחק ליגט רוהיג, רירט זיך נישט.

ערשט ווען ער איז זיך משער, אַז אַלע שלאָפן שוין, דערלויבט ער זיך צו באַוועגן די האַנט און טרעפט אויף זיינעם אַ פוס, עפּעס רוקט זיך אים, אַז ער האָט געפונען אין זיין גוף נאָר אַ נייע זאַך, ער רירט זיך צו מיט דער האַנט צום אַנדערן פוס, און ביידע פיס זעהען אים איצט אויס גאָר לגמרי איבעריג, אים רוקט זיך, אַז ס'וואָלט געגוג געווען, ער זאָל קליין זיין, גאָר קליין, ווי אַן עפּעלע, וואָס מען קאָן באַהאַלטן, וואו מען וויל.

נאָר אין אַ ווײַלע אַרום דרייט ער אויס דעם קאָפּ און דערזעהט אַ פולע קישן שוואַרצע האָר און אַ קינדעריש פּנים מיט גאָר רויטע ליפּן, דאָס קינד אָטעמט רוהיג פאַמעליך, אים ווערט גאָר פריייליך און לייכט אויפן האַרצן.

אים דערמאָנט זיך זיין ברודערל, וואָס איז געשטאָרבן און ליגט באַגראָבן אין דער ערד. אַז ער איז געשלאָפן מיט אים, האָט זיך אויך די קאָלדרע אַזוי געריירט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ... ער רוקט זיך צו נעהענטער, רירט אָן די האָר, רירט זיך צו צום שטערן, ער וויל בעסער אָנקוקן דאָס פּנים, קניעט אַנידער אין בעט און בויגט זיך צו, און דאָס קליינע פּנימל שלאָפט און שלאָפט, אָטעמט און אָטעמט. ער בויגט צו זיינע ליפּן, קושט דאָס פּנימל, וואָס אַמאָל שטאַרקער און חורט:

— כ'האָב דיך אַזוי ליב, כ'האָב דיך אַזוי ליב, אַזוי ליב...

נאָר דאָס מיידעלע כאַפּט זיך אויף מיט אַ הויך געוויין, אין שטוב ווערט אַ גערודער, דער טאַטע פרעגט זיך נאָך, וואָס דאָס איז? די הויב שרייט און שילט, און דאָס מיידל הויבט נאָך העכער אָן צו וויינען, זי שרייט און ווייזט אָן מיטן פינגער אויף יצחקן:

— ער... ער... מאַמישי...

— וואָס האָט ער דיר געטאָן? — פרעגט דער קאָפּ אין דער הויב.

— דאָ, דאָ... — ווייזט דאָס מיידל אָן מיט דער האַנט אויף דער באַק.

די מוטער גייט אַראָפּ, נעמט דאָס מיירל צו זיך אין בעט אַריין, אַ פּאָר בייזע אויגן קוקן אָן יצחקן, ער בלייבט אַליין, אים ווערט זעהר טרויעריג, ער האָט מורא צו וויינען, אָפּצוזיפצן. ערשט, אַז ער ווערט אַנשלאָפן, רייסן זיך די זיפצן אַרויס פון דער ברוסט.

געחלומט האָט זיך אים, אַז ער האָט אונטער דער שאַנק געפונען אַ סך געלט, ער נעמט און נעמט און עס ווערט אַלץ מער, ער האָט שוין אָנגעלעגט פולע קעשענעס, איינגעטיילט דער מאַמען און דעם טאַטן אַ סך, און ביידע האָבן זיך געפרייט, אַז ס'וועט שוין ניט זיין קיין ביטערע צייטן, און זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט גטן. זיי זיינען געזעסן ביים טיש און געציילט דאָס געלט, יצחק האָט דערלאַנגט און דערלאַנגט, די מאַמע האָט געשמייכלט, דער טאַטע אויך, און יצחק האָט גע־פּאַטשט אין די הענט: „אָט אַזוי, גוט אַזוי!"...

ער שמייכלט אין חלום.

V

באַלד אין דערפריה האָט אים דער טאַטע אַראָפּגעפירט צו דער באַן און האָט אים איבערגעגעבן אַ מענשן, אַז ער זאָל אים אַראָפּלאָזן ביי דער סטאַנציע. אַ גאַנצן וועג איז ער געשלאָפן און איז געקומען קיין יאַלטאָוו פאַרנאַכט מיט אַ בעל־עגלה. ער איז נישט באַלד אַהיים געגאַנגען און געוואָלט גיין אין חדר אַריין, נאָר אויפן וועג האָט אים באַגעגנט מענדל סוחרס ווייב און האָט אַהיים געשיקט אָנזאָגן דער מאַמען, אַז יצחק איז געקומען. געוואַרט האָט ער ביי מענדלען אין געוועלב, באַלד איז די דינסט געקומען און האָט אים אַהיים געפירט ביי דער האַנט; ביי דער טיר האָט אים באַגעגנט די מאַמע, און אַ ייד אין אַ סאַמעטן היטל מיט אַ שוואַרצער באָרד האָט אַריינגעבויגן דעם קאָפּ פון דער אַנדערער שטוב. דערזעהענדיג די מאַמען, איז יצחק צוגעפאַלן צו איר, איינ־

געטוליעט דעם קאָפּ אין איר שויס און האָט אָנגעהויבן הויך צו וויינען. די מאַמע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום יידן און האָט אויך אָנגעהויבן צו וויינען, דער ייד איז אַוועק פון דער טיר און האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן אַרויף און אַראָפּ אין דער אַנדערער שטוב, און יעדער טריט זיינער האָט ווי מיט אַ האַמער אָפּגעשלאָגן אין קינדס האַרצן.

שְׁכֵנִים

— צען שטיק „קאַבינעט“

חיים־בּרוך, אַ פּויליש יידל, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געקומען פון דער פּראָווינץ און טראָגט היינט אַרום פּאַפּיראָסן אויף דער גאַס, אַ נידעריגער, אַ פולער מיט אַ קליין קיילעכיג שוואַרץ בּערדל, — האָט זיך שיער נישט אַראָפּגעגליטשט פון דעם שטעקן, אויף וואָס ער איז געווען אָנגעלענט, און נישט ווייסנדיג נאָך, וואָס ער זוכט, האָט ער אָנגעהויבּן צו שאַרן צווישן די פּעקלאַך פּאַפּיראָסן.

עס איז געווען אַ קאַלטע פראָסטיגע נאַכט, שוין קעגן צוועלף. אַ פּאַרע האָט געשלאָגן פון דעם „דייטשס“ מויל, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט קויפן פּאַפּיראָסן, ער איז געשטאַנען מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער פון פּאַלטאָ, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, וואָס האָט געציטערט אין דער לופט.

„קאַבינעט“! — האָט ער איבּערגעחזרט אומגעדולדיג.

און בּאַקומענדיג די פּאַפּיראָסן, האָט ער געאיילט אַוועק, און די טריט זיינע האָבּן זיך נאָך לאַנג געהערט אין דער לופט.

חיים־בּרוך האָט פאַרריכט אונטער זיך דעם שטעקן, אויף וואָס ס'איז געווען צוגעשלאָגן אַ קליין בּרעטל אויף צו זיצן, און אַריינשטעקנדיג די הענט אין די אַרבּל, האָט ער זיך צוריקגעזעצט אויפן אָרט מיט דעם ערנסט פון אַ מענשן, ווען מען האָט אָפּגעריסן פון אַ וויכטיגער אַרבּעט, און ער נעמט זיך איצט צוריק צו איר מיט פלייס.

די גאַס איז העל בּאַלויכטן. מענשן גייען אַלץ ווייניגער, זיי לויפן דורך די גאַס גיך, מען דערקענט, אַז זיי זיינען דורכגעפרוירן און שלעפעריג. די דראָזשקאַרזשעס דרעמלען איין אויף די קעלניעס מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אָדער זיי ריידן צווישן

זיך אָפּגעהאַקטע, נישט געענדיגטע פראַזן. די גרויסע שטאָט איז ווי איינגעשלאָפן, און נאָר די עלעקטרישע לאָמפּ פאַרן רעסטאָראַן לייכט פריילעך און העל און קוקט ווי מיט שטאָלץ פון דער הייך אויף די לאַנגע שורות פאַרשלאָפענע שטאָט־לאַמטערן.

„צען טויזנט — הויבט חיים־ברוך אָן צו טראַכטן אויף דאָס נײַ — אויף מײַן חלק פינף טויזנט"... אים שטעלט זיך פאָר אַ פּעקל רויטע באַנק־בילעטן, נײַע, געפּרעסטע, וואָס קנאַקן אין דער האַנט. באַלד זעהט ער זיך אַליין אויך, שטייענדיג אין דער־היים אין גראָכאָווצע... פון דעם איינעם פּעקל ווערן אַ סך פּעק־לאַך, וואָס ליגן אויסגעסדרט אויפן טיש. דערנאָך קומט פאָר חיה־לאָה, די קינדערלאַך...

„האַ? נו? וואָס? אַ שלימזול בין איך?"...

און די לעצטע פראַזן, וואָס זײַנען געווען געווענדט צו חיה־לאָהן, פאַר וועמען ער האָט זיך געפילט שולדיג, האָבן זיך אַזוי קלאָר אויסגעשניטן אין מח, אַז די ליפּן זײַנע האָבן זיך גערירט, און אַ ליבליכער שמייכל האָט זיך געלעגט אויף זײַן פּנים.

— ס'איז קאַלט... האָט ער אַרויסגערעדט צו זיך אַליין — און אַרויסגעמענדיג דעם שטעקן פון אונטער זיך, קלאַפּנדיג מיט די פיס אויפן טראָטואַר, האָט ער אָפּגערוקט דאָס קעסטל פון דער ברוסט, זיך אַרומגעקוקט און עפּעס געטראַכט.

אים האָט אינטערעסירט צו וויסן, פון וואָסער זייט דער ווינט בלאָזט דאָס יעדעס מאָל מיט אַזאַ האַס און יאָגט איבער די טראָטואַרן דעם געפרוירענעם שניי, כּדי צו שטעלן זיך אין אַזאַ פּאָזע, וואו דער ווינט זאָל אים ווייניגער דערקוטשען.

— אָט אַזוי... האָט ער זיך באַרוהיגט און זיך צוריקגעשטעלט אויפן שטעקן.

ווידער מאָלן זיך אים אויס אין מח די היים, ווייב און קינדער, נאָר זיי זעהען איצט שוין גאָר אַנדערש אויס: די שטוב איז אַ סך גרעסער געוואָרן, אַ גרויסער זייגער הייגנט אויף דער וואַנט, עס איז וואַרעם און ליכטיג, חיה־לאָה איז אָנגעטאָן ווי אַ פּריצה,

די קינדערלאַך זיינען אָפּגעוואַשן און נייען אין נייע קאַפּאָטלאַך. און חיים־ברוך קומט אַריין מיטן „ליטוואַק" אונטערן אָרעם און זאָגט צו זיין ווייב:

— אָט דאָס איז ער! אַז איך האָב דיר באַלד געזאָגט: אַ ליטוואַק, נאָר אַן אָרנטליכער מענש, אַ גוטער יונג, דו האָסט געמיינט, ער וויל מיך אָפּנאַרן מיטן „צעטעלע", ביסט דאָך אַ שוטה, אַ נאַרישע יידענע. איך האָב דיר באַלד געזאָגט. אַ גלאָז טיי וועט איר טרינקען, ה'... ליטוואַק?

ער דערמאָנט זיך, אַז ער ווייסט נישט דעם נאָמען פון דעם „ליטוואַק", מיט וועמען ער נעכטיגט צוזאַמען אין קעלער־שטוב און ווער ס'האָט אים אָנגערערט צו נעמען צוזאַמען אַ לאָטעריע־צעטל, און דאָס מאַכט אים אומרוהיג. אין מח דרייען זיך פאַרשיידענע מעשיות, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין דער־היים וועגן די ליטוואַקעס און ער טאַפּט אָן אין דער קעשענע דאָס צעטל, געפינט אים און ווערט רוהיג.

היינט איז ער עקסטרע אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַפּיינע, גע־וויזן עטליכע מענשן דאָס צעטל, און אַלע האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס צעטל איז אַ ריכטיגס, אַז אין פינף טעג אַרום וועט מען ציהען, און אַז ער קאָן געווינען צען טויזנט רובל.

אויף מיין חלק פינף טויזנט... און דער אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ פון דעם געבויגענעם, דורכגעפרווירענעם גוף אַרבעט שנעל און לעבעדיג, און נישט זעלטן לייגט זיך אַ שמייכל אויף די ליפּן.

נאָר אָט האָט זיך פּלוצלינג פאַרלאָשן די עלעקטרישע לאָמפּ, די רעשט געסט גייען אַרויס פון רעסטאָראַן, פון דער אַנדערער זייט גייען אַקעגן צוויי מיידלאַך, טאַנצנדיג און שמייכלענדיג, און אויף חיים־ברוכן פאַלט ווידער אָן די מרה שחורה, דאָס ביינקע־ניש נאָך דער היים, די דאַגה וועגן די זעקס רובל, וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויפן צעטל און וואָס וועלן אים פעלן אויף דער הוצאה אַהיים אויף פּסח... ער ווערט בייז אויף זיך, אויפן ליטוואַק...

— דאָ מוז עפּעס זיין — טראַכט ער אויפן וועג, גייענדיג אַהיים — דאָס איז נישט גלאַט אַזוי.

און דער גערעַנק, אַז ער האָט זיך אַזוי מאוס געלאָזט אָפּנאַרן, אַז ער וועט איבער דעם נישט זײַן אין דערהיים פּסח, רירט אים ביז צו טרערן.

— חיה־לאה־לעב — ריקטירט ער אין מח אַ בריוו צו זײַן ווײַב — איך בין גאָרנישט שולדיג, איך זאָג דיר אויף מײַן נאמנות! אַ ליטוואַק האָט מיך אָנגעקריגן, אַז דו ווייסט נישט, וואָס אַ ליטוואַק איז, אַ שטיין קאָנען זיי איבעררײַרן, איך זאָג דיר אויף מײַן נאמנות, איך בין גאָרנישט שולדיג, און זײַ מיר מוחל, חיה־לאה־לעב, און גריס די קינדערלאַך...

אין קאָרידאָר, וואָס פאַראייניגט אַ גאַנצע שורה קעלער־שטובן, איז פינסטער. חיים־ברוך דערטאַפּט די טיר, רירט אָן די קלאַמקע נישט זיכער, נאָר דאָס קעסטל, וואָס הייננט אים פאָרנט, און וואָס איז אים איצט פּלוצלינג געוואָרן אומגעהייער שווער צו טראָגן, קלאַפּט זיך אָן אין דער טיר, און אַ ווידער־קול רופט זיך אָן פון דער אַנדערער זייט קאָרידאָר.

דער ליטוואַק עפנט אים די טיר, ער גייט מיט אַ בלויזן קאָפּ, אין די אויבערשטע מלבושים. ער איז נאָך נישט געשלאָפן:

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? — פרעגט ער.

חיים־ברוך ווארפט פון זיך אַראָפּ דאָס קעסטל און פאַלט אַנידער אויפן בײַנקל, די מידקייט און דער פראָסט טרעטן איצט ערשט צו און נעמען אים דורך, אין די פיס שטעכט ווי מיט שפּילקעס, ער ציהט אַראָפּ פּאַמעליך די שטיוול און ברומט עפּעס בייז.

— פאַרוואָס ענטפערט איר נישט? — פרעגט נאָך אַמאָל דער ליטוואַק, זיצנדיג אויפן בעט.

חיים־ברוך, וואָס האָט געהאַט ברעה אים אויסצווזירלען, זאָגן אים, אַז ער איז אַ ליטוואַק, אַז ער האָט אַ צלם אין קאָפּ און האָט אין זיך נישט קיין יידישקייט, בלײַבט אַלץ שטום. די „זש" פון ליטוואַקס ווערטער רוישן אים אין די אויערן, און אים דוכט זיך, אַז אין דעם שוויסטש פון דער „זש" ליגט באַהאַלטן דער גאַנצער תמצית פון רמאות, אים דריקט אַם מערסטן דאָס, וואָס ער קאָן דעם ליטוואַק נישט אויסזאָגן, אַז ער ווייסט, ער האָט אים אָפּגענאַרט.

— פאַר וואָסוש, פאַר וואָסוש? -- שפּעט ער נאָך, אַראָפּ־ציהענדיג דעם אַנדערן שטיוול.

— אָבער זאָגט נאָר, פינף טויזנט קאַרבוינים וועט זיין! אַהאַ! וואָס זאָגט איר? פינף טויזנט קאַרבוינים! פאַרשטייט איר מיך, וואָס איך רייד?

חיים־ברוך, וואָס די „פינף טויזנט" האָבן אים ווידער אָנגע־מאַכט אַ גערויש אין מח, שמייכלט און שעלט אין געדאַנק דעם ליטוואַק.

אַן אייזערנע גבורה האָט עס: אַ שטיין קאָנען זיי איבער־ריידן!

— פאַרשטייט איר מיך צי ניין? — רעדט ווייטער דער ליט־וואַק און שטעלט זיך אויף — דאָס צעטל האָט איר? אַ נו, ווייזט אָקאָרשט, אַי, זייט איר אַן „איטשע־מאיר"! מורא האָט איר? וואָס?

— ליטוואַק חזיר! — זאָגט חיים־ברוך אַביסל מיט אַ שמייכל

— איך הייס נישט איטשע־מאיר, ער נאַרט אוים און לאַכט נאָך.

— שטראָף מיך גאָט! וואָס לאַך איך? איך זאָג אייך, עס וועט גוט זיין, פאַרשטייט איר ווערטער? צען טויזנט קאַרבוינים. קנאַקנדיגע, זאָג איך אייך. אַ־האַ־האַ! — ענדיגט ער און רייבט די הענט.

חיים־ברוך שמייכלט, קוקט אויפן ליטוואַקס בלאַס פנים, אויף די פינקלדיגע אויגן, און פילנדיג עפּעס אַ צוטרוי צו אים זאָגט ער:

— איר האָט מיך נישט אויסגענאַרט? זאָגט די וואָרהייט!

— איי, זייט איר אַ שוטה! אַ גרויל! אַז איך גיב פון מיין בייטעלע זעקס קאַרבן און גיב אים דאָס צעטל, האָט ער נאָך טענות! אַ גרויל, וואָס דאָס איז פאַר מענשן! בהמות איז דאָס, פאַנאַטישע בהמות, פאַנאַטישע און נאַר!

חיים־ברוך ווערט אָן דעם מוט, ער בעט זיך אויס אויף דער ערד און לייגט זיך, ער וואַלגערט זיך נאָך לאַנג אויפן געלעגער און קאָן נישט איינשלאָפן. דער ליטוואַק לעשט אויס דאָס לעמפּל און לייגט זיך אויפן בעטל.

— ווי האָט איר געזאָגט? פאַנאַטישע? — פרעגט חיים־ברוך פון בעט.

יערעס וואָרט פון ליטוואַק, וואָס ער פאַרשטייט נישט, באַ־אומרוהיגט אים.

— פאַנאַטישע האָב איך געזאָגט, איר פאַרשטייט?

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך, ווילדע אַזעלכע אין אַמעריקע, וואָס גייען נאַקיט...

— אַהאַ! — זיפצט חיים־ברוך אָפּ.

„המפיל חבלי שנה" הויבט ער אָן צו לייענען און שלאָפט איין, באַלד הויבט ער אָן צו שנאָרכן, דער ליטוואַק בייזערט זיך און ברומט:

— פאַנאַטישע! פאַנאַטישע און נאַר! אַ נאָז ווי אַ שופר!

אין פינף טעג אַרום, אין דעם זעלבן טאָג, ווען דאָס צעטל האָט געבראַכט צו געווינען די צען טויזנט רובל, האָט חיים־ברוך אויפגעוואַכט פון שלאָף פריהער ווי אַלע מאָל. און נישט פילנדיג קיין שום מידקייט און פוילקייט, ווי יערן פריהמאָרגן, איז ער גלייך אַראָפּ פון בעט און גענומען זיך אָנטון. ווי יעדער מענש, וועמען עס ערוואַרטעט עפּעס אַ שאַרפע ענדערונג אין זיין לעבן, איז ער געווען אויפגערעגט און גרייט צו טון. אין דרויסן האָט ערשט געטאָגט, און אין דעם קעלער, וואָס האָט געהאַט אַ קליין פענסטער אויפן הויף אַרויף, איז נאָך אינגאַנצן טונקל געווען. פון בעטל האָט זיך אָנגערופן דער ליטוואַק:

— אַ שוואַרץ יאָר, גאַרנישט געשלאָפן, עס איז שוין טאָג, וואָש?

און נישט באַקומענדיג קיין ענטפער, האָט ער געזאָגט:

— היינט, ווייסט איר, ציהט מען. אַ־אָ אַ טעלעגראַם וועט קומען. ס'וועט אַרויס; פאַרשטייט איר? וואָס וועט איר טון מיטן געלט? איי, זאָגט אָקאָרשט, צום רבין וועט איר פאָרן מיט אַ פּדיון? האַ? איך וואָלט זיי געגעבן! אָט!

און מאַכנדיג אַ פייג, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט אין דער לופט.

חיים־ברוך האָט שטאַרק מוראָ פאַר אַפּיקורסות, וואָס שטעלט זיך אים פאָר, ווי עפּעס אַ גרויס אומגליק, אַן אַנשטעקנדיגע קריינק, פאַר וואָס מען מוז זיך היטן. ער ווייסט, אַז מען מוז שווייגן, ער וואַרפט אַ קרומען בליק אויפן ליטוואַק, וואַשט זיך און נעמט לייגן טלית און תּפילין.

דער ליטוואַק כאַפּט זיך אויך אויף. זיינע צעשויבערטע האָר וואַרפן זיך אַרום אויפן פּנים, ער איז נישט אויסגעשלאָפן, גע־ניצט און קווינקלט זיך, צוגייענדיג צום קראַן זיך וואַשן.

אין דער אַנדערער שטוב ברענט נאָך אַ לעמפּל, און דער שוסטער, וואָס וואוינט דאָרט, קלאַפּט מיטן האַמער און פייפט עפּעס אַ לידל.

— חנה! — האַקט ער אָפּ דאָס לידל און וועקט דאָס ווייב — חנה, שטיי אויף, מאַך פייער.

באַלד הויבט זיך אויך חנה אויף. אַ יונג ווייבל, אַ בלאַסע און אַ הויכע, וואָס ווען זי שטייט ביים אויוון און מאַכט פייער, דערמאָנט זי חיים־ברוכן אָן חיה־לאָהן.

— אַ גוט מאָרגן אייך, באַבוניו! — זאָגט דער ליטוואַק דרייסט, אויפהויבנדיג די אויגן פון ראָמאַן, וואָס ער האָט גענומען לעזן, ביז די טיי וועט פאַרטיג זיין.

אין שטוב איז נאָך גענוג טונקל געווען, און אים איז שווער געווען צו לעזן.

— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט מאָרגן אייך, וואָס זייט איר אַזוי פריה אויפגעשטאַנען? — זאָגט חנה. זי רייבט אַ שוועבעלע און קאָן נישט אָנצינדן.

— אַ לאָזט נאָר! — לויפט דער ליטוואַק צו און מאַכט פייער.

„אַ טייוול", טראַכט חיים־ברוך, אָפּלייגנדיג טלית און תּפילין און קוקנדיג אויפן ליטוואַק. ער איז אים מקנא, וואָס ער איז אַזוי דרייסט צו יעדן, זאָגט חנהן „באַבוניו"... ער פילט זיך קעגן אים שוואַך, אומבאַהאָלפן און נישט דרייסט. ער פאַרשטייט נישט, ווי אַזוי חנה, אַ פרומע יידענע איז צו אים אַזוי פריינט־ליך, בשעת זי ווייסט, אַז ער איז אַן אַפּיקורס, דאַוונט נישט, און ער, חיים־ברוך, איז אַ פרומער ייד...

„דאָס איז אַזאַ קליפּה", בלײַבט בײַ אים אין געראַנק, און דערמאָנענדיק זיך, וואָס ס'וואַרט אויף דעם ליטוואַק אויף יענער וועלט, פילט ער זיך גליקליכער און קליגער פאַר אים און לייגט אַרײַן די אויגן אין סידור אַרײַן מיט ערנסט און גאווה, ווי איינער זאָגט: „אַט דאָ בין איך אַ תּקיף".

עפּעס האָבן זיי בײַם „אָנבייסן" נישט גערעדט וועגן דעם צעטל, גלײַך ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט אָפּגעשמועסט נישט צו ריירן וועגן דעם, און זיי זײַנען אַרויס אויף דער גאַס.

ביז פינף דעם זייגער איז דער טאָג דורך ווי געוויינליך, ניכער נאָך ווי געוויינליך, פינף אַזייגער האָט חיים־ברוך שוין נישט געקאָנט אײַנשטיין אויף דער גאַס, ער האָט זיך געמאַכט אַן אויסרייד, אַז ער וויל אָנטון נײַע שקאַרפּעטן, און איז אַהיים געגאַנגען, אומגעקוקט זיך אין שטוב, געוואַרט עפּעס, אַז עמיצער זאָל אים זאָגן, און האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין. די טיר האָט זיך געעפנט, און דער ליטוואַק איז אַרײַנגעקומען:

— וואָס טוט איר דאָ, ר' חיים־ברוך? — האָט ער געפרעגט פריילעך און דרייסט.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט חיים־ברוך איבערגעפרעגט.

— אַזוי, איך בין זיך געקומען, פאַרשטייט איר...

— ע — האָט חיים־ברוך זיך געקרימט — נײַע שקאַרפּעטקעס...

און פון צעטל האָט מען דערווייל נישט גערעדט.

דאָס ציהען האָט געדויערט מער ווי צוואַנציג טעג, עס איז געוואָרן נעהענטער צו פּסח. און מיט יעדן טאָג איז בײַ חיים־ברוכן קלענער געוואָרן די אמונה אינם געווינס, און גרעסער איז געוואָרן די שנאה צום ליטוואַק.

„אַזאַ עוכר, אַזאַ פּושע ישראל!" — פלעגט ער אים שעלטן אין געראַנק, נאָר גערעדט האָט ער נישט. דער ליטוואַק האָט אויך אויסגעזעהן צו זײַן פאַרטראַכט און טרויעריג. יעדער פון זיי האָט געוואָלט שפּעטער אַהיים קומען, כּדי צו טרעפן שוין דעם אַנדערן, אפשר וועט ער אים אַקעגן לויפן מיט אַ שמחה, מיט אַ מזל טוב. און אין דערהיים זייענדיג, האָט מען וועגן צעטל פאַרשוויגן.

חיים־ברוך איז געוואָרן בלאַסער אויפן פּנים און איינגעהויקערט איז ער עפּעס געגאַנגען. ער האָט אַהיים געשריבן, אַז ער קאָן נישט קומען. ער האָט געוואָלט אויסגיסן זיין האַרץ פאַר חיה־לאָהן אויפן ליטוואַק, אַז ער האָט אים אויסגענאַרט, נאָר עפּעס איז אים שווער אָנגעקומען צו שרייבן וועגן דעם, און די שנאָה צום ליטוואַק איז אים געבליבן אין האַרצן און האָט גענאָגט.

אין דעם לעצטן טאָג פון ציהען איז חיים־ברוך אַהיים געקומען פריהער, ער האָט שוין געטראָפן ליגן דעם ליטוואַק אויסגעצויגן אויפן בעטל און האָט זיך אויף אים אָנגעוואָרפן און גענומען זידלען:

— ליטוואַק חזיר! איך האָב רען נישט באַלד געוואוסט?! געווינען האָט ער מיר געוואָלט איינריידן! זעקס רובל פאַר זיין טרפהנער קעשענע האָט ער מיר געברויכט אויסצונאַרן! גיט אָפּ, זאָג איך אייך! איך האָב נישט אויף דער הוצאָה אַהיים! איר הערט?!

— אַ, וואָש שרייט איר, ר׳ חיים־ברוך? וואָש טויג ראָש שרייען? זעצט אייך בעסער, וועלן מיר שמועסן — האָט ער געענטפערט שטיל.

— גיט אָפּ די זעקס רובל, זאָג איך אייך! — נאָר ביי חיים־ברוכן איז נישט אַרויס דער שטרייִנגער טאָן, וואָס ער האָט געוואָלט, כּדי איבערצושרעקן דעם ליטוואַק. אינערליך האָט ער געפילט, אַז דער ליטוואַק האָט, ווי ער, פאַרשפּילט זעקס רובל, און ער האָט אים באַשולדיגט נאָר דערמיט, וואָס ער איז אַ פרייער פויגל, האָט קיין ווייב און קינדער נישט און זוכט צו פּטרן פרעמר געלט צוזאַמען מיט זיין אייגנס.

— אַ פרייער פויגל! — האָט ער געשריגן — וואָס שאַרט דאָס אים, דעם אַפּיקורס, אַז איך וועל נישט זיין אין דערהיים פּסח?! האָט ער אַרויסגעוואָרפן געלט! וואָס שאַרט דאָס אים? ווייב און קינדער האָט ער?! אַ מכּה האָט ער, אַ קרחת, אַ...

דער ליטוואַק האָט אים נישט איבערגעהאַקט, ער האָט אינמיטן נאָר אַריינגעוואָרפן אַ פראַזע: „בייזערט אייך נישט, ר׳ חיים־ברוך“. חיים־ברוך איז אַם ענגע שטיל געוואָרן און האָט זיך געלעגט, נאָר געשלאָפן איז ער ביינאַכט נישט; ביי טאָג האָט ער

זיך אַרומגעדרייט ווי אַ שאָטן. דאָס בייַנקעניש האָט גענאָגט בייַם האַרצן; אים האָט זיך געוואָלט צום ווייַב, צו די קינדער, וואָס ער האָט עטליכע חדשים נישט געזעהן. און שטייענדיק מיט די פּאַפּיראָסן אויף דער גאַס, האָט ער אַ סך מאָל דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געווישט די פייַכטע אויגן.

און אָט איז געקומען פּסח. געגעסן האָט חיים־ברוך אין עפּעס אַן אָרימער רעסטאָראַציע, וואו מיט אים האָבן געגעסן אַ סך יונגעלייט, „אָרימע דייטשן", טייל מיט געגאָלטע בערד, טייל אָהן די היטלען. אים איז געווען אומעטיק און טרויעריק. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל אין מיטן דער הגדה נישט וויינען. עפּעס איז דער גאַנצער סדר דורכגעגאַנגען וואָכעדיק, געדויערט אינגאַנצן אַ שעה, ער האָט פאַר עגמת־נפש נישט געקאָנט עסן, און מיט אַ שטומען ווייטאָג האָט ער זיך געשלעפּט אַהיים. ער האָט געפילט, אַז ער ברויך צו עמיצן אויסלאָזן זייַן ביטער האַרץ, און ער האָט זיך צוגעגרייט אָנצופאַלן אויפן ליטוואַק און אים אויסזידלען. אין מח בייַ אים זייַנען שוין געווען גרייט אַ סך שילט־ווערטער, זידלערייען, וואָס ער האָט נאָר געדרייַנקט.

נאָר אַרייַנקומענדיק אין צימער, איז ער געבליבן שטיין פאַרוואונדערט: דער ליטוואַק איז געלעגן אויפן בעט, די אויגן זייַנע זייַנען געווען פייַכט, דאָס פּנים פאַרוויינט. ער האָט זיך פאַרשעמט און אייַנגעשטעקט דאָס פּנים אין קישן.

— וואָס איז אייך? — האָט חיים־ברוך געפרעגט ווייך.

— עט, גאָרנישט — האָט דער ליטוואַק געענטפערט און געוואָלט זיך באַרוהיגן — אַזוי... עס בייַנקט זיך, פאַרשטייט איר, אַהיים, צו ווייַב און קינדער... עט, גאָרנישט...

— איר האָט אַ ווייַב און קינדער? — האָט זיך חיים־ברוך פאַרוואונדערט.

דער ליטוואַק האָט זיך, קענטיק, געפונען באַליידיגט מיט דער פראַגע, ער האָט אויך געברויכט זיך צו בייזערן, עמיצן אויסזידלען און האָט געענטפערט בייז:

— וואָס דען מיינט איר, איטשע־מאיר?

— בייזערט אייך נישט, בייזערט אייך נישט — האָט אים חיים־ברוך איבערגעבעטן.

זיי זיינען געוואָרן שטיל און האָבן זיך שטום איינגעהאָרכט אין די פאַרשיידענע נגונים פון אַלע קעלער־שטיבן. אין דער אַנדערער שטוב האָט מען געהאַלטן ביי „שפוך חמתך", ביי וואָס דער שוסטער האָט זיך אַזוי צעגאָסן, אַז ביידע, חיים־ברוך און דער ליטוואַק, האָבן זיך שיער נישט צעוויינט הויך אויפן קול. דאָס ליכטל האָט אָנגעהויבן צו צאַנקען און איז אויסגעגאַנגען. דורכן פענסטער האָט אַריינגעשלאָגן אַ בלויע ליכט. דער ליטוואַק איז געלעגן אויפן בעטל. אים האָט זיך געוואָלט אָפּזיפצן, וויינען, אַז ער איז געבליבן אַליין. ער האָט אין דער מינוט גאָר ווי פאַרגעסן זיין לאַגע און האָט געטראַכט וועגן דעם ליטוואַק, וועגן דער ליטוואַטשקע מיט די קליינע ליטוואַקלאַך, וואָס געפינען זיך אַצט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער געגנט אין ליטע, און אים איז אַ גרויס רחמנות אָנגעגאַנגען אויף זיי.

קומענדיג צו זיך, האָט זיך דער ליטוואַק אָנגערופן צו חיים־ברוכן מיט אַ קול, אין וועלכן עס איז שוין ניט געווען צו דערקענען די פריהעריגע עלנט.

— וואָס פאַר אַ שיינער מאָנד אין דרויסן איז!

נאָר דערמאָנענדיג זיך, אַז חיים־ברוך איז אַ פּאַנאַטישער, אַז ער פאַרשטייט אַוודאי נישט דאָס וואָרט „מאָנד", און מיטפילנדיג אים אין זיין עלנט, האָט ער צוגעגעבן:

— די לבנה דרייט זיך אַרום און אַרומיגט.

— יאָ, אַוודאי — האָט חיים־ברוך צוגעברומט פון זיין געלעגער.

— אָט אַזוי — האָט גערעדט דער ליטוואַק, דרייענדיג זיך איבערן צימער — אַז קיין געלט איז נישטאָ, איז ביטער, זאָג איך אייך... זיי יאָ פרום, זיי נישט פרום — אַלץ איינס זאָג איך אייך, איר מיינט, איך בין נישט פרום געווען? מיין זיידע איז געווען אַ רב, אויך געשטאָרבן פאַר הונגער! אַלץ איינס, זאָג איך אייך...

נאָר חיים־ברוך דערהערנדיג, אַז ער האַלט ביי אַפּיקורסות, האָט אים איבערגעהאַקט און געזאָגט:

— נו, נו... מאָרגן, מאָרגן... און האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

אלײן

אין דער אייגנער קעלער־שטוב ציטערט אַ שוואַכע ליכט, וואָס צעטראָגט זיך פון דעם האַלב־צעבראָכענעם טישל עפּעס ווי מוטלאָז, ווי שעמענדיק זיך. דאָס קליינע לעמפּל רויכערט; דאָס געפּלאַצטע געלעכערט גלעזל איז פאַרקלעפּט מיט ווייס פּאַפּיר, פון וואָס עס צעליינט זיך איבער דעם שטיבל אַ שוואַרצער שאָטן, וואָס באַדעקט אַ טייל פּאָדלאָגע און כאַפּט זיך אויך ביז אין דער מיט פון דער וואַנט אַרויף.

ביי דעם טישל שטייט איינגעבויגן אַן אַלטער דערשלאָגענער ייד און לאַטעט אַ שלאָפראָק. ער דרייט אים פון איין זייט אויף דער אַנדערער, רוקט אים איבער דעם טיש אַהין און אַהער, און זיינע אַלטע, פאַרגאָסענע אויגן באַוועגן זיך נאָך זיינע הענט נאָך.

טיילמאָל בלייבט ער שטיין, אָנהאַלטנדיק מיט ביידע הענט דעם שלאָפראָק, וואָס וויל זיך אַראָפּגליטשן אויף דער ערד, ער דריקט אים פעסט צום טיש און שטייט אַזוי אַ ווײַלע.

האָט ער זיך פאַרטראַכט?

זיין בליק בלאָנדזשעט אַ ווײַלע איבער די ליידיגע פיר ווענט, שלאָגט זיך אָפּ אויף אַ סעקונדע אין זיין געל־אָפּגעשיילט בעט, רוקט זיך איבער אויף דעם אַנדערן בעט, און דאָ ווערט דער בלאָנדזשענדיגער בליק אָפּגעהאַלטן, ווי מיט אַ מאַגנעט צוגעצויגן. די אויגן ווערן לענגער און ברייטער, און עפּעס אַ מעכטיגס, נאָר באַהאַלטן געפיל, דוכט זיך, האָט אין די אַלטע אויגן אויפגעבליצט; אַ פונק כעס, דוכט זיך, האָט אַ בלישטש געטאָן פון אונטער די לאַנגע ברעמען.

וויל דער אַלטער זיפצן און קאָן נישט?

ער גייט אָפּ איינינגע טריט פון טישל, שלעפנדיג די פיס און קלאַפּנדיג מיט די געשמירטע שטיוול אויף דער פּאָדלאָגע, ער בלייבט פּלוצלינג שטיין אין מיטן שטוב, ווי ער וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, וואָס ער זוכט, צו וואָס ער איז פון טיש אַוועקגעגאַנגען; ער גייט באַלד צוריק, נעמט זיך ווידער רוקן דעם שלאָפראָק איבער דעם טיש אַהין און אַהער, ווי דער שלאָפראָק זאָל אים פאַרוויילן אין זיין איינזאַמקייט.

ער נעמט אַרויס די נאָדל פון אונטער דער קלאַפּע, רוקט אַרויס דאָס שופלעדל, וויקלט אָפּ אַ שוואַרצן פאָדעם, רייסט אים איבער און פּרובט אים אַריינצוציהען, נאָר די צוויי דאַרע הענט ציטערן איינע אַקעגן דער אַנדערער, און דער פאָדעם האָט זיך ווי איינגעשפּאַרט נאָר אין אַ זייט צו גיין — ער וויל אויף קיין פאַל נישט דורך.

ער פּרובט דאָס פלעמל פון דעם לעמפּל אַרויפצוציהען, דאָס לעמפּל האָט אָנגעהויבן שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ און איבערגעגעבן די באַוועגונג דעם שאָטן, וואָס האָט גענומען ווילד טאַנצן איבער דעם שטיבל, דאָ אַרויפגעכאַפּט זיך אַזש ביז צום באַלקן, דאָ זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער פּאָדלאָגע.

ער האָט מיט ציטערדיגע הענט אויפגעהויבן דאָס לעמפּל, באַטראַכט אַ סעקונדע. דאָס לעמפּל איז פּוסט, עס גייט אויס.

— „הם“ — האָט זיך דורכגעריסן דורך זיינע בלויע ליפּן אַן אומבאַשטימט קול, ווי ער וואָלט איבערקלערן זיין צושטאַנד, און ער האָט דאָס לעמפּל צוריקגעשטעלט אויף דעם טיש.

„וואָס טוט מען?“ — האָט זיך אים פּלוצלינג אַ פראַגע אויסגעפאָרמירט אין מח.

„וואָס טוט מען?“ — האָט ער זיך שוין געפרעגט מיט זיינע ליפּן, באַטראַכטנדיג דאָס צאַפּלענדיגע פלעמל; די ציטערדיגע ליכט האָט געבלענדט זיינע אויגן, און זיינע ברעמען האָבן זיך באַוועגט נאָך יעדן שפּרונג פון דעם פלעמל.

זיין בלאָנדזשנדיגער בליק האָט זיך ווידער אָנגעשלאָגן אין זיין בעט.

זאָל ער זיך שלאָפן לייגן? ס'איז שוין לאַנג צייט, עס דוכט זיך, אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. נאָר אַ שווערער ציהט דורך דעם אַלטנס גלידער בײַ דעם געדאַנק פון לייגן זיך.

דריי נעכט נאָך אַנאַנדער וואַלגערט ער זיך אין זיין בעט אַרום און קאָן קיין אויג נישט צו מאַכן. אוי, ווי שרעקליך איז די לאַנגע, לאַנגע נאַכט פאַר דעם עלנטן, איינזאַמען, אַלטן אין זיין בעט! זי ציהט זיך און ציהט זיך גאָר אָהן אויפהער; אומזיסט דרייט ער זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אומזיסט קוועטשט ער מיט געוואַלד די אויגן — עס שלאָפט זיך נישט, כאָטש די אויגן ברעכן פאַר שלאָף.

דריי נעכט, דריי פינסטערע אומענדליכע נעכט האָט ער שוין דורכגעלעבט, צייט דאָס אומגליק האָט אים געטראָפן, צייט זיין איינציגע טאָכטער איז אַוועק! אַוועק, גאָט ווייס, וואו אַהין, אין די ווייטע, ווייטע לענדער... און מיט וועמען?! צו וואָס?!... ניין, דער אַלטער מח קאָן דאָס אַלץ נישט דורכקלערן, ער ווייס נאָר, אַז ער איז געבליבן אַליין, איינער אַליין אויף דער וועלט; ער שפירט נאָר, ווי אַ שווערע לאַסט בויגט אים מיט געוואַלד דאָס געזיכט מיט די אויגן צו דער ערד...

שטומפיג, נאָר אומגעהויער איז דער ווייטאָג, וואָס קלעמט זיין האַרץ די דריי טעג. נאָר די לעצטע נאַכט איז שרעקליכער, פינסטערער און אומענדליכער געווען ווי די פריהערדיגע. ער איז עטליכע מאָל פון בעט אויפגעשטאַנען, געשלעפט די פיס איבער דער שטוב, מיד געוואָרן און צוריק אין בעט אַריין, ביז — ביז גאָט האָט זיך דערבאַרעמט און אַ דינער מאָרגנשיין האָט דורכגעשלאָגן דורך די שמוציגע שויבן, און ער האָט זיך אָנגעטאָן און אַרויס „אויף דער גאַס“...

שרעקליך איז דער געדאַנק וועגן לייגן זיך אויפן בעט. אָט, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַן אַרבעט בײַ דעם שלאָפראָק, וואָס אַן אַנדער מאָל וואָלט ער אים אין האַנט אַריין נישט גענומען, דאָס איז אַן אייגן אַלט מלבוש, וואָס אויף דער וואָלעווער*) וועט ער קיין גראָשן פאַר אים נישט קריגן... נאָר דער קעראָסין, דער

*) דער ווארשעווער אַלטווארג-מאַרק.

קעראָסין נײַט אים אויס, און ער... „אוי וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?!" — האָט ער ווילד געוואָרטשעט און געדריקט נערוועז דעם שלאָפּראָק מיט די הענט.

פאַר פופצען יאָר האָט אים אויך אַן אומגליק געטראָפן: זײַן ווײַב איז אים געשטאָרבן, נאָכדעם ווי זי האָט די מאַשין מיט דעם איבעריגן „ביסל בעטל" פאַרקרײַנקט, און ער איז פון אַ שנײַדער אַ לאַטוטניק געוואָרן... נאָר דעמאָלט איז ער נישט אַליין געבליבן; זײַן ווײַב האָט אים אַ יתומה איבערגעלאָזט, אײַן אויסגעבעטן קינד... און זי, זײַן שרהלע, איז אַ לייטיש מיידל געווען, זי האָט אין אַ טאַנדרעט־וואַרשטאַט אויף דער וואָלעווער גאַס טאַנדרעטערײַ געלערנט, און אין אַ פּאָר יאָר נאָך דער מוטערס טויט אָנגעהויבן פאַרדינען צוויי, דערנאָך דרײַ און אויך פיר רובל אַ וואָך. אמת, די אַרבעט איז נישט זעהר לײַכט געווען, זי האָט געאַרבעט פער שטיק, דרײַ קאָפּיקעס פאַר אַ פּאָר הויזן גע־קריגן, און געמאַכט צוואַנציג פּאָר טאַנדרעט טעגליך! דאָך האָט די קליינע פאַמיליע געלעבט קבצניש־גליקליך... שרהלע איז גע־ווען אַ לעבעדיג פריילעך מיידל, און דער אַלטער האָט נישט זעלטן נחת געקליבן בײַ דער נאַכט, ווען שרהלע האָט וועטשערע געקאָכט און דערבײַ אַ פריילעך, לוסטיג לידל געזונגען, אָדער שבת נאָכן עסן, ווען צו שרהלען זײַנען געסט געקומען, און מען האָט געטאַנצט; דער אַלטער האָט זיך נישט געקאָנט זאַט קוקן פון בעט אַרויס, ווי זײַן שרהלע טאַנצט, זי האָט אַלע קאָמאַנדירט, ער האָט צוגעשמייכלט פון בעט, און אים האָט זיך נישט זעלטן געדוכט, אַז ער איז גליקליך... אמת, ער פלעגט זיך אויך אָפּט פאַרוואַרפן, אַז ער עסט אויף זײַן טאָכטערס נדן... נאָר אינ־גאַנצן גליקליך קאָן דאָך קיין מענש נישט זײַן... און דאָ פּלוצלינג אַזאַ אומגעריכט אומגליק.

פונם וואַרשטאַט אויף דער וואָלעווער גאַס זײַנען דרײַ מיידלאַך אַוועק... מען האָט געזאָגט, אַז מען האָט זיי אַוועקגעפירט... אײן רײַכע־רער פאָטער פון די מיידלאַך איז טאַקע נאָכגעפאָרן און זײַן טאָכטער פון דער גרענעץ צוריקגעבראַכט, און שרהלע האָט דורך איר צום פאָטער באַפוילן, אַז „ער זאָל נישט זאָרגן, איר וועט גוט זײַן"...

דריי טעג און דריי נעכט גייט ער אַרום דערשלאָגן און מורמלט פאַר זיך: „נישט זאָרגן! נישט זאָרגן". ער קאָן זיך אויף קיין פאַל נישט דערמאָנען די ריכטיגע באַדייטונג פון דעם וואָרט. „זאָרגן... איך זאָל נישט זאָרגן?"

ער חזרט עס איבער אַזוי הונדערט מאָל, רייבט דערביי פעסט דעם שטערן און קאָן אַלץ קיין גרונד אין דעם וואָרט נישט געפינען.

שוואַך און שטומפּיג איז דעם אַלטנס קאָפּ פאַרצוזשטעלן זיך זיין לעבן ווייטער אָהן איר — עפּעס דוכט זיך אים, אַז פאַר אים ליגט אַ פינסטערער טיפער אָפּגרונד, און ער מיט זיינע שוואַכע מידע פיס שלעפּט זיך אַהין... שפּירט נאָר, אַז מיט איר איז פון אים אַ האַלבע נשמה אַוועק, אַז ער איז האַלב טויט געבליבן.

— — — — — — — — —

דאָס לעמפּל האָט אָנגעהויבן מער צו שפּרינגען, און די ציטעריגע ליכט האָט געשטאָכן דעם אַלטנס אומאויסגעשלאָפענע אויגן, ער האָט זיך אומגעקערט מיטן געזיכט פון טיש און איז ווילד דערשראָקן געבליבן: דער טאַנצנדיגער שאָטן האָט אים גאָר צעמישט, אים האָט זיך געדוכט, אַז ער ברויך צו וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס, נאָר ער קאָן זיך נישט דערמאָנען... און פּלוצלינג האָט ער זיך געכאַפּט צו דער טיר, ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, דערביי אָבער איז זיין בליק אומגערן געפאַלן אויף דעם פאַר־קלעפּטן גלעזל, און ער האָט אָפּגעלאָזט די האַנט פון דער קליאַמקע.

ער האָט זיך געזעצט אויפן ביינקל ביי דעם טישל, אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף איין האַנט, און ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט, קוקנדיג אויף דעם ציטעריגן פלעמל.

עס האָט אָנגעהויבן קלענער צו ווערן, כאָטש די שפּרינגען, האָט זיך געדוכט, זיינען געווען נאָך ענערגישער, נאָך האַסטיגער ווי פריהער; ער האָט געזעהן, ווי דאָס פלעמל צאַפּלט זיך, עס רייסט זיך, עס וויל ווייטער לייכטן... „הם" — האָט ער גע־מורמלט — „עס האָט קראָסין געפעלט", און דערביי האָבן

בײַ אים אין מח אַרומגעשוועבט האַלבע געדאַנקען: „װאָס װיל דאָס פֿלעמל? װאָס רײַסט עס זיך?“...

ער האָט די אויגן פֿאַרמאַכט און אײַנגעהאָרכט זיך צו דעם צאַפּלען, אים האָט זיך געדוכט, אַז ער שפּירט עפּעס אַ פֿאַר־ניגן דערבײַ... ענדליך האָט ער שוין גאָרנישט געהערט און ער האָט די אויגן געעפֿנט: אַרום איז געװען שטאָק־פֿינסטער; אויפֿן קנויט נאָר איז נאָך געבליבן אַ רויטער רײַף, און אַ גלײַכער רויך האָט זיך אַרויסגעצויגן דורך דעם גלעזל...

„פֿאַרלאָשן“ — האָט ער װי פֿון חלום אַרויסגערעדט.

און אים האָט זיך געדוכט, אַז עמיצער רוימט אים אײַן אין אויער: „אומזיסט געצאַפּלט, אומזיסט זיך געמאַטערט!“...

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע

י. אָפּאַטאָשו

איז פוילישע וועלדער
אונטערוועלט
א ראָמאַן פון אַ פערד-גנב
ראַסע

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע

ה. ד. נאָמבערג

געזאַמלטע ווערק

ערשטער באַנד

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע

ה. ד. נאָמבערג

ערציילונגען

פערטער באַנד

*

פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואַרשע

Copyr. by Kultur-Liga, Warsaw

געדרוקט אין 1000 עקזעמפלארן. ווארשע. 1926
דרוק. מילנער און שיקאָרא, װארשע, נאָװאָליפּקי 6

H. D. Nomberg — Ercajlungen
Wyd. Kultur-Liga, Warszawa 1926
Druk. Mylner i Sikora, Nowolipki 6

אינהאַלט

	זייט
קום, געליבטער	9
מיספאַרשטענדניש	21
פרילינגס־נאַכט	31
שירינגערס סוף	43
רכילות	53
גאָלדענע פאַנטאַזיע	65
כל נדרי אין וואַריעטע	75
דאָס גליק	83
געטליכע בלום	89
מען וועקט	95
בוימל	101
פאַרשוואַכטע הייליגקייטן	109
זי און איך	117
אין שטורעם	123
לידער	129

קום, געליבטער!

(נאָוועלע)

דאָס קליינע טייכעלע האָט צומאָל קיין נאָמען נישט אין דער געגנט. עס ליגט ווי פּאַרלאָרן נעבן ראַנד פון סאָסנאָווען וואַלד און קייקלט זיין וואַסער שטיל און באַהאַלטן איבער אַ זאַמדיגן באָדן. אַ מאָגערע ערד איז אַרום. אויפן האָריזאָנט זעהען זיך די פליגלען פון אַ ווינט־מיל, סילועטן פון צעוואָרפענע כאַטעס. די פעלדער מיט זייער שיטערן קאָרן מאַכן אַ קרייענקליכן איינדרוק. אין דער צעבליהטסטער צייט פון יאָר, ווען די ערד איז באַדעקט מיט שפע און מיט אַ שווער געדעטעניש, איז דאָ טרויעריג און מעלאַנכאָליש, פונקט אַזוי ווי דאָרט, אין וואַלד, אין די וואוינונגען צווישן די סאָסנעס, וואו עס האַלטן זיך אויף שווער־קראַנקע מיט דעם צייכן פון טויט אויף זייער רויט־געפלעקטן פּנים. דאָ הערט זיך נישט קיין געזאַנג ביים צוזאַמענקלויבן די סנאָפּעס. די זאַנגען האָבן קוים צו עטליכע קערנדלאַך, און דאָס שטרוי איז נידעריג, אַהער שיקט מען שניידן דעם אַלטן צעבראָכענעם ווייזן, אָדער די נאָך־מער־געהויקערטע באָבען. יונגע און בליהענדיגע קערפּערס מיידן־אויס אַוועקצולייגן זייערע פרישע כחות אויף דעם באָדן.

דאָס טייכל פליסט געקרימט און געבויגן, אַזוי ווי די גופים פון די, וואָס שניידן דאָרט די תבואה. עס דערלויבט זיך נישט צו מאַכן אַמאָל אַ שאַרפערן בויג און אַראָפּגויגן אין אַ זייט, כדי אָנצונעמען אַן אַנדער ווענדונג. מען הערט קוים אַ געמורמל. איבעריגנס, זעלטן איז דאָ אין דער נאָהענט אַן אויער פון אַ מענשן אָדער אַ בהמה.

פון ביידע זייטן וואַקסן ווערבעס, נידעריג, געבויגן און געקרימט. זיי מאַכן אויך דעם איינדרוק פון פאַרלאָזענער ווייסטער אַלטקייט, וואָס האָט די יוגנט־צייט שוין פאַרגעסן. ערגעץ־וואו רייסט זיך

אַריין אַן אַראָפּגעהאָנגענער צווייג אין דער ברייט פּון וואַסער, הויבט דאָס טייכל אָן צו רייִרן, עס ווערט לעבעדיגער און היימישער אַרום, גלייך ווי אַן עכאָ וואָלט אָפּגעשלאָגן פון די לאַנג־פאַרגאַנגענע צייטן, מיט פיל צענדליגער טויזנט יאָרן צוריק, ווען דאָ, אויף דעם אָרט, האָט געפלאָסן אַ גרויסער ברייטער טייך מיט רוישנדיגע כוואַליעס, און דער אור־אַלטער מענש האָט דאָ געפּאַטשט מיט זיינע האָריגע הענט די וואַסערן. דער באָרן אַרום, דער אָנגעטראָ־גענער זאַמד טראָגן די שפּורן פון אַ מעכטיגן שטראָם, וואָס האָט זיך דאָ אַמאָל דורכגעטראָגן.

אָבער לאַנג שוין איז דאָס אַריבער. די צייכנס זיינען אויסגעמעקט, און נאָר דאָס אויג פון אַ פאָרשער, אָדער פון אַן אינטעליגענטן ליידיגגייער, וואָס וויל מיט עפּעס באַשעפטיגן זיין קאָפּ, געוויינט צו אַרבעט, כאַפּט אויף די געבליבענע שפּורן און ער ווייסט דעם סוד פון דער אַמאָליגער גרויסקייט פון אָט דעם קליינעם אָרימען רינעלע, וואָס אָהן אַ נאָמען.

אין די הייסע טעג פלעגט דאָ שפּאַצירן אַ יונגער מענש איינער און אַליין. ער פלעגט קומען פון סאָסנאָווען וואַלד אַרויס מיט פּאַמעליכע טריט און שטעהן גאַנצע נאָכגיין דעם לויף פון טייכל אַרויף און אַראָפּ. ער איז טיילמאָל אַריין אין שפּאַליער צווישן די ווערבעס און געזעצט זיך אָפּרוהען אויף אַ געבויגענעם שטאַם, מיטן שטעקן פלעגט ער גראָבן די ערד, פויל און נאַכלעסיג, ווי איינער, וואָס האָט נישט עפּעס בעסערס צו טון. ער האָט זיך ווי געשפּילט, אָבער אין זיין שפּיל איז געלעגן אויך אַביסל נייגיריג־קייט, ווייל ער איז געווען איבערציינט, אַז אַ גרויסער, שטאַרקער טייך האָט אַמאָל דאָ געהאַט זיין געלעגער. און זיין פאַנטאַזיע האָט אים געטראָגן ווייט אַוועק, צו די לאַנג־פאַרגאַנגענע דורות פון מענשן און אַנדערע באַשעפענישן, וואָס האָבן אַמאָל געלעבט און זיינען אַלע שוין פאַרשוואונדן אין תהום פון אייביגקייט. טייל פון זיי זיינען אינגאַנצן אויסגעראָטן געוואָרן, נישט איבערלאָזנדיג אַפילו זייער זכר אין געשטאַלט פון קינדס־קינדער.

דאָס קלאָרע וואַסערל איז גערונען פּאַמעליך און האָט אָפּגעשפּיגלט זיין געשטאַלט. עס איז געווען אַ שיינער יונגער גוף. אַ טונקעלע, מאַטאָווע, דורכזיכטיגע הויט פון פנים, שוואַרצע רונדיגע

ברעמען, שוואַרץ־גלאַנצנדיגע האָר. אָבער דאָס הערליכסטע פון דעם פּנים איז געווען דאָס אויסגעטאָקטע, פאַרצערטלטע מויל, די זיסע ליפּן, ווי געבוירן צו לאַנגע, פאַרחלומטע קושן אין טונקעלע מאַי־אָוונטן, ווען די קאַרשן בליהען ווייס.. ער האָט אויסגעזעהן זעהר יונג, פון אַ יאָר פינף און צוואַנציג, כאָטש ער איז שוין געווען נאָהענט צו דרייסיג. דאָס פּנים איז געווען פריש און באַלעבט, נאָר אַ קליינע מידיגקייט איז געלעגן דערויף, גלייך ווי ער וואָלט געווען אָפּגעמאַטערט פון אַ לאַנגען וועג. די אויגן נאָר האָבן געגליהט נישט היימליך.

אַז ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זיך געפילט די שווערקייט און מאַטקייט פון זיין וועזן. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער קאָפּ ציהט מיט זיך אַראָפּ זיין שלאַנקע פיגור, און עס האָט זיך פאַר־לאָרן די סימעטריע צווישן די אַקסלען, דאָס אָבער האָט נישט לאַנג געדויערט. אינסטינקטיוו האָט ער ווידער אויסגעגליכן זיין קערפּער און, געלענט אויפן שטעקעלע, פלעגט ער ווידער שפּאַצירן אַרויף און אַראָפּ ביז דעם אונטערגאַנג פון דער זון, טיילמאָל נאָך אין דער נאַכט אַריין.

ער פלעגט פיל מאָל זעהן דאָ די שטערן אַרויסקומען, און די לבנה אויפגיין פון מזרח.. פון וואַלד אַרויס פלעגן דעמאָלט צו אים שטימען רופן, מענערישע און מיידלשע: „האַלאָ! האַלאָ!“ ער פלעגט קורץ אָפּענטפערן און זיך פאַרלירן צווישן די סאָסנעס.

דאָס טייכל האָט פאַרלוירן זיין איינציגן באַזוכער, האָט זיך נאָך טיפער פאַרשטעקט און פאַרהוילן צווישן די ווערבעס און געטראָגן ווייטער זיין אָרים ביסל וואַסער דורך דער נאַכט צו דעם ווייטן, אומבאַקאַנטן ים. פיל לאַנגע דורות זיינען שוין אַריבער זינט דאָס טייכל האָט אויפגעהערט דירעקט באַהאָפטן צו זיין מיט דער גרויסע אומענדליכער סטיכיע זיינער.

די לבנה איז אַרויס אויפן מיט פון הימל. צום שפּיגל פון וואַסער האָט אָבער קוים אַן אָפּגלאַנץ דערלאַנגט. טרויעריג איז געווען. אַ שטיל פאַררעַגהט געמורמל האָט זיך קוים געהערט, און אַלטע גייסטער פון פאַרגעסענע עפּאָכעס האָבן זיך געטראָגן צווישן דעם פלאָנטער פון די צווייגן.

דער ראָזיגער יונגער מענש איז געקומען פון דער לוסטיגער שטאָט פּאַריז אַהער דאָ צו זיינע עלטערן, און דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ער איז געקומען שטאַרבן. מיט דריי יאָר צוריק האָט די קראַנקהייט אים געכאַפּט פּלוצלינג, אומגעריכט; אַזוי ווי אַ טיגער זיין קרבן, איז זי אים באַפאַלן אין כעמישן לאַבאָראַטאָריום אין מיטן דער אַרבעט. אין עטליכע שעה אַרום איז ער שוין גע־לעגן אין זיין צימער, האָט געשלונגען אייז, און אַ שטריינגען אָנזאָג געהאַט פון דאָקטאָר, נישט צו געבן זיך קיין ריר, נישט צו ריידן. צו אים איז געקומען אין דער אָפּגערעדטער שעה זיין לעצטע ליבע, די קליינע פאַרשלייערטע דאַמע מיט די וואונדערליכע אויגן, וואָס איר נאָמען און שטאַנד האָט זי נישט געוואָלט אַנטפּלעקן.

מיך רופט מען „ליב און שווייג“, האָט זי געענטפערט אויף אַלע זיינע פראַגן. געפינענדיג דעם דאָקטאָר ביי אים אין צימער און דערזעהענדיג אים אין אַזאַ לאַגע, האָט זי קוים באַוויזן אויסצושרייען „מאָן דיע!“ און איז אַוועק.

מיט איר איז אַוועק זיין יוגנט און דער רייץ פון זיין לעבן, די וואונדערליכע פאַריזער ליבע־געשיכטן, וואָס האָבן אים אַליין טייל־מאָל אויסגעזעהן, ווי מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט.

— מיין יונגער פריינט — האָט דער דאָקטאָר, האַלטנדיג זיין פּולס, געזאָגט — איר האָט אַביסעלע צופיל זיך דערלויבט. ביי אייער שיינקייט און אייערע יאָרן איז דאָס קיין וואונדער נישט. איצט, מיין פריינט, מוז מען זיין צוריקגעהאַלטן. איך ראָט אייך, נישט צו געפינען זיך אין געזעלשאַפט פון יונגע פרויען...

פון דעמאָלט אָן האָט זיך פאַר אים אָנגעהויבן אַ לעבן, אויס־געפילט מיט קוראַציע, אין סאַנאַטאָריומס אין דער שווייץ און עגיפּטן. ער איז חדשים־ווייז געווען געזונט, חדשים־ווייז האָט ער געהוסט און געפיבערט. ער האָט פאַרלאָזט די כעמיע, וואָס ער האָט זיך געהאַט איר איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער ענערגיע פון אַ יונגען זוכנדיגן גייסט, און פון דעם זיסן שפּיל פון בלוט, פון די וועקסלדיגע ליבעס איז געבליבן נאָר אַן ערינערונג.

ער האָט זיך נאָך מיט דעם רעשט פון זיין ענערגיע געוואָרפן אויף דעם שטודיום פון היסטאָריע, צום לעצטן אָבער האָט אים די געשיכטע פון אונזער ערד, די געאָלאָגיע, אינגאַנצן פאַרכאַפּט.

ביי דעם ראָזיגן שטוריום האָט ער זיך איינגעלעבט אין די עפּאָכעס פון מיליאָנען יאָרן, געהערט די שטים פון לאַנגע אויסגעמעקטע דורות, און די טראַגעדיע פון זיין אייגן לעבן איז ווי פאַרווישט און אָפּגעמעקט געוואָרן אין דעם ים פון אומענדליכע וואַנדלונגען.

דער זומער האָט זיך דערווייל דערנעהענטערט צום סוף. די טעג זיינען געוואָרן קירצער, און אַלץ אומעטיגער פלעגן זיך די פאַרבן פאַרנאַכט צעשפּילן נאָכן אונטערגאַנג פון דער זון. ביינאַכט פלעגט שוין שפּאַצירן אַ קילער ווינט. דאָס געזונטע יונגוואַרג איז שוין צוריק אין שטאָט אַריין אין די שולן, די עלטערע זיינען זיי נאָכגעגאַנגען. די קראַנקע זיינען געבליבן ווי אַליין. פלעגן זיך צוויי פּאָר אויגן טרעפן, פלעגן זיי געשווינד אַראָפּלאָזן די בליקן. אַ מורא האָט זיך געטראָגן אין דער לופט — די מורא פאַר דעם טויט־טראָגנדיגן אָסיען..

די קריינק האָט צוגענומען, דאָס פיבער איז געשטיגן, און אַלץ עקשנותדיגער פלעגט ער קומען צום טייכל, פאַרברייגגען זיינע שעהן. ווייט פון פרעגנדיגע בליקן, פון רחמנות־ווערטער, האָט ער זיך דאָ געפילט, ווי אין אַ היים, ניי־געפונען און צוגעגרייט. צו אים האָבן גערופן שטימען פון פאַרגעסענע דורות, און נייע קומענ־דיגע דורות האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין פאַנטאַזיע. דער מין מענש איז שוין דעמאָלט פאַרשוואונדן פון דער ערד מיט זיינע ליידן און פריידן, און ריזיגע פליהענדיגע באַשעפענישן מיט אומ־געהויער גרויסע און קלוגע אויגן זיינען די איינציגע באַהערשער פון דער וועלט...

ער פלעגט פיבערן, חלומען און פאַנטאַזירן און געפילט זיך באַ־רוהיגט און געטרייסט.

אין אַ פאַררעגנטן טאָג איז ער אַראָפּ צום טייכל. ס'איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג, אין די שעהן, ווען דאָס פיבער פלעגט אָנהויבן צו גליהען פון זיינע אויגן אַרויס, און די נישטיגע, לאַנגווייליגע געדאַנקען פלעגן פאַרשווינדן פון זיין צעהיצטן מח, אָפּטרעטנדיג זייער אָרט פאַר דעם פרייען שפּיל פון זכרונות, בילדער און פאַנ־טאַזיעס. אַ שוואַכקייט איז אים באַפאַלן. אַ שוידעריגע קעלט האָט

זיך געוויקלט אַרום זיין גוף, די ציין האָבן געקלאַפּט. דערנאָך איז געקומען אַ זיסע וואַרימקייט. האַלב־אויסגעצויגן איז ער געלעגן אָנגעלענט אויף אַ ווערבע, מיט האַלב נאָר אָפענע אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געזעהן, אויסער דעם געראָנצלטן וואַסער.

ער האָט לאַנג געמוזט זיצן אַזוי אין פיבער. אַרום איז שוין געווען פינסטער. דער ווינט האָט צעטראָגן די וואָלקנס און האָט זיי געיאָגט שטיקערווייז איבערן טונקעלן הימל. פון מזרח זייט איז אויפגעגאַנגען די לבנה, ווי אַ רויטער פלעק, אַזוי ווי אין בלוט אויסגעבאָדן, און ווען דער ווינט האָט אויפגעהערט, האָט זיך שווער געלעגט עפּעס אַ וויסטע שטילקייט. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס וואַסער אין טייכל איז פאַרגליווערט געבליבן שטיין.

ער האָט געפילט, אַז די שעה איז אַ וויכטיגע און דערהויבענע, און דאָס האַרץ האָט ביי אים גענומען קלאַפּן אין דערוואַרטונג. די שטילקייט איז טאַקע באַלד איבערגעריסן געוואָרן. שטראָם אַרויף האָט זיך אין טייכל עפּעס גערירט, פון דער טיפעניש איז עס געקומען, ווייל דאָס וואַסער האָט דאָרט געשוימט און געזידט. אים איז באַפאַלן עפּעס אַן אַלטער ציטער פון אָפּוואַרטן.

און ער האָט דערהערט אַ רוף, צו אים געווענדט. עפּעס פרעמדע קלאַנגען זיינען דאָס געווען, אַ טיפע, קלאָרע ווייבערישע שטים. זיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט די פרעמדע קלאַנגען.

— זאַ—לי גאַ—בו! זאַ—לי גאַ—בו!

ער האָט דערזעהן, ווי עס וויגט זיך אין וואַסער אַ קאָפּ מיט אַ געדיכטער נעץ אַרומגעהאַנגענע האָר, ווייסע רונדיגע אַקסלען. באַלד איז זי אינגאַנצן אַרויס פון וואַסער — אַ ריזיגע, נאַקעטע פרוי מיט האָר ביז צו די קני. זי האָט זיך באַוויזן און ווידער זיך פאַרלוירן צווישן די צווייגן.

זי האָט מיט די הענט געריבן די אויגן און האָט זיי געעפנט ברייט און גרויס. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס רייבט זי די אויגן, וואָס זיינען שוין לאַנג אָפּגעוויינט צו זעהן; איר איז געפעלן דאָס בילד פון דער נאַכטיגער וועלט.

ער איז געזעסן אויף זיין אָרט, אַרומגענומען פון אַ געפיל פון גליק און געזעהן, ווי זי בלאָנדזשעט אַרום אויף דער לאָנקע, און

געהערט, ווי זי רעדט און רעדט אויף איר פאַרגעסענער שפּראַך פון אַן אור־אַלטן שבט.

די קלאַנגען זיינען געווען ווילד־פּרעמד, ראָך האָט ער פאַר־שטאַנען, וואָס זי רעדט.

מיט אירע ווילדע קלאַנגען האָט זי אויסגעדריקט איר פרייד, וואָס זי זעהט ווידער דעם הימל און די שטערן און די לבנה נאָך אַ שלאָף פון אַזוי פיל טויזנטער יאָרן. זי האָט דערציילט די גע־שיכטע, ווי אַזוי איר אַלטער מאַן האָט זי געכאַפּט אַמאָל, אין אַ מאָמענט פון קנאה, פאַר די האָר און געוואָרפן אין וואַסער אַריין, און צום סוף האָט זי זיך צעלאַכט, ווי אַן אמתע ווילדע, פון איר גאַנס אַלטקייט, וואָס האָט איר יונגקייט און שיינקייט נישט גע־קאָנט געניסן...

ווידער און ווידער איז געקומען דער רוף און צייכן פון ליבע:

— זאַ—לי גאַ—בו!

וואָס האָט געהייסן: קום, געליבטער!

ער האָט זיך נישט אָנגערופן. אַזוי האָט ער דאָס ליב געהאַט אין זיינע סטורענטישע יאָרן. זאָל געדויערן לענגער די זיסע שעה פון וואַרטן, פון צערייצטער פאַנטאַזיע און צעשפּילטן בלוט.

זי האָט לאַנג געבלאָנדזשעט און גערופן, ביז אַ פאַרביינקטע געבראָכנקייט האָט זיך געהערט אין איר רוף. אין איר שטים האָבן גענומען קלינגען געשטיקטע טרערן און אַ ווילדע פאַר־צווייפלונג.

— קום, געליבטער! מיין קערפּער איז צעבליהט, און ער וואַרט אויף דיר אַזוי לאַנג. זעה מיינע ברוסטן, ווי צייטיג און פול! הער, ווי דאָס בלוט פּולסירט אונטער מיין הויט! מיינע אָרעמס זיינען ווייך און וואַרעמס, שמעקנדיג זיינען מיינע האָר, ווייס און שטאַרק מיינע ציין, רויט מיינע ליפּן, גליהענדיג איז מיין אויג, און איך גיי אויס פאַר ליבע! רוף דיך אָן, געליבטער! מיין נאָמען איז חוה. דערקענסט מיך נישט?

— דאָ בין איך! האָט ער זיך אָנגערופן.

פלינק און גרינג, אַזוי ווי אַ גאַזעל, איז זי געלאָפן נאָך זיין שטים נאָך, געבראָכן די צווייגן, וואָס האָבן איר פאַרשטעלט דעם וועג, מיט צעפלאָסענע האָר איז זי געקומען, מיט אַ ווילדער פרייד אין די

אוינן, און האָט זיך געוואָרפן אויף אים מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס.

אָבער ער האָט איר געוואונקען, נישט צו נאָהענט צוקומען צו אים, און האָט איר געוויזן אַן אָרט נעבן זיך.

— דער דאָקטאָר האָט מיר געראָטן מעסינקייט — האָט ער געזאָגט — וואַרט צו, דאָס פיבער וועט דו"ה, איך וועל צוריקקריגן מיינע כּוחות און איך וועל דיך צודריקן צו מיין ברוסט...

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו גלעטן אירע האָר און האָט ווילד אויסגעשריען:

— דו ביסט אומריין, שלאַנגען וויקלען זיך אַרום דיר. זעה, דיין גוף האָט זיך אָנגענומען מיט אַלערליי פוילעכץ און קריכעכץ אין דער צייט, וואָס דו ביסט געשלאָפן... ווי שרעקליך!

ער האָט שווער אָפּגעזיפצט און געעפנט די אויגן.

אַרום אים זיינען געשטאַנען זיינע נאָהענטע, וואָס האָבן אים אַ לאַנגע צייט געזוכט און געשריען „האַלאָ!", וואָס דער גאַנצער וואַלד אַרום האָט אָפּגעענטפערט מיט עכאָס. ער האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס מיט אים טוט זיך. אַ שוואַכן און שווער־אָטעמענדיגן האָט מען אים אָפּגעפירט אַהיים.

פון יענעם טאָג אָן האָט ער מער נישט פאַרלאָזט דאָס בעט, און די וויזיטס זיינען פון אים נישט אָפּגעטראָטן. די היימישע האָבן זיך אַלץ גערוקט צו זיין בעט, און אים האָט דאָס גענערגערט. זייערע פאַרזאָרגטע פּנימער האָבן אָנגעוואָרפן אויף אים נאָר אַ גראָע, וויסטע שרעק, און ווען די שעה פון געשטייגערטן פיבער פלעגט קומען, האָט ער מיט כּעס אַלע פאַרטריבן פון זיך.

— לאָזט מיך צו רוה! לאָזט מיך אַליין!

די נאַכט איז צונעפאַלן, און ער האָט קיין ליכט נישט געלאָזט אָנצינדן אין שטוב. דעמאָלט איז פאַרשוואונדן די גראָע שרעק, און פון טייכל פלעגט קומען די ריזיגע נאַקעטע שיינקייט.

אין לאַנגע געשפּרעכן אויף איר פרעמדער און דאָך אַזוי מעלאָדישער שפּראַך האָט זי אים אָנגעטרויט איר ליבע. איר ווילדע תּאווה איז איצט איבערגעגאַנגען אין אַ שטיל פאַרבּיינקט געפיל, און זי האָט זיך געהאַלטן אָפּגערוקט פון אים.

אים האָבן זיך דערמאָנט אַלע די לאַסקעס און צערטליכקייטן,

די פאַרליבטע בליקן און פיל־באַדייטנדיגע ווערטער, וואָס האָבן אים אַזוי פיל גליק געגעבן אין לעבן, און ער האָט געטראַכט, ווי נישטיג און קליין דאָס אַלץ איז קעגן דער איינער ליבע, קעגן דעם גליק, וואָס שפּראָצט פון דעם נאָהענטן קערפּער, וואָס געהער צו אים און וואַרט אויף אים.

— קום, דו, מיין גרויס גליק, מיין גרויסע ליבע — האָט ער גערערט.

זי אָבער האָט זיך צוריקגעצויגן פון אים. עס האָט געהייסן: די צייט איז נאָך נישט געקומען.

— דאָס מזל האָט אַ לאַנג וואַרטן אונז באַשערט?

— יאָ, יאָ, האָט זי טרויעריג געשאָקלט מיטן קאָפּ. און זי האָט זיך געקלאָגט פאַרטרויט:

דער ים איז איצט ווייט אָפּגערוקט פון ראַנען. יעדע נאַכט לויפט זי הונדערטער מיילן צו וואַשן איר גוף, איבער בערג און טאָלן לויפט זי, פאַרוויקלט אין אירע האָר און פאַרשלייערט מיט דער טונקלקייט פון דער נאַכט. די וואַנדערנדיגע מחנות פויגלען לאָזט זי הינטערשטעליג הינטער זיך, דער ווינט קאָן זי נישט איבעריאָגן. אַזוי איילט זי און לויפט צום ים צו באָדן זיך אינם שוים פון די כוואַליעס אין דער שעה פון האַלבער נאַכט. קעגן פריהמאָרגן מוז זי שוין זיין צוריק, באַהאַלטן זיך צווישן די ווערבעס, אַז אַ פרעמדער בליק זאָל נישט פאַלן אויף איר.

און זי פלעגט אַריינפאַלן אין אומעט:

דער טאָג געדויערט אַזוי לאַנג. פויל דערהויבט זיך די זון ביז צום זעניט און פּאַמעליך לאָזט זי זיך אַראָפּ צו מערב. טויזנט יאָר איז אַ טאָג. ערשט אין אָוונט, אין דער טונקלקייט קאָן זי אים קומען זעהן...

מיט זיינע פאַרברענטע ליפּן האָט ער דערמאָלט געשטאַמלט און גערופן:

— קום, קום אַזוי ווי דו ביסט... איך וועל דיך קושן און ליבן און וואַרטן... קום נעהענטער, ווייל איך קאָן מיין בענקשאַפט מער נישט איבערטראָגן.

זי אָבער האָט טרויעריג און שמייכלענדיג, מיט צערטליכער גע־דולדקייט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נאָך נישט, נאָך נישט! מײַן ליבּ איז נאָך נישט רײן...

ציטערן פלעגט רעמאָלט זײַן גוף און אַ קאַלטער שווײס האָט אים באַרעקט.

בּיז אַמאָל, אין אַ נאַכט פון סוף חורש תּשרי, האָט ער געהערט איר שטים רופן פון װײַטן, פול גליק און פרייד, אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל דאָרט בּײַם טײַכל. דער רוף פון ליבּע האָט געקלונגען הילכיק, ווילד־שטיפעריש פון די װערבּעס אַרויס, דורך דער לאָנקע און צווישן די סאָסנעס פון וואַלד.

„זאַ—לי נאַ—בּו!"

און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די שעה פון גרויסן גליק איז געקומען. די שעה, וואָס אויף איר וואַרט דער געליבּטער ווי אויף אַ לוין פאַר זײַן צער און בּיינקשאַפט — די דערפילונג און אַנטציקונג.

זי איז געקומען אײַליג, ליכטיג און פריידיג, אַ שעלמיש געלעכטער האָט געשפּילט אין אירע אויגן, אָבּער די גלידער אירע האָבּן שטיל און בּאַהאַלטן געציטערט אין דערוואַרטונג.

— קום, געליבּטער! — האָבּן אירע ליפּן קוים געשעפּטשעט.

און זי האָט זיך געצווינגן צו אים מיט איר ריזיגן בּלאַנקען קערפּער, וואַרעם און רײן, האָט אים אײַנגעפּרעסט אין אירע אָרעמס, אײַנ־געגעסן זיך אין זײַנע ליפּן, און ער האָט זי געקושט הײס און לאַנג, בּיז ס'האָט אים פאַרפעלט אָטעם.

אַ טויטער שטאַרער גוף איז געבּליבּן ליגן אויפן בּעט. אויפן פּנים איז געווען פאַרגליווערט די אַנטציקונג, און די ליפּן זײַנען געווען פאַרצויגן, ווי פון לאַנגע הײסע קושן אין די מאַי־אָוונטן, ווען די קאַרשן בּליִען ווײס.

מיספאַרשטענדניש

(די געשיכטע, ווי אַזוי די „יתומים־עלעגיע“ איז באַשאַפן געוואָרן)

אַמאָל איז געבוירן געוואָרן אַ מיספּאַרשטענדניש אויף דער וועלט. געווען איז עס אַזוי. זיין זיידע, אַ רייכער ייד, האָט געהאַט אַ סך זין און נאָר איין איינציגע טאָכטער, האָט ער געזוכט פאַר איר עפּעס אַ מאַן, וואָס זאָל זיין אויסערגעוויינליך. ענדליך האָט ער זי חתונה געמאַכט פאַר אַ בחור אַן עלוי, וואָס האָט געשמט אין דער גאַנצער געגנט מיט זיין לערנען. אָבער באַלד נאָך דער חתונה האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי שלעכט ער האָט געטראָפן. דער יונגער־מאַן האָט, אמת, געהאַט זייער אַ גוטן קאָפּ, אָבער ער איז געווען אַ מגושמדיגער, אַ ווילדער און אַ שרעקליך צעלאָזטער. עטליכע וואָכן נאָך דער חתונה האָט זיין יונג ווייב געזעהן אים רויכערן אַ פּאַפּיראָס אין שבת, איז זי ברוגז געוואָרן מיט אים און נישט געוואָלט מיט אים לעבן. דער יונגערמאַן האָט געטשעפּעט מיט דער רינסטמויד און עס איז אַרויס אַ סקאַנדאַל; מען האָט געזעהן, אַז דער שידוך איז נישט אויף לאַנגע יאָרן.

דערצו נאָך איז דער יונגערמאַן געווען אַ קראַנקער, אַ הוסטער, און נאָך דער חתונה איז ער נאָך מער קראַנק געוואָרן, און ענדליך איז ער אַוועקגעשטאָרבן.

זיין טויט האָט געוויס קיינער אין דער פאַמיליע נישט באַדויערט. אַ יונגע, רייכע אַלמנה, כמעט נאָך אַ קינד, האָט די גאַנצע געשיכטע פון דער אומגליקליכער חתונה געקאָנט פאַרגעסן, ווי אַ בייזן חלום.. נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דאָס מיספּאַרשטענדניש.

פון דעם קורצן צוזאַמענלעבן איז געבוירן געוואָרן אַ קינד פון מענליכן געשלעכט, און עס האָט געוויינט, דאָס קליינע מיספּאַרשטענדניש, און געוואָלט זויגן און געצויגן זיך צו דער מאַמען, ווי אַלע לעבעדיגע קינדער.

עס איז געווען אַן איבעריגע זאַך אין הויז, אָבער דאָך אַ לעד־בעריג באַשעפעניש, און מען האָט עס געבאָרן, געוויקלט אין ווינדעלאַך און געגעבן אים די ברוסט צו זויגן.

דעם פאָטער האָט עס נישט געטראָפן אויף דער וועלט, האָט עס געטראָגן זיין נאָמען. די מוטער האָט באַלד ווידער חתונה געהאַט מיט אַ לייטישן מענשן און געהאַט נאָך קינדער.. דאָס מיספּאַר־שטענדניש איז געוואַקסן ביי איר אין הויז. זיין פאָטערס פאַמיליע איז באַלד אויסגעשטאָרבן פון דער זעלבער קראַנקהייט, וואָס דער פאָטער, האַלב אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.. וועגן זיין פאָטער האָט ער געהערט ריידן נאָר צווישן זיין מאַמעס פאַמיליע, און גע־רעדט האָט מען פון אים מיט פיינטשאַפט, עקל און פאַראַכטונג. דאָס קליינע קינד האָט גאַנץ פריה באַגריפן זיין ריכטיגע לאַגע אין דעם הויז, אַז ער איז אַן איבערגעבליבענער רעשט פון אַן אומגליק, וואָס איז, געלויבט צו גאָט, שוין פאַרביי — אַ מיספּאַר־שטענדניש.

קיינער האָט אים נישט געטשעפּעט. מען האָט אים געשיקט אין חדר, געמאַכט שטיוועלאַך און קאַפּאָטלאַך אויף יום־טובים, מען האָט אים אַפילו קיינמאָל נישט געשלאָגן און נישט געבייזערט זיך אויף אים, נישט די מאַמע, נישט דער שטיף־טאַטע, וואָס זיינעןביידע געווען גאַנץ גאָטפאָרכטיגע מענשן און האָבן געשאַנעוועט דעם יתום, אָבער קיין גוט וואָרט האָט ער אויך קיינמאָל נישט געהערט, און פון אַ קוש, אַ גלעט, אַ מאַמעס אַ לאַסקע איז אָפּ־גערעדט. דערפון האָט ער אין זיין לעבן נישט געוואוסט.

געווען איז עס אַ שוואַך קינד, מיט אַ פיינער הויט, אַ בלאַס גע־זיכטל און גרויסע שוואַר־מוטיגע אויגן. פון זיינע הענט האָבן בלויע אָדערן דורכגעקוקט. ער האָט געהאַט אַ צו גרויסן קאָפּ לויט זיין גוף, און איז דעריבער געגאַנגען אַביסל איינגעבויגן.. איבעריגנס איז עס געווען אַ גאַנץ נאָרמאַל קינד, געגעסן, געשלאָפן, געלערנט, אין דער פריה געזאָגט „גוט מאָרגן", פאַרנאַכט „גוט אָוונט", און מיט קינדער געשפילט.

נאָר ביי זיין מאַמען אין הויז איז ער געווען אַ פרעמדער. זיינע נייע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך זיינען אים געווען פרעמד און ווייט. יענע האָט מען אַמאָל אין דערהיים געשלאָגן, אָבער אויך

געקושט, ער האָט זיין איינגענער מאַמעס האַנט זעלטן געפילט אויף זיך, נישט צום גוטן און נישט צום שלעכטן.

אַז ער איז אַמאָל קראַנק געווען, האָט מען גערופן אַ דאָקטאָר און אים געגעבן רעצעפטן, אָבער די מאַמע איז נישט געווען אומרוהיג איבער אים און האָט אויסגעזעהן זעהר גלייכגילטיג. ער איז דאָך אַ לעבעדיג באַשעפעניש, און אַז ס׳איז קראַנק, מוז מען עס היילן, אָבער ווען עס וואָלט געשטאָרבן, וואָלט פּאָרט בעסער געווען. ער איז דאָך נישט מער ווי אַ מיספאַרשטענדניש.

אַזוי איז דאָס קינד אויפגעוואַקסן ביז צו די בחורשע יאָרן. און אַ געפיל פון עלנט און איינזאַמקייט איז צוזאַמען מיט אים געוואַקסן אין זיין האַרצן.

זיין פאָטערס ווילדקייט און צעלאָזנקייט האָט מען ביי אים נישט באַמערקט, ער איז געווען אַ געלאַסן פאַרטראַכט קינד, אָבער די מאַמע זיינע איז שטענדיג געווען באַזאָרגט און איז שטענדיג געשטאַנען אויף דער וואַך: אָט, אָט וועט דאָס מיספאַרשטענדניש אַרויס מיט עפּעס אַ שמד־שטיק און דעם פאָטערס פאַרדאָרבנקייט וועט אַרויסשפּרינגען! אויף גוטס האָט מען זיך נישט געקאָנט ריכטן.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן טאַקע אַזוי: דאָס מיספאַרשטענדניש, וואָס איז געוויינליך געווען זעהר גלייכגילטיג צו אַלעם, האָט באַקומען אַ משוגהדיגע ווילדע תּאווה צו אַ פידל. ער פלעגט שטיין אונטערן פענסטער ביי מאיר דעם כּלי־זמר גאַנצע שעהן, הערנדיג ווי ער שפּילט און באַטראַכטנדיג, ווי זיינע פינגער לויפן איבערן אינסטרומענט. מויל און אויערן אָפן, איז ער אַזוי געשטאַנען און פאַרגעסן מנחה צו דאַווענען און אַהיים צו קומען אויף וועטשערע.

די מוטער האָט אים מוסר געזאָגט, דער שטיף־טאַטע האָט אים אין גוטן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז אַ בזיון פאַר אים, פאַר אַ לייטיש קינד, צו שטיין ביי אַ כּלי־זמר אונטערן פענסטער און צו חברן זיך מיט די כּלי־זמרס קינדער. עס האָט נישט געהאָלפן. אַז ס׳איז אָנגעקומען די תּאווה צו הערן פידל, איז ער געלאָפן הערן און האָט פאַרגעסן אַלץ אויף דער וועלט.

ס'איז אַזוי דערגאַנגען, אַז ער פלעגט אַריינגיין צום כּלי־זמר אין הויז; פלעגט גנבענען אין דערהיים געלט און עס אַוועקטראָגן, מען זאָל אים לאָזן פּרובן שפּילן אויפן פידל.

די מאַמע זיינע האָט זיך צעכליפּעט, ווען זי איז געוואָר געוואָרן דערפון.

„דער פאָטער אויסן אויג!" — האָט זי געיאָמערט. — „אָך און ווי איז צו מיינע יאָרן!" און דאָס מיספאַרשטענדניש האָט געפילט דעם צער פון זיין מוטער און האָט געוואוסט, וואָס זי וויינט: איז עס דען איר שולד, וואָס זי האָט געטראָפן אויף אַ שלעכטן מאַן? פאַרוואָס זשע קומט דאָס איר צו זיין אַ מאַמע פון אַזאַ קינד? —

אָבער ער האָט נישט געקאָנט העלפן. דאָס מיספאַרשטענדניש האָט נישט געהאַט קיין שלעכטס האַרץ, עס איז אָבער געווען אַ שרעקליך ווילנלאָז באַשעפעניש און האָט זיך אַליין נישט געקאָנט באַוועלטיגן.

אין זיין האַרצן איז צוגעקומען אַ געפיל פון חרטה, פון נישט צופרידנקייט פון זיך אַליין, און דאָס געפיל איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער איינזאַמקייט און עלנטקייט.

ער האָט געפילט דעם צער פון זיין מוטער און דעם צער פון זיין אייגענעם „איך". די מוטער איז נישט שולדיג, וואָס זי האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט, נאָר צי איז ער אַליין יאָ שולדיג דעריין, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן? ער איז אַ מיספאַרשטענדניש, עס האָט אַזוי געטראָפן, און קיינער איז נישט שולדיג.

עס איז סוף־כּל־סוף אָנגעקומען אַזאַ צייט, ווען עס איז אים איינע געוואָרן אין דערהיים און ער האָט געמוזט אַוועק. אָהן אַ מאַמעס אַ קוש, אָהן אַ האַרציג וואָרט, איז ער אַוועק פון דערהיים ווי אַ גנב. די אָמונה פון זיינע עלטערן האָט ער אויך שוין געהאַט פאַרלאָרן, און אַזוי איז ער אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין און האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע שוועך־מוטיגע אויגן.

ער וואָלט אודאי פאַרלוירן געגאַנגען אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער איז געווען אַ פרעמדער און דערצו אַ שוואַכער, אַ נידער־געשלאָגענער; אָבער די זעלבע תּאווה צום פידל, וואָס האָט אים אין זיין היימיש שטעטל פאַרפירט, האָט אים דאָ אַרויסגעראַטעוועט. די דאָזיגע תּאווה האָט אים געטריבן איצט אויפצווזכן אַ קאַפּעלע

כּלי־זמרים, און אַזוי ווי ער האָט באַהערשט דעם אינסטרומענט מיט אַ מערקווירדיגער לייכטקייט, האָט ער באַקומען אַ שטיצע אין לעבן.

אין דערהיים איז געווען אַ חורבן, און ער האָט געוואוסט דער־פון. אַ לייטיש קינד, אַ נגידיש קינד פון אַ פיינער פאַמיליע נעמט און ווערט אַ כּלי־זמר! די מוטער זיינע האָט זיך אויסגעוויינט אירע אויגן און האָט געוואָלט אָן אים פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט אָן אַ געשטאָרבענעם.

אָבער ער אַליין האָט געוואוסט, אַז ס'איז נישט זיין שולד. זיין געבורט איז געווען אַ מיספאַרשטענדניש און אַזוי מסתמא וועט זיין גאַנץ לעבן זיין, ער קאָן נישט העלפן.

ער האָט זיך מיט דער צייט אַפילו אַרויסגעאַרבעט און געקומען באַזוכן די קאָנסערוואַטאָריע, וואו ער איז געוואָרן איינער פון די אויסגעצייכנטסטע שילער. אָבער אַפילו זיין ערפאָלג דאָ האָט גאָר־נישט געענדערט אין זיין אינערליכן וועזן. פון פרייד און נחת, גליק און באַגייסטערונג האָט ער נישט געוואוסט. דער פּראָפעסאָר האָט אים געריסט פאַר זיין לייכטקייט אין אויספירן, פאַר זיין שטימונגס־פולן שפּילן, אָבער דערביי האָט ער באַמערקט, אַז אין זיין שפּילן פעלט עפּעס, עפּעס אַ שאַפנדיגער עלעמענט, וואָס זאָל אים מאַכן פאַר אַן אמתן קינסטלער אין זיין פאַך.

ער האָט עס זיך אין אָנהויב גענומען צום האַרצן, און עס האָט אים פאַרדראָסן. אָבער די פילאָזאָפיע פון זיין קינדהייט האָט באַלד געשטילט זיין פאַרדרוס. וואָס איז ער שולדיג? און — מען קאָן נישט העלפן. אָט אַזוי איז ער געבוירן, פון אַ דעגענעראַט אַ טאַטן און אַ ליבער, געזונטער און פיין פילנדיגער מוטער. ער איז איינמאָל געקומען אויף דער וועלט, און וועט אויף איר דורכלעבן אַ לעבן. ס'איז אַ מיספאַרשטענדניש. איצט איז דאָס מיספאַרשטענדניש געווען נישט נאָר ער אַליין. זיין פילאָזאָפיע איז אויסגעוואַקסן צו־זאַמען מיט זיין בילדונג פון זיין אייגענעם „איך“ אַרויס און האָט אַרומגענומען וועלט און מענשן. אַלץ איז אַ מיספאַרשטענדניש! זיין אייגענער „איך“ איז נאָר אַ גוטער בייספּיל, אַן אילוסטראַציע. פון וואַנען איז די וועלט געקומען אין אונזער פּלאַנעט? און די ערשטע פּראָטאָפּלאַזמע? און דאָס גאַנצע לעבן, וואָס ווימלט? און שטאַאַט און רעליגיע און קונסט און אַלץ, אַלץ, וואָס אינטערע־

סירט מענשן? — אַלץ איז געקומען אָהן איינענעם ווילן, אַלץ איז אַרייגעוואָרפן געוואָרן אין צושטאַנד פון עקסיסטענץ און קאָן זיך נישט העלפן, אַזוי ווי ער אַליין. עס איז זינלאָז — אַ מיספאַרשטענדניש.

און פאַרוואָס האָט ער אַזוי ליידנשאַפטליך ליב מוזיק? פאַרוואָס פאַרלירט זיך זיין גאַנץ וועזן אין די טענער, ווען זיי קומען אין אַ געוויסער אָרדענונג? ווייל די צעלן פון זיין געהירן זיינען עמפינדליך צו די באַוועגונגען פון עפיר — האָט ער זיך אַליין געענטפערט. ווידער אַ צופעליגקייט!

צי איז נישט דאָס געווען דער סוד פון דעם „עפּעס", וואָס, ווי דער פּראָפעסאָר האָט באַמערקט, פעלט אין זיין שפּילן — אָט די ראָזיגע צופעליגקייט, דאָס מיספאַרשטענדניש? — אפשר יאָ. דער פּראָפעסאָר איז געווען אַן אַלטער מייסטער פון דער אַלטער שולע. ער האָט אין זיין קונסט געזוכט גאַנצקייט, פאַרנעסנהייט, שכרות, בלינד גלויבן. ער האָט עס אין זיין שילערס שפּילן נישט געפונען און דאָס האַרץ האָט אים וויינעטאָן.

אָבער איינמאָל איז עס געקומען איבער דעם יונגען מוזיקער, ווי אַ גייסט פון אומענדליכע ווייטקייטן, און ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מיספאַרשטענדניש — אויף אַ קורצער ווײַלע.

ער איז דעמאָלט פאַרליבט געווען אין אַ מיידל, אַזוי פאַרליבט, אַז זיין אייגענע פילאָזאָפיע פון מיספאַרשטענדניש האָט אים נישט געקאָנט העלפן.. דער דורשט צו ליבע, צו אירם אַ צערטליכן בליק, צו אַן אינערליך וואָרט, צו אַ באַרירונג פון איר האַנט, האָט אים ווילד געמאַכט. ער האָט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך, אַזוי ווי אין זיין קינדהייט, בשעת ער פלעגט דערהערן אַ פידל שפּילן, ער האָט ניט געוואָלט נעמען פון דער וועלט, וואָס זי האָט אים באַרויבט — ליבע! ליבע! ליבע!

אָבער די אויפגעוואַכטע ווילדקייט פון זיין נאַטור האָט אַלץ צעשטערט. דאָס יונגע שיינע מיידל, וואָס איז גאַנץ גוט געווען צו אים, האָט אַנגסט באַקומען פאַר אים, די באַהאַלטענע זייט פון זיין „איך" האָט זי איבערגעשראָקן און זי האָט אים פאַרלאָזט.

דעמאָלט איז עס געשען, וואָס דער יונגער מוזיקער איז אַהיים געקומען אין זיין צימער, האָט אַראָפּגענומען די פידל פון דער

חאַנט, איר אָנצוטרויען זיין עלנטקייט, זיינע פיבּרינגע פינגער האָבּן גענומען לויפן איבּער די סטרונעס.

און שפּילנדיג, האָט ער דערפילט, ווי ער הערט אויף צו זיין אַ מיספאַרשטענדניש, ווי עפּעס געוואַלדינס און ערהאָבּנס איז געקומען איבּער אים און געוועלטיגט איבּער אים. אַ מעלאָדיע האָט זיך געגאָסן פון אונטער זיינע פינגער, שמערצהאַפט ווי זיין איינזאַמקייט, און פול מיט טרייסט ווי אַ מאַמעס אַ לאַסקע, ווי אַ צערטליכער בּליק פון אַ געליבּטער.

דעמאָלט האָט דער קינסטלער בּאַשאַפן זיין בּאַרימטע יתומים־עלעגיע, וואָס האָט פאַרהערליכט זיין נאָמען.

עס איז די עלעגיע, וואָס ווען מען שפּילט זי, מוז יעדעס האַרץ זיך פאַרבּיינקען און שרייען נאָך ליבּע, נאָך צערטליכקייט און טרייסט.

אַז ער האָט זי אויסגעשפּילט, איבּערגעשפּילט און אַרויפגעטראָגן אויפן פּאַפּיר, איז ער אַנידערגעפאַלן מיד אויף זיין איינזאַמען בּעט און האָט זיך צעוויינט פאַר גליק.

יאָ, דאָס איז נישט געווען קיין מיספאַרשטענדניש, נאָר אַ קונסט־ווערק, געבּוירן פון לאַנגער איינזאַמקייט.

לאַנג האָט זיין גליק נישט געדויערט, ער האָט זיך אין דער „יתומים־עלעגיע" אַליין איבּערגעשטיגן און האָט מער שאַפן נישט געקאָנט, און אינגיכן האָט אים דער טויט צוגענומען פון דער ערד.

פרילינגס־נאַכט

1.

אין אַ שפּעטער פּאַרנאַכטיגער שעה פון חודש אַפּריל איז אַ קאָמפּאַניע פון יונגע מענשן געזעסן אין אַ קאַפע.

אין פּאַריז איז געווען פרילינג.

די דריי מאַנספּאַרשוינען פון דער קאָמפּאַניע זיינען געווען: איינער אַן ערשט באַרימט געוואָרענער מאָלער באַלדאַגין מיטן נאָמען, דער צווייטער — אַ קונסטקריטיקער און דער דריטער אַזוי אַ ליבהאָבער פון קונסט, פון קינסטלערס און פון אַלערליי פריי־ליכע קאָמפּאַניעס. יונגע ראַמען זיינען געווען מיט זיי, אַלע זיינען געווען באַהויכט פון פרילינג; לעבעדיגע רויזן האָבן פלאַמיג גע־פלאַטערט פון די בוזימס אַראָפּ. זייער ריח האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם אַראָמאַט פון פּאַרפומען. מען האָט אויסגעטרונקען די ערשטע גלעזער שאַמפּאַניער, און אין אַ געהויבענער שטימונג, געררייצט פון די שאַרפע ריחות און פונם שוימענדיגן וויין, האָט מען געפּלוידערט און געשמועסט וועגן דעם ערפאָלג פון יונגען קינסטלער.

וויל זיין ערפאָלג איז געווען זעהר גרויס און איז געקומען אומ־געריכטערהייט. פּלוצלינג גאָר איז ער געוואָרן אַ באַרימטקייט, אַ נאָמען, וואָס ביי יעדן אויפן מויל. דער קונסט־קריטיקער, וואָס האָט אים אין די צייטן פון זיין נויט און פאַרלאָזנקייט געשטיצט און דערמינטערט, האָט זיך אויך געפילט איצטער גליקליך צוזאַמען מיט אים. די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו ערן דעם קינסטלער, ווי אַ יונגען גאָט.

די יונגע ראַמען זיינען געווען פאַרליבט אַלע: אין פרילינג, אין יוגנט, אין רום. מען האָט דעם פרילינג אַליין געקאָנט אַריינרופן און פאַרבעטן צום טיש, אַזוי אומבאַפלעקט איז געווען די שטימונג.

אָבער נאָך דעם צווייטן גלאָז שאַמפּאַניער, האָט דער יונגער קינסטלער געדונצלט זיין געוועלבטן שטערן, טיפע קנייטשן האָט ער געקראָגן, און אַ לייכטע מעלאַנכאָליע האָט פאַרצויגן זיינע אויגן:

— זאָג, וואַנדאַ, פאַרוואָס נאָגט שטענדיק אַ וואָרעם אין האַרצן? וואָס פעלט מיר צום גליק? — האָט ער זיך געקלאָגט, גלעטנדיק אירע האָר.

זי האָט אים מיט גרויס ליבשאַפט געקוקט אין די אויגן אַריין און האָט נישט געקאָנט ענטפערן פאַר אַנטציקונג.

און ער האָט ווייטער גערעדט:

— די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר, אַלץ האָט זיך ווי אָפּגערעדט מיך צו מאַכן גליקליך, נאָר איך איינער פלאָג זיך אַליין, איך איינער בונטעווע זיך, האָב זיך אַנטקעגנגעשטעלט. מיך פרעסט דאָס בייזע געוויסן. וואו איז די צופרידנקייט, וואַנדאַ? וואו איז דאָס גליק?

אַזוי האָט זיך דער יונגער קינסטלער געקלאָגט און ביי זיינע צוויי חברים האָט אַזש דער אָטעם פאַרכאַפּט פאַר באַוווּנדערונג.

— מיינע פריינט — האָט ער געענטפערט אויף די באַמער־קונגען פון זיינע חברים, אַז אַזוי דאַרף צו זיין, אַז אַלע גרויסע מענטשן מוזן ליידן — מיינע פריינט, מיינט נישט, אַז דאָס איז פּאָזע, אַז דאָס איז שטימונג. און נישט ריכטיק איז, ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך איינער אַליין בין קעגן מיר. קעגן מיר איז עמיצער אַנ־דערש, איינער אַ טונקעלער מענטש, איך פאַרזיכער אייך, אַ טויגע־נישט, וואָס וועט עפּעס רעכטס קיינמאָל נישט שאַפן, אַ קאָלעגע מיינער, בידאָס, דאָס איז זיין נאָמען. ער איז היינט געקומען אויף דער אויסשטעלונג און איר זאָלט זעהן, וואָס פאַר אַ זויערע, לאַנג־וויילינע מינע ער האָט געמאַכט! מיט אַ שמייכעלע האָט ער מיר אויסגעמאָסטן פון קאָפּ ביז צו די פיס, פונקט ווי ער וואָלט זאָגן, צו וואָס פאַר אַ נידעריגער מדרגה אַ מענטש קאָן פאַלן. נו, דו מאַכסט גוטע געשעפטן — דאָס זיינען געווען די איינציגע ווערטער, וואָס איך האָב פון אים געקאָנט אַרויסקריגן. גוטע געשעפטן, איר פאַרשטייט?

און ער האָט געקלאַפּט מיט דער פויסט אויפן טיש. „ער האָט אַפילו נישט רעכט באַמערקט די זאַכן. עטליכע האָט ער קוים אָנ־

נעקוקט, אַנדערע האָט ער גאָר פאַרשפּאָרט אָנצוקוקן, און ער איז אַוועק, דער האָריגער טייוול"...

וואַנדאַ האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט אַרומ־געפלאָכטן אירע ווייבע הענט אַרום זיין האַלז און מיט ערגעץ גערערט:

— רו, מיין טייערער, מאַך דיר גאָרנישט דערפון. ער איז אַ בייזער, ער איז דיר מקנא, דער לייראַק און טויגעניכטס. פאַרגעס אָן אים! לאָמיר געזונט זיין, לאָמיר זיך ליבן.

און די רעשט פון דער קאָמפּאַניע האָבן זי אונטערגעהאַלטן אין דעם אייגענעם טאָן.

— אַ טויגעניכטס אַז ער איז, דאָס ווייס איך, אַ לייראַק צי ער איז — דאָס ווייס איך נישט, און צי ער איז מיר מקנא — דאָס ווייס איך אויך נישט. נאָר מיין איינגן בייז געוויסן האָט ער מיט זיין שמייכעלע אַרויסגערופן פון באַהעלטעניש. מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיין בייז געוויסן האָט אָנגעטראָפן אויף זיין פאַרקערפּערונג, און זיי האָבן זיך געגעבן די הענט. מיין בייז געוויסן, איר הערט, איז איצט געוואָרן האָריג און געל באַוואַקסן, אַזוי ווי בוראַס, איר הערט. אַ שטעכיגע, נישט ראַזירטע געלע מאָרדע האָט עס געקראָגן, מיין בייז געוויסן. און עס קוקט מיך אָן מיט אַ בליק פון געשליפענעם שטאָל. צו אַלדי גוטע יאָר, בוראַס, טויגעניכטס איינער! ווייסט, וואַנדאַ, ווער זיין געליבטע איז? מיט וועמען ער לעבט? — מיט אַ נעגערקע, אַ מיאוסקייט, אַ פאַרזעעניש, מיט פולע ציין דערצו... כאַ, כאַ, כאַ...

ער האָט ביטער געלאַכט.

ביי דעם קונסט־קריטיקער און קונסט־ליבהאָבער האָט זיך דער־וויל דערוועקט די נייגעריגקייט צו דעם טונקלען מענטשן מיט דער שטעכיגער, נישט ראַזירטער געלער מאָרדע און צו זיין נעגערקע, און זיי האָבן דעם קינסטלער באַוואָרפן מיט פראַגן, ווער ער איז אַזוינער, וואָס ער שאַפט, פון וואַנען ער שטאַמט.

— לאָזט מיך צורוה! — האָט ער זיך צעבייזערט — נאָט אייך זיין אַדרעס און גייט אַרויף צו אים, ס'איז אַ גוטע קאָמפּאַניע פאַר אייך, ער קאָן פונקט אַזוי ווי איר, אַלע קריטיקער און ליבהאָבער,

פלאַפּלען און ריירן אָהן אַ שיעור װעגן קונסט. איך האָב אים פּיינט, פון גאַנצן האַרצן פּיינט. פּונקט אַזױ װי איך האָס מײן בײַן געװיסן.

— און דאָך לעבסטו דערמיט, און דו װעסט זיך קיינמאָל דערפון ניט באַפרייען — האָט דער קונסט־קריטיקער אַריינגעװאָרפן.

די דאַמען האָבן געפּאָרערט נאָך שאַמפּאַניער און האָבן באַלדאַ־נינען פאַרװאָרפן מיט פראַגן װעגן דער נעגערקע: צי איר לייב גלאַנצט אַזױ, װי אַן אויסגעפּוצטער שוך, צי זי קאָן טאַנצן, צי זי עסט מייז.

דער עולם איז געװאָרן אַלץ נייגעריגער, און צום סוף, אַרום איינס בײַנאַכט, האָט מען באַשלאָסן אַרויפצוגיין צו ביראָסן אַליין.

באַלדאַנין איז נאָכגעגאַנגען אַ נידערגעשלאָגענער. מען האָט מיטגענומען אויף יעדן פאַל עטליכע פלאַשן שאַמפּאַניער און ליקער.

דער פרילינג איז דערהייל פאַרשװוּנדן פון די פּאַריזער גאַסן, עס איז געװען װינטיג און פייכט. די דאַמען האָבן געמוזט צוהאַלטן די היטן, און דער װינט האָט אויפגעבלאָזן די לייכטע פּעלערינעס פון די קאַװאַלערן.

.2

שװער האָט געאָטעמט די קליינע קאָמפּאַניע, און די הערצער האָבן זיך בײַ אַלע געװאָרפן פון מידקייט, װען זיי האָבן דערגרייכט די אַטעליע פון דעם „האַרינג" קינסטלער ביראָס, אויפן 7־טן שטאָק. אַ טונקעלער שיין פון אַ נאַפטלאָמפּ, פאַררוקט אָן אַ זײַט, איז געװען אין אַטעליע. מען האָט געזעהן נאָר װאָס פאַר דער נאָז. יעדער איינער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף עפּעס אַנדערש, און אַלערינג האָט געשראָקן.

איינער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם געלעגער פון דער נעגערין, װאָס איז געלעגן אין הוילן העמד אויף דער זאָפע; ער איז אָפּגעשפּרונגען װי אַן אָפּגעבריטער, אין דער טונקלקייט האָט אויף אים אַ בליץ געגעבן דאָס װייסלעכע פון אירע אויגן, און ער איז אַזױ צעטומלט געװאָרן, אַז ער האָט אַזש אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. אַ צװייטער איז געבליבן שטיין פּנים אל פּנים פאַר אַ ציגנעם קאָפּ, אויסגעקנאָטן פון ליים, און עס האָט זיך אים אויסגערוכט, אַז דער קאָפּ רירט מיט די אויערן, אפשר אַ באָק איז עס געװען און האָט

געשאָקלט מיט דער באָרד; איינער איז געבליבן שטיין פאַר אַן אַנדער באַשעפעניש, אַ חזיר צי אַ טיגער, וואָס האָט שטום און האַרטנעקיג געגלאָצט... אָבער שרעקעדיגער פון אַלץ איז געווען דער קליינער געל־האָריגער מענש, ביראָם אַליין. ער איז געשטאַנען אין די שלייקעס, מיט אַן אויפגעריסן ברודיג העמד, מען האָט געזעהן, אַז די הענט זיינע האָבן פעסטע מוסקולן, די פלייצעס האָבן זיך פאַרנומען ברייט, און געשטאַנען איז ער אויף קליינע פיס. פון די צעשויבערטע געלע האָר האָט זיך ארויסגערוקט אַ שטאַרקער שטערן מיט קליינע פאַרזשמורעטע אויגן. אַ רויע שטים האָט ער געהאַט, און עפעס באַפעלערישס איז געלעגן אין איר.

— אַזוי שפעט געקומען... — האָט ער זיך נאָך געוווּנדערט.

באַלדאַגין האָט צו אים צוגעפירט די באַקאַנטע איינעם נאָכן צווייטן. יעדער האָט דערלאַנגט די האַנט און האָט זיך שטיל אָפגערוקט.

— האָרך, ביראָם, געלער טייוול, איך בין דיר געקומען אָפגעבן אַ וויזיט. איך וויל, אַז די שכורע קאָמפאַניע זאָל אנקוקן דיך און דיינע ציגענע און חזירשע קעפ. אָט דער איז אַ קונסט־קריטיקער. דאָס איז וואַנדראַ, זי פאַרשטייט אין קונסט־זאַכן מער ווי אַלע מבינים צוזאַמען.

וואַנדראַ איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו אים, האָט אים לאַנג אָנגעקוקט מיט דעם קלאָרן, גלעטנדיגן בליק פון אירע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אין זיך די ווייכקייט פון איר הויט.

— איר זענט עס אַזאַ בייזער און שטריינגער קריטיקער? לאָזט מיך אייך אָנקוקן, בייז געוויסן!

ביראָם האָט געשמייכלט אַ האָריגן געלן שמייכל, און האָט געוויזן זיינע שוואַרצע, נישט גערייניגטע ציין.

— איך בין נישט קיין קריטיקער. מיר גייט עס נישט אָן. איך מאַך מיינע זאַכן אַזוי ווי איך פיל זיי. זיי קומען פון מיר און קערן צוריק צו מיר. איך בין זייער באַשאַפער און זייער באַוווּנדערער. ווייטער ווייס איך נישט. קיינער ווייסט אויך נישט פון מיר. איך קריטיקיר נישט. מיך גייט גאָרנישט אָן דער קונסט־יריד. דאָס איז אַ בערזשע.

— הערך, בּיראָס, דיינע דרשות וועלן מיר שפּעטער הערן — האָט באַלראַנין געזאָגט — איצט ווילן מיר עפּעס טרינקען. האָסט אַמאָל ליב געהאַט אַביסל גוטן קאָניאַק, דוכט זיך?

וואַנדראַ אָבער האָט פּראָטעסטירט:

— זאָל ער נאָר ווייטער ריידן, דער בּיראָס.

מיט דעם פיינעם חוש פון אַ פרוי האָט זי אַרויסגעפילט אַ גאַנצ־קייט, אַ גישטגעבּראָכנקייט אין דעם האַרטן מאַניער פון זיין ריידן. בּיראָס קליינע אויגן האָבן געפינקלט, און איצט האָט ער צו איר געשמייכלט דעם בעסטן פון זיינע שמייכלס, ווען ער האָט ווייט גע־עפנט ראָס מויל, און ער האָט אַ קליין ביסעלע, קוים צו דערהערן צוגעכאָרכלט מיטן האַלז:

— כי, כי, כי...

זי איז אים געפעלן געוואָרן.

לכבוד איר איז ער געוואָרן ריידעוודיגער, רירעוודיגער, און מען האָט געטרונקען איין פלאַש נאָך דער אַנדערער.

די נעגערין האָט נעקראָגן איר חלק צוגעטראָגן צום געלעגער, ווייל ווען זי האָט זיך געוואָלט אנטון, האָט זי געקראָגן אַ שטאַרקן שטויס אין דער בּרוסט אַריין פון בּיראָסן — אַ באַפעל צו בלייבן ליגן.

מען האָט געטרונקען, געשטיפט, געוויצלט זיך מיט דער נעגערין און צוגעזעצט זיך אויף איר געלעגער. זי האָט געזונגען, האַלב זיצנדיג, אַ פּאָרטוגעזיש לידל, וואָס זי האָט מיטגעבּראַכט פון איר היים אין בּראַזיליע. טרויעריג איז עס געווען און מאָנאָטאָן, און עס האָט זיך איינגעפלאָכטן אין דער טונקלקייט, פון וועלכער מען האָט נאָר אַרויסגעזעהן די סילועטן פון די מענשן און עפּעס אַרויס־געשטרעקטע פּנימער פון מאָרנע באַשעפענישן: קעפּ פון הינט, קי, ציגן און אַלערליי פּאַנטאַסטישע געשטאַלטן מיט הערנער, מיט פעסטגעשלאָסענע אָדער אויפגעריסענע מיילער און אַרויסהענגענ־דיגע צינגער.

באַלראַנין איז געלעגן מאַט, שכור און זעהר נידערגעשלאָגן, פאַררוקט אין אַ ווינקל, און ער האָט נעגלאָצט אויף אַ ציגענעם קאָפּ, וואו עס איז געפאַלן דער שיין פון דעם לאָמפּ.

בלויז וואַנראַ האָט כמעט נישט אָפּגעטרעטן פון ביראָסן. דער רייץ פון איר גייב איז אים אַרויפגעשטיגן אין קאָפּ אַריין, ווי אַ זיסער געפּל, און זי האָט געצווינגן די ווערטער פון זיין אינערליכקייט אַרויס, אַזוי ווי אַ געניטער פישער ציהט די ווענטקעס פון טריבן וואַסער.

— די קונסט דאַרף זיין שטום — האָט ער זיך געפלייסט צו ריידן פאַר איר. זיי ריידן צופיל (געמיינט האָט ער זיין חבר). עס רעדט, עס רוישט און דערציילט און באַוועגט זיך, — אַ קאַפּיע איז דאָס פון דעם, וואָס זיי רופן „לעבן". צו וואָס זשע דאַרף מען די קונסט? אויפן בולוואַר איז אַלץ בעסער ווי ביי זיי. די קונסט דאַרף איינ־הילן, אַרומנעמען. קניען דאַרף מען פאַר איר און בעטן צו איר — ווייטער גאָרנישט... אין אַלע זאַכן איז דאָ אייביגקייט, אַ שטיל־קייט און אַ שטומקייט. ווער עס זעהט זי, האָט זי, און ווער עס זעהט זי נישט, זעהט זי נישט און וועט זי קיינמאָל נישט זעהן...

וואַנראַ האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זיינע אָרעמס, און ער האָט אַלץ ווייטער גערעדט:

— וואָס ריידן זיי פון עפּעס אַ העכערן געניוס, וואָס די קונסט גיט! איין פרוי קאָן געבן מער געניוס ווי אַלע קינסטלער צוזאַמען. אָבער פרויען זיינען נישט קונסט, און די קונסט איז נישט געניוס. געניוס איז פּסיכאָלאָגיע, באַוועגונג — פאַרשטייט וואָס איך זאָג — פאַר־גענגליכקייט. די קונסט מוז באַרעקן אַלץ, אַלצדינג, אַזוי ווי דער טויט, אַזוי ווי די אייביגקייט...

איינציגווייז האָבן זיך אַלע אַרומגעקליבן אַרום זיי און האָבן זיך איינגעהאָרכט. בלויז באַלראַנין איז געבליבן ליגן אין זיין ווינקעלע. אַן אַלטער ווייגער האָט צוגעטיקט, האָט אַזוי ווי אַ שלוקעכץ געגעבן און אַרויסגעשלאָגן דריי.

— וואַנראַ, קום אַהער — האָט זיך געהערט פון ווינקעלע.

— קום דו אַהער צו אונז. ביראָס לייענט אונז דעם אני מאמין פון זיין קונסט. איך וויל הערן. קום אַהער!

— קום אַהער, זאָג איך דיר, איך האָב מורא... דער צינענער קאָפּ, דער, איך וועל אים צעשמעטערן...

וואַנראַ איז צוגעגאַנגען און האָט ביראָסן מיטגעשלעפּט מיט זיך ביי דער האַנט.

אַלע דריי האָבן זיך געשטעלט אַרום דעם צינענעם קאָפּ און לאַנג אויף אים געקוקט. וואַנדראַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און האָט פּאַרליינט די הענט אויפן פּנים, ווי צום בעטן. זי האָט אָנגעקוקט בּיראָסן, אַזוי ווי זי וואָלט אים וועלן פרעגן, צי עס איז רעכט אַזוי.

ער האָט זי אָנגענומען פאַר בּיידע הענט און אויפגעשטעלט אויף די פיס.

דערנאָך האָט מען ווידער געטרונקען וויין און ליקער.

און אַז דער זייגער האָט געשלאָגן פיר, האָט בּיראָס מיט אַ שיכור און צעפלאָמט פּנים געקלאַפּט מיטן פויסט אויף די געשטעלן און האָט געשריען, וואַנדראַ זאָל זיך אויסטון נאַקעט פאַר אים.

— דו האָסט מיין נשמה אויסגעטאָן נאַקעט, אַלץ האָב איך דיר אויסגעזאָגט. וויז מיר דיין ליבּ!

די נעגערין איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער אין הוילן העמד, און אַז זי האָט דערהערט אין וואָס עס גייט, האָט זי אַראָפּגעשלעפּט דאָס העמד פון זיך און האָט גענומען טאַנצן אַווילדן טאַנץ.

עס איז געווען נישט אויסצומיידן, ווייל בּיראָס האָט נישט נאָכגעלאָזט. וואַנדראַ און די איבעריגע פרויען האָבן זיך אויסגעטאָן נאַקעט.

אין פענסטער האָט אָנגעהויבּן גרויען אויף טאָג. מען האָט די לאמפּן אויסגעלאָשן.

בּאַלדאַנין איז אַלץ געלעגן אין זיין ווינקל, געשריען, אַז דער צינענער קאָפּ האָט זיך איינגענעסן אין זיין נשמה, אַז ער פרעסט אים...

וואַנדראַ האָט אים מיט כּוח אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט, און די גאַנצע קאָמפּאַניע האָט זיך גענומען אין אַ רעדל און געטאַנצט אַרום דעם צינענעם קאָפּ.

וואַנדראַ האָט צוגעזונגען:

צינענער קאָפּ! צינענער קאָפּ!
האָפּ, האָפּ!
אייבּיגקייט, אייבּיגקייט!
היל איין!

בּיראָס האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט פון דעם רעדל, געשאַרט זיך אָן אַ וויט, אָנגעלענט די געמבּע אויף דער האַנט, און זיינע קליינע אויגעלאך האָבּן לוסטיג געשמייכלט.

אַז בּאַלדאַגין האָט דאָס דערזעהן, איז אים בּאַפאַלן אַ שרעק־ליכער צאָרן, מיט דעם גאַנצן כּוח פון זיינע הענט האָט ער אַ װעך געגעבּן אויפן געשטעל און צעהאַקט דעם ציגענעם קאָפּ אויף שטיקלאך.

ער האָט געשריען, ווי אין אַ קאָשמאַר: „מיין בּייז געוויסן איז דאָס. איך האָבּ עס צעשמעטערט! נאַ, האָסטו, דו פאַרקרימטער פילאָזאָף!“

בּיראָס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

די פרויען האָבּן דערווייל געכאַפּט די קליידער אויף זיך. דער שיין פון פריהמאָרגן איז מיט אַמאָל געוואָרן העל און שרייענדיג. די גרויסע שטאָט, וואָס האָט זיך געזעהן דורכן פענסטער, האָט בּאַקומען קאָלירן: די קאָלירן פון אַ גרויען, וואָכעדיגן טאָג.

קיינער האָט נישט געוואַגט צו ריידן, קיינער האָט נישט אויפ־געהויבּן די אויגן. בּלויז די נעגערין האָט געמאַכט ווילדע קולות און איז געשפּרונגען אין איר שוואַרצער נאַקעטקייט, בּיז זי איז אַנידערגעפאַלן אָהן בּאַוווסטזיין.

שטיל איז מען זיך צעגאַנגען.

שירינגערס סוף

1.

אַז שירינגער גייט שפּאַצירן איבּער די בּערלינער גאַסן, גייט אַ קאָלעקציע פון שיינקייטן. אַלץ אויף אים, אָנהויבּנדיג פון הוט בּיז צו די לאַקירטע שיך, פינקלט, קאָקעטירט, רעדט אַזוי אין דער גאַס אַריין: איך בּין שיין.

און שירינגער אַליין, אַ מיטל־וואוקסיגער, בּרייט־אַקסלדיגער מענש פון אַ יאָר 35, איז אויך איינע פון די שיינקייטן. גלאַט־ראַזירט, גוט דערנערט מיט אַ בּייז פייערל אין די שוואַרצע, וואַרטנדיג־פאָרשנדיגע אויגן, צייכנט ער זיך אויס פון די מאַסן גראָע, בּאַשעפטיגטע מענשן. דערצו נאָך שיירט ער זיך אָפּ פון דער גאַס מיט אַ זאַכטן גאַנג. צוריקגעהאַלטן און רעגלמעסיג בּאַוועגט ער זיך. דאָס האָט ער אַן אָנזאָג פּון דאָקטאָר: אַ סך שפּאַצירן, אָבּער ניט איילן.

די גאַס מאַכט אים אַ וואַרע. נישט איינער טרעט אים אָפּ דעם וועג מיט דער אינסטינקטיווער געוויסקייט, אַז אַזוי דאַרף זיין. פרויען, און גאָר בּאַזונדער האַלבּ־דערוואַקסענע מיידלאַך, בּאַשיטן אים מיט לאָקנדיגע בּליקן, ווי מיט אַ שטויבּ פון בּליהעכץ. טייל שמייכלען צו אים. ער ענטפערט זעלטן מיט אַ שמייכל. ער געטרויט נישט זיין אייגן פּנים און זיינע אייגענע לאַד־מוסקלען. זיין האַרטע קינדהייט און ערשטע יוגנט האָבּן אים געלערנט צו זיין פאָרזיכטיג. איבּעריגנס, פּאַסט נישט קיין שמייכל צו זיין אומבּאַוועגליך האַרט פּנים. שמייכלט ער יאָ אַמאָל, שניידט זיך אויס אַרום זיין מויל אַזאַ גרימאַסע, וואָס פאַרפרעמדט, שטויסט אָפּ און שרעקט.

אַט איז ער געקומען אין קאַפע־הויז אַריין, און זיינע פאַרשנדריגע אויגן האָבן שוין אויסגעמאָסטן אַלע ווינקעלאַך. ער וויקלט אָפּ דעם זיידענעם שאַל פון האַלז, ציהט אויס די לעדערנע הענטשקעס, לעגט אָפּ דעם לייכטן פּאַלטאָ, דעם הוט, פאַרציהט די הויזן אַביסל אַרויף: עס בלייבט אַלץ נאָך אַ מענגע פון שיינקייטן: דער קראַ־וואַט, די בריליאַנטענע שפּילקע, דער רינג אויפן פינגער, די גאָל־דענע קייט א. א. וו.

ער האָט אַ נאַטור, אַז איידער ער רעדט, הוסט ער לייכט אָפּ. דאָס געוווינט ער דערווייל צייט. אויך דעם קעלנער, וואָס וואַרט אויף אַ באַשטעלונג, לאָזט ער שטיין, הוסט אָפּ און באַשטעלט זעלטער־וואַסער.

דאָס קאַפע־הויז איז געווען מער ווי האַלב ליידיג. אויסער די באַשטענדיגע געסט, וואָס פאַרלאָזן עס כמעט ניט, ווי פרויען פון דער האַלבער וועלט, אָפּגעקומענע קינסטלער און מאָרפיניסטן, האָבן זיך כמעט ניט געפונען.

שירינגער איז איינגטליך אַריין אין דעם קאַפע־הויז ניט געדנ־ווילינ. עפּעס האָט ער געהאַט אַ געלט־סכסוך, צוליב וואַלוטע־שפּעקולאַציעס מיט איינעם אַ ה' סעקאָל. דערזעהענדיג פון ווייטן אים אָנקומען, האָט ער אים געוואָלט אויסמיידן, און אַזוי ווי די צייט איז שוין געווען קורץ אָפּצוקערעווען אין אַן אַנדער גאַס, איז ער אַריין אין קאַפע־הויז.

אָבער זיצנדיג שוין אין קאַפע־הויז, זיינען זיינע בליקן געבליבן הענגען אויף אַ מאָנער לענגליך פּנים מיט אַ פאַרשפּיצטער געמבע ביי איינעם פון די טישלאַך. ער האָט געפּרובט אָפּצווענדן זיינע אויגן פון דעם פּנים, און עס האָט אים אַהין געצויגן. דאָס האָט אים אויפגערעגט. שירינגער איז געווען נערוועאיש. נאָכדעם, ווי ער איז געקומען געוואָרן געפאַנגען דורך די דייטשן אין אַ קליין פּויליש שטעטל אין דער צייט פון אַ שטורעם־אַטאַקע, איז ער אַ צייט לאַנג געווען מבוהל און איז אָפּגעלעגן אין אַ שפּיטאָל. ווייענדיג דערנאָך אין געפאַנגען־לאַגער, האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט, מיט קונצן זיך דערשלאָגן צו פרייהייט, און איז דערנאָך משוגע רייך געוואָרן.

דאָס לענגליכע פּנים האָט זיך אויך געווענדט צו אים צו און האָט אים אָנגעקוקט מיט בּויערנדיגע, שאַרפע, גראָע אויגן. בּאַלד האָט דער פרעמדער זיך דערהויבּן פון אָרט און האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג. ער איז געווען הויך געוואַקסן און שמאָל־בּייניג, און די פראַנצויזישע מיליטערישע קורטקע, וואָס איז אים געווען אַ קאַפּיטשקע צו קורץ, האָט זיין אויסזעהן געמאַכט נאָך לענגער. ער איז צוגעגאַנגען צו שירינגערן, דערלאַנגט אים די האַנט און גענומען זיך קושן.

שירינגער האָט זיך געפילט איבּערגעוועלטיגט. מיטן גוטן ווילן וואָלט ער זיך בּשום אופן ניט געגומען קושן מיט דעם פּנים, וואָס האָט אים געשראָקן און אויפגערעגט. ער האָט זיך קוים־קוים דערמאָנט, ווער דאָס איז. וואַסיליעוו האָט ער געהייסן, זיין פעלדפעבּעל איז ער געווען אין פּאָלק אין דער צייט פון יענע משונהדיגע ווילדע געשעהענישן, וואָס האָבּן זיך אָפּגעשפּילט אין דעם פּוילישן שטעטל אין פאַרלויף פון אַ מעת־לעת, ווען דאָס שטעטל איז פיר מאָל איבּערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט און מען האָט זיך כּסדר, אומאויפהערליך געשלאָגן אויף בּאַגנעטן.

וואַסיליעוו האָט זיך געזעצט נעבּן אים און האָט אויפן רוסישן שטייגער אָפנהאַרציג זיך צערעדט וועגן זיינע גלגולים. ער האָט דורכגעמאַכט די מלחמה, די רעוואָלוציע, געשלאָגן זיך מיט דעניקינען, אונטער וראַנגעלן אין טשין פון אַ פּולקאָווניק, און איז מגולגל געוואָרן צום סוף קיין בּערלין, וואו ער זוכט אַרבּעט.

שירינגערן איז דורך אַן אומבּאַקאַנטער שווידער. אַ דעניקינעץ, האָט ער געטראַכט, מסתּמא געמאַכט פּאָגראָמען. ער וואָלט צופרידן געווען, ווען ער וואָלט אים געקאָנט אויסזידלען, אָפּקערן זיך פון אים, אָבּער דער ראָזיגער וואַסיליעוו האָט אויף אים געקוקט אויף עפּעס אַ משונהדיגן אופן. אין דעם כאַאָס פון די זכרונות, וואָס זיינען בּיי אים פאַרבּליבּן פון יענע ווילדע געשעהענישן, האָט זיך אויסגעריסעוועט די פיגור פון אָט דעם וואַסיליעוו, ווי ער קאָמאַנדעוועט „נאַ שטיקי!“, שפּרינגט אונטער און וואַרפט זיין טייוולאָנישן בּליק אויף אים, גראָד אויף אים, צי ער וויל זיך נישט אַרויסדרייען ערגעץ בּאַהאַלטן.

און איינמאָל, געדרייענקט ער, האָט זיך אַ קופּקע רייטשן פּלוצלינג אַרויסגעריסן פון אונטער אַ הויף. ער האָט געזעהן, ווי זי זיינען געלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, מיט צעיאַכסערטע פּנימער, מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגן גלייך אויף זיי צו. אים איז באַפאַלן אַ טויט־שרעק, די קני האָבן זיך געבויגן. ער איז געפאַלן צו דער ערד. דאָ האָט אים וואַסיליעוו געגעבן אַ זעץ איבערן קאַרק „ווס־טאַוואַי!" ער איז אויפגעשטאַנען, געכאַפּט דעם ביקס, געלאָפן עמיצן אין פּנים אַריין מיטן באַגנעט. פון די אַרויסגעוועצטע אויגן האָט געשפּאַרט בלוט, יענער איז אַנידערגעפאַלן, וואַסיליעוו האָט אים דערלאַנגט מיט דער האַרטער זייט ביקס און פון מח האָט אַרויסגעשפּריצט דער מאַרך.

וואַסיליעוו האָט זיך מיט אים צערערט, און סוף כל סוף גע־בעטן ביי אים אַ גמילת־חסד. ערשט איצט, ביי דעם ענין פון געלט, האָט שירינגער ווידער געוואונען זיין אינערליך גלייכגעוויכט און דעם כח צו טראַכטן.

נאָר דו ביסט דאָך אַ פּאָגראָמשטשיק, האָסט געקוילעט יידן!

וואַסיליעוו האָט זיך גענומען שווערן, צלמען, אַז ער האָט קיינמאָל קיין יידן נישט געטשעפּעט. און כאָטש שירינגער האָט אים ניט גע־גלויבט, ווייל וואַסיליעוו האָט מיט אַמאָל פאַרלאָרן זיין קינדישע אָפנהאַרציגקייט און די גראָע אויגן זיינע האָבן מער שירינגער ניט געקאָנט גלייך אין פּנים אַריינקוקן, האָט אים שירינגער דאָך, כדי פון אים פּטור צו ווערן, דערלאַנגט עטליכע מאַרק.

אָט די קורצע באַגעגעניש האָט שירינגערן שטאַרק צערודערט. ער האָט עטליכע שעה דערנאָך נישט געקאָנט קומען צו זיך. כסדר האָבן זיך געטראָגן אין זיין מוח אָפּגעהאַקטע בילדער פון יענעם משוגעדיגן שטיק צייט, וואָס ער אַליין האָט נישט געדרייענקט, ווי לאַנג זי האָט געדויערט, ווען ס'איז טאָג און ווען נאַכט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן, ווען געענדיגט. די בילדער, עפּעס אַ לויפן, אַ קנאַקן, בלוט, אַ פאַלן און אויפשטיין, — דאָס אַלץ איז געווען ניט קלאָר, אַזוי ווי געשטאַלטן פון אַ האַלבפאַרגעסענעם חלום. נאָר אויפן הינטערגרונד פון די אַלע זכרונות איז געלעגן די פיגור פון וואַסיליעוון און זיין אייגן שווער סאָפּען, וואָס אים האָט זיך געדוכט נאָך איצט צו הערן.

2.

שירינגער איז אַרויס פון קאַפּע־הויז זעהר דענערווירט. ס'איז געווען קענן איינס נאָכמיטאָג, סוף זומער. די זון האָט נאָך שטאַרק געוואַרעמט. עס וואָלט אַ יושר געווען צו עסן מיטאָג אויף דער פרישער לופט. דער אַמאָליגער משרת אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט אין וואַרשע האָט אין משך פון די פיל יאָרן, וואָס ער האָט געאַרבעט ביי יענעם, זיך צוגעקוקט צו זיין פּרינציפּאַל, וואָס האָט ליב געהאַט גוט און מעסיג צו לעבן און אַלץ זיך פאַרגינען. שירינגער האָט אים איצט קאָפּירט מיט אַלצדינג. אָבער שירינגער האָט איצט געפילט אַ קלעמעניש ביים האַרצן, אַן אומרוהיגקייט. עס האָט געהאַט אַ פּנים, אַזוי ווי עמיצער וואָלט אַ שטאַרקן טרייסל געגעבן זיין מח און פון דנאָ האָט זיך פּלוצלינג דערהויבן אַלץ, וואָס דאָרט איז געלעגן, אָפּגעשטאַנען, און אים איז געוואָרן מוטנע אין די געדאַנקען. ער אַליין איז געווען בלאַס, און אַלע שיינקייטן אויף אים זיינען אויך ווי אָפּגעבלאַקירט געוואָרן.

ער איז היינט נישט געווען אויף דער בערושע, נישט געגעסן מיטאָג צו דער צייט. ערשט קענן 5 איז ער געקומען צו זיך. ער האָט געהאַט דעמאָלט אַ צוזאַמענקומעניש מיט איינער פון זיינע דאַמען, און האָט זי געפירט אין אַ טייערן רעסטאָראַן, געשטעלט וויין און דערנאָך געפאָרן אין אַ אויטאָ. די דאַמע איז געווען פאַרוואונדערט פון זיין ברייטקייט און צעהולעטקייט. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, און ער איז היינט געווען ליריש און ווייך צו איר. ער האָט איר אויסגעזעהן אַן אַנדערער, נאָר אַן אַנדערער. זי איז געווען אַ מיידל פון מיטלשטאַנד, די עלטערן זיינען אין דער צייט פון דער מלחמה שטאַרק אַרונטערגעקומען. זי האָט געאַרבעט אין אַ ביוראָ, און ביסלאַכוויז אָנגעקומען אויפן לעבנס־אַרט פון ביוראָ־מיידלאַך, און געהאַט איר „שאַץ“. דעם אמת געזאָגט איז איר נאָך פאַרבליבן עפּעס פון איר כלה־צייט, און זי האָט געוואַרט אויף אַ חתן און איז געווען סענטימענטאַל. אויך צו שירינגערן האָט זי געהאַט אַ געפיל. איר האָט אימפּאָנירט זיין ברוטאַלע ענערגיע, וואָס ער האָט אויך אַרויסגעוויזן קעגן איר. היינט איז ער געווען ליבליך. נאָר פאַרוואָס האָט ביי אים דער קאַפּעליוש נישט דעם

קנייטש אויפֿן אָרט? און פֿאַרוואָס האָט ער אַ טרויער אין די אויגן? זײַן אומרוהיקייט האָט זיך איר אויך איבערגעגעבן, און זי האָט זיך נאָך מער געטוליעט צו אים.

— ס'איז אַזוי קאָמיש הײַנט — האָט זי געזאָגט.

— גאָרנישט קאָמיש, מיצי. איך וואָלט גאָר געדאַרפֿט חתונה האָבן, אַליין איז אומעטיג דאָס לעבן.

נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך איבערגעלעגט און האָט צוגעגעבן:

— נישט מיט דיר וועל איך חתונה האָבן. דו ביסט גוט פֿאַר אַ געליבטע, נישט פֿאַר אַ ווײַב.

זי איז מיט אַ טרויעריגער מינע אַנטשוויגן געוואָרן. ער איז איצט געווען צופֿרידן צו מאַטערן זי מיט פֿראַגן.

— ביסטו בייז אויף מיר, מיצי? צו וואָס?

— איך האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט.

ער האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און זי פֿעסט אַרומגענומען, און דאָס האָט בײדע אַרויסגענומען פֿון דער פֿאַרלעגנהייט. ער האָט זי אויסגעמאָסטן מיט די אויגן און באַטראַכט זי מיט דעם בליק פֿון אַ „פּריקאַזטשיק", וואָס איז אַ מבין אויף סחורה. „אַ געזונט מיידל, און נאָך פֿריש, כאָטש נישט מער יונג", האָט ער אָפּגעפּסקנט בײַ זיך.

נאָר ווי זײַן בליק האָט זיך געגליטשט איבער דעם ווײַבליכן באַשעפֿעניש, איז מיט שירינגערן פֿאַרגעקומען עפּעס נאָך אומ־פֿאַרשטענדליכס. מיט אַ שרעקליכער דײַטליכקייט האָט זיך פּלוצלינג אויסגעריסעווועט אין זײַן מח אַ בילד פֿון אַן איבערלעבעניש — פֿון יענעם האַלב פֿאַרגעסענעם מעת־לעת. אים האָט זיך געדוכט: אָט איז עס, אָט איז דער שאָטן פֿון הויז, אָט איז די ווײַס פֿאַר־גאָסענע ליכטיגקייט אין יענעם שטעטל. פֿון ערגעץ אַ ווינקל בענ־בעט אַ קוילנוואַרפֿער זײַן טויט־מוזיק. שוואַרצבערג שטויסט זיך אָן אויף אים מיטן אַקסל, ער פֿאַלט. נאָר פֿאַלנדיג האָט ער זיך מיט בײדע הענט אָנגעכאַפּט אָן שירינגערס אַ פֿוס, און אַזוי איז ער געבליבן ליגן אַ טויטער. שירינגער האָט דערפֿילט, צי אים האָט זיך געדוכט, אַז די הענט פֿון דעם טויטן זעלנער נעבן אים האָבן זיך אײַנגעגעסן אין זײַן פֿוס. ער האָט זיך לכתּחילה געפֿילט ווי

צוגעשמירט צום אָרט און האָט געטראַכט, אַז איצט איז זיין סוף געקומען, ווייל ער קאָן זיך מער נישט רירן, נישט פאַרטיידיגן זיך. אַזוי איז ער געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד אַ היפּשע ווײלע, ביז ס'איז געקומען עפּעס אַ טרעוואָגע, ווידער איז מען געלאָפן קעגן פּנים מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, דעמאָלט, ער ווייס אַליין נישט ווי אַזוי האָט ער זיין פוס באַפרייט פון דעם טויטנס האַנט.

ער האָט געהייסן שטיין בלייבן דעם אויטאָ, קאָלט זיך געזעגנט מיט זיין מיצי, וואָס האָט געהאַט אויגן פול טרערן.

וואָס ווייסטו נאָך? — האָט ער צו איר נאָך געזאָגט ביים פאַרן אַוועקגיין — איך בין היינט נישט אויפגעלעגט. צי דען זעהסטו נישט?

— יאָ, איך האָב דאָך גאָרנישט געוויינט — האָט דאָס יונגע באַשעפעניש זיך פאַרענטפערט.

ער האָט איצט אין גערעאַנק אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כעס צו סער־קאַלן, יענעם שפּעקולאַנט, וואָס צוליב אים איז ער אַריין אין קאַפּע־הויז. ער האָט אים געשאָלטן מיט די ביזסטע קללות, ער האָט ווי מורא געהאַט צו דערמאָנען וואַסיליעוון. אים איז קלאָר געוואָרן, אַז עס קייקלט זיך אָן אויף אים אַ אומגליק. נישט צו אַנטרינען. ער האָט פּלוצלינג דערפילט אַ ברענענדיגן האַס צו אַלצדינג. פון זיין פינגער האָט אַראָפּגעלויכטן אַ גרויסער בריליאַנט. און אויך אים האָט ער געהאַסט.

— קיינער וואונשט מיר קיין גוטס נישט — האָט ער גע־טראַכט — אַלע זיינען קעגן מיר. און פאַרוואָס? ווייל מיר האָט עס אָפּגעגליקט, ווייל איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט פון דער נויט. אַפילו מיין אייגענער ברודער מאָנט ביי מיר געלט, גלייך ווי אים וואָלט געקומען, און טראַכט אין האַרצן: מלחמה־גביר! מיצי האָט נאָר פּרעטענזיעס, איך האָב איר דאָך נישט געקויפט קיין זיידענע זאָקן...

עס האָט אין אים געקאָכט. ער איז געלאָפן שנעל איבער דער גאַס צו זיין וואוינונג צו און נאָר פאַרגעסן, אַז דער דאָקטאָר האָט אים פאַרבאָטן זיך צו איילן.

ביינאַכט, ווען ער האָט זיך אויסגעטאָן, האָט ער זיך דער־

מאַנט אָן דעם אָרט פון זיין פוס, וואו דעם טויטנס הענט האָבן זיך איינגעקלאַמערט.

און פון דער דאָזיגער דערשיטערונג איז ער מער נישט געקומען צו זיך. נישט באַשערט איז געווען דעם משרת, וואָס האָט זיך געקלינגט מיט אַזוי פיל קונציגקייט און ענערגיע אַרויסצוראַפן זיך פון עלנט, צו געניסן פון דער וועלט. אַלע שיינקייטן זיינע זיינען פאַרנאַכלעסיגט געוואָרן, און ער אַליין האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ בלאָנדזשענדיגער שאָטן.

אים האָט געמאַטערט כסדר אַ שוידערליכער חלום. כמעט רעגלמעסיג, צוויי מאָל אין וואָך, איז ער געקומען, שוואַרצבערג האָט אים געצווינגן פאַר אַ פוס צו זיך אין קבר אַריין, געצויגן און געשלעפּט, ביז ער איז מיט אַ געשריי, באַדעקט מיט שוויים, אויפגעקומען.

ער איז געפאָרן אין די בערג: דער חלום האָט אים באַלייט. ער האָט צוריקגעקערט קיין וואַרשע, צו זעהן זיך מיט די זייניגע — דער חלום האָט אים פאַרפאָלגט.

און איינמאָל אין דערפריה, וייענדיג צוריק אין בערלין, האָט ער באַמערקט אויף דעם איינגענעם אָרט פון רעכטן פוס, וואו שוואַרצבערגס הענט האָבן זיך אַמאָל געקלאַמערט, רויטע צייכנס, צייכנס אַזוי ווי פון פינגער.

ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון צו מאַכן אַ גוואַלד.

ער איז געלאָפן צום דאָקטאָר, און דער דאָקטאָר האָט אים אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל אַריין, כדי צו ווייזן די פּראָפעסאָרן דעם מערקווירדיגן פאַל.

דאָ אין שפּיטאָל האָט ער פאַרענדיגט זיין קאַריערע.

רכילות

בײַ בערנשטײנען אין עס־צימער זײַנען געזעסן געסט: עטלעכע פֿרויען, עלטערע און ייִנגערע, איין פֿרײַלין פֿון אַ יאָר 15—16, צוויי מאַנסלײַט, אויסער דעם בעל־הבית, הער בערנשטיין. די פֿרויען האָבן גערעדט רכילות, די מאַנסלײַט האָבן געשפּילט אין קאָרטן. בײדע קאָמפּאַניעס האָבן זיך שלעכט געװײַלט. די פֿרויען צום רכילות האָט געשטערט דאָס פֿרײַלין, אַ ברונעטקע מיט ברענענדיגע אויגן, מיט אַ װײַך געזיכט און מיט גיכע, ראַשע באַװעגונגען. איבער איר האָבן די פֿרויען געמוזט רײדן שטיל, מיט אָנצוהערענישן, און טײלמאָל אינגאַנצן איבערהיפּערן די סאַמע אינטערעסאַנטסטע, פּיקאַנטסטע ערטער. די מאַנסלײַט װידער, װאָס זײַנען אפשר געװען בעלנים אויף אַ רעכטע „אָקע“ אין פֿינף הענט, האָבן זיך מיט דעם „קלאַבעריאַש“ געלאַנגװײַליגט. אַם ענגרע האָבן זיך אַלע בליקן געװענדט צו גראָסמאַנען, אַ מענש פֿון אַ יאָרן דרײַסיג, מיט אַ שװאַרץ ציגנבערדל און שעלמישע, שטעכיגע אויגן, — אײנער פֿון די דרײַ, װאָס האָבן געשפּילט „קלאַבעריאַש“. ער איז נישט געװען רײַך, נאָר אים האָט מען זעהר גערן געזעהן אין די רײַכע הײַזער פֿון דעם קרײַז. ער איז געװען באַרימט פֿאַר אַ קלוגן, געבילדעטן מענשן, אַ גוטער אַנעקדאָטן־דערצײלער און אַ שטאַרקער בקי אין אַלערלײ ליטעראַרישע און קינסטלערישע סקאַנדאַלן.

— פֿאַן גראָסמאַן װעט עפּעס דערצײלן — האָט זיך די װירטין פֿון הויז, פֿרוי בערנשטיין, צו אים געװענדט אויף פּויליש.

דעם זעלבן פֿאָרשלאַג האָט דער װירט, הער בערנשטיין, איבער־געחזרט אויף רוסיש; דער דריטער פֿון די מאַנסלײַט, אַ ייִד אַ פּראָצענטניק, אַ גרויסער מאַכער בײַ פּריצים און גענעראַלן, און אַ גביר דערצו, האָט די פֿראַזע געזאָגט אויף פּראָסט מאַמע־לשון אַזוי:

— דרייט אָן די קאַטערינקע, גראָססמאַן, אַרויס מיט די כּלים!
אַ סוף, אַן עק!

גראָססמאַן האָט זיך געווײנליך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, איצטינס מאָל אָבער האָט ער געשוויגן. ער האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ מיט די געקרייזלטע האָר צו דער זייט צו, וואו ראָס פריילין איז געשטאַנען, אָנגעלענט זיין געמבע אויף דער האַנט און אויסגע־גלאָצט זיינע קאַלטע, כיטרע אויגן אויפן פריילין אַזוי לאַנג, ביז ראָס אָרימע באַשעפעניש האָט געבעך דערפילט, אַז ראָס פּנים פלאַמט איר ווי אַ פייער, און האָט שיער נישט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין פאַר גרויס אַנגסט. אַלע האָבן פאַרשטאַנען די ראָזינע שטומע סצענע און האָבן געשמייכלט. גראָססמאַן האָט געוואָלט דער־ציילן עפּעס פּיקאַנטס און האָט שטום געוואונקען דעם פריילין, זי זאָל אַרויסגיין. ראָס פריילין אָבער האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט. פון דעם אָנגעשטרייננטן בליק אויף איר האָט זיך איר אַזש אָנגעהויבן צו מישן אין קאָפּ, די געדאַנקען האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען און קאָזשעליקעס צו מאַכן, ווי משוגענע טייוולאָנים. פאַר די אויגן האָט איר געשווינדלט, און דער קאָרסעט האָט זי געדריקט, אַז דער אָטעם האָט פאַרכאַפּט. אַם ענדע האָט אויף איר מיטלייד באַקומען דער מעפיסטאָפעל פון דער גע־זעלשאַפט, גראָססמאַן אַליין, און האָט זיך צו איר אָנגערופן:

— פריילין רוזשאַ וועט אַזוי גוט זיין אַריינגיין אין זאַל, אַביסל שפילן אויף דעם פאָרטעפּיאַן.

ראָס פריילין האָט שטילערהייט געפאָלגט און איז אַריין אין זאַל, באַגלייט פון אַ שטיל געלעכטער. וואָס זי האָט ראָרט געטאָן, צי זי האָט אויפגעלאָזט דעם קאָרסעט, אָדער זיך צעוויינט, ראָס האָבן אונזערע געסט נישט געוואוסט. געשפילט אויף דעם פאָרטעפּיאַן האָט זי געוויס נישט; יעדנפאַלס, האָט קיין איינציגער טאָן נישט דערגרייכט ביז צו דער עס־שטוב. און ראָך האָבן אַלע געסט, און צווישן זיי אויך די מומע פון דעם פריילין, פרוי קנעפּפּענמאַכער, זיך גאָר נישט געקימערט וועגן דער סצענע, וואָס האָט זיי אויס־געזעהן גאַנץ נאַטירליך און זעהר פאַסנד פאַר אַזאַ חיצלינג ווי גראָססמאַן.

— איך וועל אייך דערציילן — האָט ער אָנגעהויבן — וועגן אַלגעמיינע באַקאַנטע. אייגנטליך האָבן זיי דאָ היינט געזאָלט זיין, נאָר אַזוי ווי זיי זיינען נישט געקומען, קאָן מען זיך ערלויבן אַביסל רכלות צו ריידן וועגן זיי. נישט וואָר?

אַלע האבן באַלד געטראָפן וועגן וועמען ער רעדט: פאַרשטייט זיך, וועגן די פייערמאַנס. די פייערמאַנס זיינען געווען די רייכסטע פאַמיליע פון דעם קרייז. ער האָט געהאַט אַ פאַבריק, אַן אייגן הויז, און האָט געשמט פאַר אַ קלוגן, געריבענעם יונג, וואָס האָט זיך שטענדיג געמשפט אין די סודעס און שטענדיג געוואונען און אויסגעפירט דאָס זייניגע. זי ווידער האָט געפירט אַן אינטעליגענ־טישן שטאַט, האָט זיך שטענדיג געהאַלטן אין לערנען עטליכע שפּראַכן; ביי איר אין הויז זיינען געווען באַנעם, לערערס און לע־רערינס, אַליין האָט זי געפירט באַקאַנטשאַפטן מיט פיל פּערזאָנען פון דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן מאַרק אין פאַרשיידענע קאָנ־ריטאָרייען. אים האָט מען מקנא געווען; זי, די מאַדאַם בערטאַ פייערמאַן, האָט מען פיינט געהאַט פאַר איר שטאָלץ. אַלע זיינען דעריבער זעהר צופרידן געווען מיט דעם אָנהויב.

— קאַטאַי! — האָט דער פּראָצענטניק געזאָגט. גראָסמאַן האָט ווייטער דערציילט:

— צווישן זיי, פאַרשטייט איר מיך, איז געוואָרן אַ שלעכט לעבן

— דער דערציילער האָט אָנגעהויבן ריידן יידיש — עס האָט שיער נישט געהאַלטן ביי אַ גט. ווי איר זעהט מיך אַ לעבעדיגן — ביי אַ גט. איר וואונדערט זיך? עס איז ווירקליך אַביסל אַ וואונדער. זיי וואוינען שוין פיפצען יאָר צוזאַמען, בערטאַ האָט שוין געהאַט אפשר אַ טוץ געליבטע, איך אַליין קאָן אָנציילן אויף די פינגער פינף. איר מיינט, אַז פייערמאַן האָט דערפון נישט געוואוסט? דער ממזר־קאָפּ, זעהסטו, וועט פון עפּעס נישט וויסן! ער האָט זיך געטראַכט: „טו דיר, וואָס דו ווילסט, און איך וועל מיר טון, וואָס איך וויל; פאָר דו דיר אונטער דער שטאָט מיט ריינע שנעקעס און שטער מיר אויך נישט.“ ער לאָזט זיך אויך נישט בלאָזן אין דער קאַשע אַריין. און זיי האָבן זיך געלעבט, אויף מיין ערליך וואָרט, גוט געלעבט. מען זאָגט גאָר, אַז זיי האָבן זיך אַמאָל צופעליג געטראָפן עפּעס אויף אַן אָרט, זי איז געזעסן אין איין קאַבינעט

מיט אַ „שנעק“ (אַזוי רופט זי פּייערמאַן), און ער איז געזעסן מיט עפּעס אַ שלאַק אין צווייטן קאַבינעט, און זיי האָבן זיך גע־טראָפן אין קאָרידאָר — און גאָרנישט. אָפּגעווישט זיך דאָס מויל און געפירט אַ גוט לעבן. און פּלוצלינג: נאַ דיר אַ שלעכט לעבן און סצענעס און שיער נישט אַ גט! געווים אַביסל אַ וואונדער. פאַרשטייט איר מיך אָבער, מען מוז קענען פּייערמאַנען. אַזוי איז ער אַ רוהיגער, געלאַסענער; צו בערטאַן — ווי פּוטער ווייך, קושט זי אין שטערן. נאָר מען זאָל אים דערקוטשען האָט ער נישט ליב. אויב איר שטעלט אייך אים אין וועג, דעמאָלט איז ער אויף אַלעם גרייט, אויף אַלעם. אַ סקאַנדאַל — אַ סקאַנדאָל, אַ גט — אַ גט, און בערטאַ האָט אים אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן צו דער־קוטשען.

די געזעלשאַפט האָט זיך צוגעהערט מיט אָנגעשטרייינגטער אויפ־מערקזאַמקייט. גראָסמאַן איז אויסגעוואַקסן אין זייער פאַנטאַזיע צו דער הויך פון אַ נביא, וואָס זיינע ווערטער טרעפן שטענדיג אין די לעבנדיגסטע סטרונעס פון דער נשמה, וואָס רעדט שטענ־דיג דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע, וויכטיגסטע. די פרויען האָבן זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט, זיי זאָלן אים נישט שטערן. די צוויי מאַנסלייט האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן און געהאָרכט מיט אַן ערנסטקייט, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אין אַ פאַררינסט פון עטליכע טויזנט קערבלאַך.

— אין דער לעצטער צייט, פאַרשטייט איר מיך — האָט ער ווייטער דערציילט — איז בערטאַן נישט געגאַנגען. שעמענסקי האָט זי אָוועקגעוואָרפן. טרעפט — פאַרוואָס? זי האָט אים אַלץ גע־געפּיינינגט, ער זאָל זיך לאָזן וואַקסן וואָנצעס, און ער האָט רוקא געוואָלט ווערן אַן אַקטער. און דאָ זיינען געקומען די אומרוהען, דער קריגס־צושטאַנד. זי איז שוין, ווייסט איר דאָך, געווען אין אויס־לאַנד און צוריקגעקומען, און גראָסמאַן האָט געענדערט דעם טאָן, בערטאַ איז שוין נישט דאָס, וואָס פאַר עטליכע יאָר...

— זי פודערט זיך דאָך! — האָט איינע פון די פרויען כמעט אויסגעשריען, נישט קאָנענדיג מער געוועלטיגן איבער זיך.

— איך בעט נישט איבערצוהאַקן — האָט גראָסמאַן געזאָגט רוהיג, פילנדיג זיין צוזבערקראַפט אויף דער געזעלשאַפט — זי

פּורערט זיך שוין צוויי יאָר, איך גערייניק דאָס געוויי. דאָס האָט איר פאַרשאַפט פיל קריינקונג. אויף מיין ערליך וואָרט: ווען זי רעדט וועגן „די טיפע טראַגעדיע פון איר זעלע", ווייס איך, אַז די טראַגעדיעס זיינען נישט מער און נישט ווייניגער, ווי די קריינקונג, אַז זי ברויך זיך צו פּורערן. איך האָב עס גערוואָגט שעמענסקין...

אַ שטיל ציטעריג געלעכטער האָט דעם דערציילער אָפּגעשטעלט אויף עטליכע סעקונדעס. ער האָט ווייטער דערציילט:

— בערטאַ האָט זיך געפילט זעהר שלעכט. געזעסן אין דער היים און געגעסן זיך דאָס האַרץ. דאָס מוז שוין זיין קיין גרויס פאַרגעניגן, אַז אַ פרוי האָט גאָרנישט וואָס צו טון. און זיצט אַ גאַנצן טאָג אין דער היים און טראַכט אַלץ נאָך אַנאַנדער נאָר וועגן דעם, אַז זי איז אַלט געוואָרן און מוז זיך פּורערן. פאַר איין זאַך אַכט איך זעהר מיין געשלעכט, דאָס מענגליכע: דערפאַר וואָס מיר, מיינסלייט, שרעקן זיך נישט אַזוי פאַר אַלט ווערן, ווי די פרויען; דערפאַר האָבן זיי, די פרויען, ווייניגער מורא פאַרן טויט, ווי מיר, און שטאַרבן פיל רוהיגער און אָנשטענדיגער ווי מאַנסלייט...

— נו, קאַטאַי, ווייטער! — האָט דער פּראַצענטניק צוגעיאָגט — וואָס טויגן דאָרט די פילאָזאָפיעס? איך דיעלו!

גראָסמאַן האָט זיך, קענטיג, געפילט אַביסל באַליידיגט, ער האָט געמאַכט אַ זויערע מינע און האָט שוין געוואָלט גיכער אַן ענדע מאַכן.

— פאַרשטייט איר מיך, בערטאַ האָט אָנגעהויבן צו דערקוטשען דעם מאַן מיט פראַגן, וואו ער גייט און וואו ער איז געווען און וואָס ער האָט געטאָן. און ער האָט איר אַן עצה געגעבן, זי זאָל זיך אָפּגעבן מיט די קינדער... זי האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט אַ קאָמערצישן, גראָבן גייסט און פאַרשטייט נישט אירע שטימונגען, און עס איז געוואָרן אויס שלום־בית... עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט זי אויסגעזוידלט אין די אויגן פון מענשן אַזוי גראָב — נו, עס איז אַ חרפּה צו דערציילן...

גראָסמאַנען האָט מען אָנגעהויבן צו בעטן פון אַלע זייטן, ער זאָל ווייטער דערציילן, די פרויען האָבן אָנגעשטעלט אומבאַהאָלפענע מינעס און האָבן געבעטן מיט אַזאַ ווייכער, צאַרטער שטימע, ווי זיי וואָלטן אַלע פאַרליבט געווען אין גראָסמאַנען. ביי די יינגערע

איז עס אויסגעקומען נאָך צו דערלייגן, ביי די עלטערע אָבער האָט דאָס געמאַכט אַן אָפּשויליכן איינדרוק.

— דערציילט, נו, דערציילט... דערציילט שוין... זאָל דער פּאַן זיין גינסטיג (אויף פּויליש), טוט אַ טובה, זייט אַזוי ליבליך (אויף רוסיש)... האָט מען אים געבעטן פון אַלע זייטן.

דער ווירט פון דער קוואַרטיר, הער בערנשטיין, האָט זיך אָנגערופן פּראָסט, רוסיש ריידנדיג:

— איר מוזט דערציילן, וואָס איז דאָס אַזעלכס? איר לאָזט אונז אין דער מיטן?

— נו, איך וועל דערציילן — האָט זיך גראָסמאַן געלאָזט איבערבעטן:

עס איז געזעסן אַ קאָמפּאַניע און געשפּילט אין קאָרטן ביי פּייערמאַנען אין שטוב, און בערטאַ האָט געוואָרפן אויגן אויף פעלדמאַנען. איר קענט אים נישט. ער וואוינט אין איין הויף מיט די פּייערמאַנס. אַ גאַנצער סאָציאַליסט, אויף מיין ערליך וואָרט, אַ סאָציאַליסט. איר זאָלט אים הערן ריידן! בערטאַ, מוזט איר ווידער וויסן, האָט די לעצטע צייט שטאַרק ליב באַקומען דעם סאָציאַליזם. פון קונסט רעדט זי מער קיין וואָרט נישט, זינט שעמענסקי האָט זי אַוועקגעוואָרפן. וואָס מיר קונסט, ווער מיר קונסט, אַז דער עיקר איז דער קלאַסן־קאַמף א. ז. וו.... און אַ נאַכט איז דעמאָלט געווען אַ שרעקליכע. די „סאַמאָ־אָבאָראָנאַ“ איז געשטאַנען אין טויער. אַלע האָבן געוואַכט און זיך צוזאַמענגעקליבן גרופּנווייז אין די הייזער. ביי די פּייערמאַנס איז געווען דער מיטלפּונקט, דאָרט איז פאַראַן אַ טעלעפאָן... מען האָט זיך צוגעהאָרכט צו יעדן גערויש אויף דער גאַס. טראַך־טראַך... פון דערווייטן שיסט מען... בערטאַ דרייט זיך אַהין און אַהער, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען און מוטשעט דעם מאַן, ער זאָל אויפהערן צו שפּילן. ער, ווייסט איר דאָך, ענטפערט ווייך:

— דו ביסט מיר, בערטאַ, גיי שלאָפן... און האָט איר אַפילו אַ קוש געגעבן אין שטערן.

— האָט בערטאַ געקאָנט גיין שלאָפן? אַז אַ גאַנצן טאָג גייט זי אויס פאַר ליידיג גיין, און דאָ זיצט אַ סאָציאַליסט, און דערצו אַ שיינער יונג, אַ ברונעט, מיט שוואַרצע ברענענדיגע אויגן —

איר זאָלט אים זעהן! און אין דרויסן איז אַ שרעקליכע נאַכט, אַ שטימונג... מיט איין וואָרט: בערטאַ האָט געכאַפּט די קאָרטן און צעריסן און נאָך אָנגעפאַלן אויפן מאַן מיט זידלערייען, אַז ער איז אַ בורזשואַ, ערלויבט זיך צו שפּילן אין קאָרטן, ווען אויף די גאַסן „קאָכט די מלחמה". נו, נו, איז געווען אַ סקאַנדאַל, אַ סקאַנדאַל! פּייערמאַן איז געוואָרן רויט ווי אַ פייער, ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און האָט איר פאָרגעלעזן אַ צעטל עברות פון די גאַנצע פופצען יאָר:

— איך ווייס, וואָס דיר פעלט — האָט ער געשריען, אַ געליבטער פעלט דיר! שעמענסקי האָט דיך אַוועקגעוואָרפן, קיינער וויל אויף דיר נישט קוקן, נידערטרעכטיגע דו! טאָ זיץ דיר רוהיג, בייס דיר די פינגער, אויב דו ווילסט, קריך אויף די ווענט...

איז געווען אַ סצענע!

אַ מערכה, פאַרשטייט איר מיך, וואָס פעלדמאַן האָט זיך אַריינגעמישט, ווען נישט, וואָלט זיכער געקומען צו אַ גט. איך זאָג אייך זיכער, מיין ערן וואָרט גיב איך אייך...

די געזעלשאַפט איז געווען אויסער זיך פאַר אַנטציקונג. און גראָסמאַן האָט שוין גענומען דערציילן עפּעס זעהר פּיקאַנטעס און ציניש וועגן דער ליבע צווישן מאַדאַם פּייערמאַן און פעלדמאַן, די ליבע, וואָס האָט באַרוהיגט אים און זי און האָט צוריקגעבראַכט שלום צווישן דעם צעקריגטן פּאָר־פאָלק, נאָר אַן אומגעריכטער צופאַל האָט געשטערט:

עס האָט געקלונגען אין פאָר־הויז, און אין אַ קורצער ווייל אַרום זיינען אַריינגעקומען אין שטוב — די פּייערמאַנס, ער אַ הויך־געוואַקסענער, געזונטער מאַן פון אַ יאָר פערציג, מיט קליינע, כיטרע אויגן, שווערע געזונטע טריט און אַ פּנים, וואָס האָט זיך גערוכט צו זאָגן: „איך קאָן אַלע אויסנאַרן, און מיך קיינער נישט". זי, אַ שאַטינקע פון אַ יאָר פינף און דרייסיג, מיט שיין־געשניצטע ברעמען און מיט צייכן פון אַמאָליגער שיינקייט; דאָס פּנים האָט אויסגעדריקט פוילקייט, גירינגקייט. געפּודערט איז זי דאָס מאָל געווען שוואַך, קוים צו דערקענען, און אַ מאַטע, אָפּגעוועלקטע בלייכקייט האָט טאַקע געשפּילט אויף אירע באַקן. אין אירע אויגן האָט געבלישטשעט אַ בייז פייערל, און איר גאַנץ באַנעמען האָט

זיך געדוכט צו זאָגן, פאַרקערט ווי איר מאַנס: „מיך האָט מען שטענדיג אויסגענאַרט און מיך וועט מען ווייטער אויסנאַרן, און איך וועל מיך לאָזן אויסנאַרן, ווייל די זינד איז זיס...“

ביי זייער אַריינקומען האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט געפונען צערודערט. טייל האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די ערטער, טייל זיינען בלייך, אַנדערע רויט געוואָרן. נאָך נאָכדעם, ווי בערטאַ האָט זיך מיט אַלע געקושט, און איר מאַן האָט זיך מיט אַלע באַגריסט, האָבן זיך אַלע באַלד געפילט גוט און מען האָט אָנגעהויבן צו פּלוידערן און רכילות צו ריידן אויף וואָס די וועלט שטייט.

דעם אָוונט איז אָבער נישט באַשערט געווען אָפּצוגיין גלאַטיג, און אַ קליינעם סקאַנדאַל האָט אָנגעמאַכט דאָס פרייליין רוזשאַ, וואָס איז פאַריאָגט געוואָרן אין זאַל אַריין, ווען וועמען די געזעל־שאַפט האָט ווי פאַרגעסן.

דאָס באַליידיגטע פרייליין איז די גאַנצע צייט געזעסן אין דער צווייטער שטוב. אין אָנהויב, אינגאַנצן צעמישט און נישט וויסנדיג, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט זי אָנגעצונדן אַ ליכט פאַר דעם פאָרטעפּיאַן און איז מיד אַנידערגעפאַלן אויף דעם בענקל. דער־נאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן און ווידער זיך אַנידערגעזעצט און אַלץ נישט געקאָנט קומען צו זיך, אַם ענדע האָט זי זיך פאַר־כליפּעט אין אַ געוויין, און אַלץ מער און מער דערקענענדיג זיך פאַר באַליידיגט, האָט זי פאַר כעס אויסגעלאָשן דאָס ליכט און ערשט אויף רעכט נאָך אַמאָל זיך צעוויינט, דערנאָך ווידער אָנ־געצונדן דאָס ליכט און נאָך אַמאָל געוויינט שטיל, געלאַסן. צום סוף איז דאָס אַלץ איר מאוס געוואָרן און זי האָט זיך געשטעלט הינטער דער פאַרמאַכטער טיר און געהאָרכט. דאָס, וואָס גראָסמאַן האָט דערציילט, האָט זי אַזוי אינטריגירט, אַז זי האָט פאַרגעסן איר באַליידיגונג און אירע טרערן, און צודריקנדיג איר אויער צו דער טיר, האָט זי געהאָרכט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און נאָר זיך געשראָקן, טאָמער וועט זי פאַרהערן איין איינציג וואָרט.

נאָר אָט האָט גראָסמאַן געענדיגט. עס גייט דורך צען מינוט, נאָך צען מינוט, קיינער רופט זי נישט, דער גאַנצער פריהערינער האַס צו גראָסמאַנען רופט זיך ווידער אָן אין איר יונג האַרץ, זי וויינט...

אַב ענדע האָט זי זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, געעפנט די טיר און איז אַריין אין צימער. אַלערערשטנס האָבן זי באַגעגנט גראָסמאַנס אויגן. די גאַנצע באַליידיגונג, דער גאַנצער האַס און די נאָך־אַלץ־איינגעהאַלטענע טרערן האָבן זיך ווי צעגאָסן אין איר גאַנצן קערפּער, און פילנדיג, אַז אָט, אָט וועט זי זיך פאַר־כליפּן אין אַ געוויין, האָט זי געאײַלט אויסצוגיסן איר כּעס אויף גראָסמאַנען:

— איר זייט אַ פאַלשער — האָט זי געזאָגט — ערשט האָט ער דערציילט אַזעלכע מאוסע זאַכן וועגן מאַראַם בערטאַ, און איצט רעדט ער גוט. אַ פאַלשער, אַ מאוסער... מאַראַם בערטאַ! שפּייט אים אין פּנים אַריין! ער איז אַ שלעכטער, בייזער...

מער האָט זי נישט געקאָנט ריידן, פאַרכליפּנדיג זיך אין אַ געוויין.

די געסט האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן. די פרויען האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געמאַכט זויערע מינעס; די מאַנס־לייט האָבן אויסגעגלאָצט די אויגן און געקנייטשט די שטערנס, מאַראַם בערטאַ און איר מאַן האָבן זיך ביידע אויפגעשטעלט און זיך צוריק אַנידערגעזעצט. ס'איז געוואָרן שטיל, אומערטרעגליך שווער. און רוזשאַ איז שוין געוועז אין קיך און דאָרט זיך אַנידער־געוואָרפן אויפן בעט און ערשט אויף רעכט זיך צעוויינט.

עס איז אַרויס אַ סקאַנדאַל, וועגן וואָס גראָסמאַן האָט געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן אין פאַרשיידענע הייזער.

די גאָלדענע פּאַנטאָפֿעליע

— איר זאָגט, אַז עס זיינען פאַראַן מענשן אָהן פאַנטאַזיע, וואָס לעבן אָהן האָפענונגען, אָהן אילוזיעס? לויט מיין מיינונג, איז דאָס אַ טעות. איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלן אַ מענשליך לעבן אָהן האָפענונג, ווי למשל, אָהן לופט.

דער יונגער, ערשט־געענדיגטער דאָקטאָר, האָט געגלעט זיין שוואַרץ בערדל און האָט ווייטער געזאָגט:

— אויב איר ווילט, וועל איך אייך דערציילן אַ געשיכטע פון אַ מענשן, וואָס געפינט זיך איצט ביי אונז אין שפיטאָל פאַר משוגעים. דאָס איז געווען אַמאָל, פאַר פינף יאָר צוריק, מיינער אַ באַקאַנטער. איך בין דעמאָלט אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון אוני־ווערסיטעט און האָב געלעבט צווישן זעהר אַן אינטערעסאַנטן קרייז יונגעלייט: פאַרוואָגלטע, פאַרשטויסענע, פאַרבלאָנדזשעטע אויף דער וועלט. מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, געלעבט ווי חברים. אונז האָט צוגעבונדן איינעם צום אַנדערן די אָפּגעריסנקייט פון לעבן, כאָטש לויט די כאַראַקטערן און איבערצייגונגען זיינען מיר נישט געווען גלייך.

נישט פיל זיינען געבליבן פון אונז, עטליכע האָבן זיך דאָס לעבן גענומען, איינער געפינט זיך אין סיביר, איינער איז געשטאָרבן אין טורמע, טייל האָבן זיך גענומען צו אַ קאַריערע אַ. ז. וו.... נאָר אַנטשולדיגט: איך האָב אייך געוואָלט דערציילן וועגן אַ מענשן אָהן אילוזיעס, וואָס געפינט זיך איצט אין שפיטאָל פאַר משוגעים. אים האָב איך גוט געקענט, און דוכט זיך, איך האָב אים גוט פאַר־שטאַנען, כאָטש אַ לאַנגע צייט איז ער פאַר מיר געווען אַ לעבעדיג רעטעניש. און נישט נאָר פאַר מיר אַליין. ווער עס האָט אים געקענט — גורשטיין האָט ער געהייסן — האָט זיך נישט געקאָנט גענוג וואונדערן אויף זיין רוהיגקייט און גלייכגילטיגקייט. קיין זאַך, דוכט זיך, האָט נישט געקאָנט רירן דאָס האַרץ פון דעם ראָזיגן

מענשן, נישט ענדערן אויף אַ האָר דעם אויסדרוק פון זיין גלייכ־גילטיג־צופרידן פּנים, נישט אויסלעשן דעם שמייכל אין זיינע פאַר־לאָשענע אויגן. וואָס עס האָט נישט געוואָלט פּאַסירן, צי אויף דער ברייטער וועלט, צי אין דעם איינגען קרייז פון זיינע באַקאַנטע, האָט אים נישט געחדושט. אַלץ אויף דער וועלט האָט זיין באַשייד, נישטאָ קיין זאַך אָהן אורזאַך, אַלץ איינס, צי מיר ווייסן די אורזאַך, צי מיר ווייסן זי נישט: וואָס־זשע איז דאָ זיך צו וואונדערן? — אַזאַ מין פילאָזאָפיע האָט צוגעפּאַסט צו זיין נאַכלעסיגקייט און פוילקייט, זי איז געלעגן איינגעבאַקן אין זיין קאָפּ, און ער האָט זי אויך הויך געפּרעדיגט פאַר אַנדערע.

פויל איז ער געווען ביז נאַר, נישט נאָר צו אַרבעטן, עפּעס צו טון, אַפילו צו טראַכטן און קאָמבינירן מיט זיין אייגענעם מח האָט ער פיינט געהאַט. סיי ווי סיי וועסטו דערגייין נישט מער, אַז יעדע זאַך האָט זיין באַשייד, און דאָס ווייס איך שוין לאַנג, אַזוי פלעגט ער ריידן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און האָט זיך געפילט דערביי זעהר צופרידן און זעהר קלוג, קליגער פאַר אונז אַלע, יונגע, היציגע קעפּ מיט אונזער שטענדיגער אומצופרידנקייט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַליין פאַרדינט אויף חיונה האָט ער נישט. מיר אַלע האָבן זיך פאַרנומען, ווער מיט וואָס עס האָט נעקאָנט, איינער האָט גע־געבן לעקציעס, דער צווייטער איז געווען אַן איבערשרייבער ביי אַן אַדוואָקאַט, אַ דריטער איז געווען אַ שטיקל בוכהאַלטער אין אַ געשעפט, אַ פערטער האָט געלערנט אין אַ קונסט־שול און האָט באַקומען שטיצע, א. א. וו. אַלע האָבן זיך דערביי געקאָכט, געשפּאַרט, געליטן פון אינעווייניגסטער אומצופרידנקייט, געליבט און געהאַסט, דאָ אומעטיג, דאָ לוסטיג געווען, און ער איינער האָט גאָר־נישט געטאָן, כּלומרשט געזוכט עפּעס אַ באַשעפטיגונג און גע־לעבט פון קליינע הלוואות ביי זיינע באַקאַנטע. דערביי אָבער איז ער געווען רוהיג און צופרידן, אָהן ספקות, אָהן טענות און אָהן זאָרג, ווי זעלטן אַ גליקליכער אויף דער וועלט.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז מיר האָבן אים ליב געהאַט. ער איז געווען איינער פון אונז, פאַרוואָגלט און אָפּגעשטויסן פון דער אַרומיגער וועלט, און אָרים דערצו, און האָט זעהר אָפט געהונגערט, ווי זשע זאָל מען זיך נישט אינטערעסירן מיט אים, נישט לייען קיין

געלט, נישט פאַרהאַלטן זיך צו אים ווי צו אַ חבר? און דאָך איז ער אונז געבליבן פרעמד. אים, דוכט זיך, האָט נאָך קיין מענש נישט פעסט געדריקט די האַנט, נישט אַרויפגעלעגט קיין האַנט אויף זיינע אַקסלען. עפּעס ענליכס האָט זיך אויך קיינער נישט געקאָנט פאָרשטעלן. עס האָט אים, מיין איך, אויך ווייניג געאַרט. ער האָט דאָס נישט באַמערקט, און אויב יאָ, וואָלט ער גלאַט פויל געווען דערפון צו טראַכטן, און ער וואָלט אויסגעקומען מיט זיין פילאָזאָפיע, טראַכטנדיג: „געוויס זיינען פאַראַן אורזאַכן, וואָס מאַכן מיך פרעמד. צי ליגן זיי אין מיין געבורט, צי אין מיין ערציהונג, צי אין מיין באַזונדערער גייסטינער אַנטוויקלונג — דאָס איז אַלץ איינס"... מיר האָבן אים אָבער טיילמאָל אויך פיינט געהאַט. זיין גלייכגילטינקייט, זיין מאַניר אַלץ גלייך צו פאַרשטיין און אָפּצושאַצן איז פיל מאָל דערגאַנגען ביז ציניזם און גראָבקייט. דעמאָלט האָט מען אים אויך צוגעוואָרפן אַ שטעכנדיג וואָרט. אָט זיינען אַלע איבעראַשט געווען מיט קאַלטבערגס אַ טאַט. וואָס פאַר אַן אינ־טערעסאַנטער מענש דאָס איז געווען! איך וויים נישט, אויב איך וועל טרעפן נאָך אַזאַ איינעם אין מיין לעבן. דאָס איז געווען אַ מענש מיט אַן אומגעוויינליך גוט האַרץ, וואָס האָט טיף געליטן מיט יעדן ליידנדיגן, צי אַ נאָהענטן, צי אַ וויטן. דאָס מיטגעפיל צו מענשן האָט אים געבראַכט דערצו, אַז ער האָט יעדערן פאַר־שטאַנען ביז צו די פאַרבאָרגענע ווינקעלאַך פון זיין נשמה, און איז שטענדיג גרייט געווען צו העלפן מיט וואָס נאָר ער האָט גע־קאָנט. אָט דער קאַלטבערג האָט זיך באַקענט מיט אַן אומגליקליך, פאַרשטענדיג מיידל: אַ הויקער. איר אומגליק האָט אים טיף גערירט, ער האָט נישט אויפגעהערט צו פילן מיט דעם קלעמענדיגן האַרץ פון דעם באַשעפעניש... און ער האָט ערקלערט, אַז ער איז גרייט מיט איר חתונה צו האָבן. דער פאַקט האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק אויף אַלע, וואָס האָבן אים געקענט: מען האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם מיט באַוואונדערונג, מיט באַגייסטערונג פאַר אַזאַ העלדישער טאַט... און שטעלט אייך פאָר, אַז אונזער גורשטיין האָט די מעשה אויסגעהערט גלייכגיל־טיג, און מיט זיין געוויינליכער באַוועגונג מיט דער האַנט האָט ער אונז אויפגעקלערט: „וואָס איז דאָ דער חידוש?" — האָט ער

געזאָגט: „ער איז אַזאַ מענש. פאַר אים עקסיסטירן אויף דער וועלט נישט מער ווי ליידן. דאָס איז די מאָס, מיט וואָס ער מעסט מענשן. אַ מענש וואָס ליידט מער פאַר אַנדערע, איז סימפּאַטישער פאַר אים ווי אַנדערע. פאַרקערט: ווער עס ליידט נישט, עקסיסטירט נישט פאַר אים, איז אַ פּראָסטע נול. איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גענוי, איך קען אים שוין לאַנג פאַר אַזאַ מענשן...“

דאָ האָט זיך איינער פון דער קאָמפּאַניע נישט מער איינגעהאַלטן און געזאָגט מיט כּעס:

— איר זענט אַ מענש אָהן אַ האַרץ. אָט וואָס! אַלץ פאַרשטייט ער!...

גורשטיין האָט זיך ניט גערעכט אויף אַזאַ אָפּשניט און האָט געצויגן די אַקסלען. נאָר די צופעליגע ווערטער האָבן געהאַט אַ פּעולה. דער דאָזיגער אויפגערעגטער חבר האָט אַרויסגעזאָגט, וואָס מיר אַלע האָבן געוואָלט זאָגן, וואָס איז אונז געלעגן אויף דער שפּיץ צונג. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר אים פאַר דער מינדסטער זאַך פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז אַ מענש אָהן אַ האַרץ.

— וואָס איז דאָס אַ מענש אָהן אַ האַרץ? — האָט ער מיט מיר אַמאָל גערעדט גאַנץ פאַרטרויליך, ווען מיר זיינען געווען אַליין, און מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי נישט וועגן אים רעדט זיך דאָס, נאָר וועגן אַ פרעמדן אָהן אַ האַרץ — וואָס איז דאָס? אַ נאַרישער הוילער באַגריף אָהן אינהאַלט, לויט מיין מיינונג. צי דען קאָן איך נישט פילן וואָס אַנדערע?

און אַז איך האָב געפּרובט אים איבערצושפּאַרן, אַז אַ מענש אָהן אַ האַרץ איז אַ באַגריף, וואָס האָט יאָ אַן אינהאַלט, איז ער גרייט געווען מודה צו זיין:

— איבעריגנס — האָט ער געזאָגט — אפשר נישט? אפשר האָב איך אַזאַ גייסטיגע און קערפּערליכע קאָנסטרוקציע, אַז איך פיל נישט אַזוי ווי אַנדערע, וואָס איז דער מער? זיין מענש איז אַזוי באַשאַפן, דער צווייטער אַנדערש...

און אָט איז אַ צווייטער פאַקט, וואָס ווייזט, ווי ווייט דער מענש איז געווען אָהן פאַנטאַזיע, אָהן אילוזיעס, ווי איר זאָגט; אַ פאַקט, וואָס האָט דעמאָלט געוואָרפן טויט־שרעק אויף זיינע אַלעמען: איינער פון אונזערע באַקאַנטע, נאָך גאָר אַ יונגער בחור פון אַ יאָר

נײנצען, דער אײנענער, װאָס האָט געלערנט אין אַ קונסטשול און באַקומען שטיצע — אַ סקולפּטאָר איז ער געװען — האָט זיך אױפֿגעהאַנגען בײַ זיך אין צימער. אים האָט מען געפֿונען ערשט אױפֿן דריטן טאָג, װען זײַן פּנים איז געװען שװאַרץ און פֿאַרדאַרבן, נישט מער צו דערקענען. אױפֿן טיש האָט ער געלאָזט אַ קורץ צעטל, װאו עס איז געשטאַנען: „איך האָב מיך איבערצײַגט, אַז איך קאָן נישט שאַפֿן קײן האַרמאָנישע זאַך; אָהן האַרמאָניע איז קײן קונסט נישטאָ, און אָהן קונסט איז מיר גאָרנישט געבליבן אין לעבן. איך האָב געלעבט נישט שײן און שטאַרב נישט שײן, װאָס קאָן איך טון? אױף קײן רעװאָלװער האָב איך נישט געהאַט קײן געלט, און װאָלט אױך געװיס נישט געהאַט, װען איך װאָלט לענגער לעבן. מײַנע חברים, און באַזונדער קאַלטבערגן זאָג איך מײַן לעצטן אַדיע". דער צופֿאַל האָט אױף אונז געמאַכט אַ שרעקליכן אײַנדרוק. מיר האָבן באַרױערט דעם יונגען בלאַסן חבר, װאָס איז אַזױ שרעקליך געשטאָרבן; מיר האָבן אים דערמאָנט מיט טרערן אין די אױגן. נאָר חוץ דעם איז אָנגעפֿאַלן אַ שרעק אױף אַלע. מען האָט זיך געפֿילט, װי די קראַנקע אין שפּיטאָל, װען עס שטאַרבט פֿון זײ אײנער. צי װעלן אים אַנדערע נישט נאָכטון און גײן דעם זעלבן װעג? און װער פֿון אונז? — דאָס אומגליק האָט יעדן געדריקט אױפֿן האַרצן װי אַ שװערער שטײן. פֿון קײן אַנדער זאַך האָט מען נישט געקאָנט רײדן, און פֿון דעם אײנציגן, װאָס איז שטענדיג געלעגן אין קאָפּ, איז געװען אַ האַרצרײסעניש און אַ מאַטערניש צו רײדן. און אָט האָט זיך גורשטײן אַרױסגעװיזן מיט זײַן גאַנצער קאַלטבלוטיגקײט.

— מיך װאונדערט דאָס לגמרי גאָרנישט, אַז אַ מענטש קניפּט אָן זײַן גאַנץ לעבן צו אײן אײנציגער זאַך, אַז אַלע זײַנע געדאַנקען און געפֿילן דרײען זיך אַרום אײן פּונקט, און פּלוצלינג פֿאַרשװינדט די אײנציגע זאַך, דער אײנציגער פּונקט, איז גאָר קײן חידוש נישט, אַז ער האָט זיך דאָס לעבן גענומען. עס קאָן אָבער זײַן, ער װאָלט נאָך אפֿשר מיט דער צײַט באַשאַפֿן עפּעס בעסערס װי איצט. אָט װאו דער טעות שטעקט...

מיר האָבן אים פֿײַנט געקריגן פֿאַר די רײד און מיר האָבן אױסגעגאָסן אונזער גאַנץ ביטער האַרץ אױף אים: „אַ מענטש אָהן

האַרץ!" „אַן אַכזר!" — האָט זיך געשאָטן אויף אים פון אַלע זייטן. און איינער פון אונז האָט אים גענומען פּראָסט זידלען:

— ווי איז אייך קיין חרפּה נישט אַזוי צו ריידן! דאָס איז אומ־מענטשליך! אַ נידערטרעכטיגקייט! אַזעלכע מענטשן ווי איר דאַרפן נישט לעבן. אַדרבה, זאָגט, זאָגט שוין: צו וואָס לעבט איר? צו וואָס?

גורשטיין האָט נאַריש געשמייכלט, אין די אויגן זיינע האָט אויפ־געבלישטשעט עפּעס אַ פייערל און ער האָט געענטפערט שטיל, ציהענדיג מיט די אַקסלען:

— נישט מיין זאָרג... איך לעב.

אָט וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז געווען, קאָנט איר זיך פאָר־שטעלן אַ קאַלטערן, ניכטערן מענטשן פאַר אים? ער איז טיילמאָל געווען שיין אין זיין קאַלטבלוטיגקייט, אינטערעסאַנט און טיפּיש. יאָ, מיר האָבן צייטנווייז געפילט אַ מין רעספּעקט פאַר אים, פאַר זיין קלאָרן ניכטערן פאַרשטאַנד, וואָס קיין זאַך קאָן אים נישט פאַרבלענדן. אָט איז אַ מענטש, וואָס ווייסט קיינמאָל נישט דעם ביטערן טעם פון יאוש, ווייל ער נאַרט זיך נישט, האָט קיין „אילו־זיעס" נישט! נישט וואָר?

און דאָך, צי וועט איר מיר גלויבן? איז דער מענטש געווען אַ פאַנטאַזיאָר, וואָס האָט געלעבט אין אַ וועלט פון שפּינוועבס, און וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט אים אַראָפּגעפירט פון זין! אומגלויביג, וועט איר זאָגן, נאָר איר קאָנט אים זעהן אין משוגעים־הויז, און מיין חבר, דער הויפּט־דאָקטאָר, אין אונזער אָפּטיילונג, אַ געניטער פּסיכיאַטאָר, וועט אייך באַשטעטיגן מיינע ווערטער. דער מענטש האָט געגנערט זיין גייסט מיט אַ פאַנטאַזיע, מיט אַ גאָלדענער פאַנ־טאַזיע. אונטער דער אויסערליכער רוה און צופרידנקייט האָט זיך באַהאַלטן אַ טיף באַגערן נאָך גליק, אַ פאַרלאַנג אַרויסצוקריכן פון דעם זומפּיגן, אָרימען, עקלדיגן לעבן, צו געניסן פון דער וועלט, ער האָט געהאָפט און געוואַרט שטיל, אַ מינוט נישט פאַרגעסנדיג, אַז דאָס לעבן, וואָס ער פירט איצט, איז נישט דאָס עכטע, אַז דאָס ריכטיגע לעבן וועט זיך פאַר אים ערשט אָנהויבן. דערין האָט ער געגלויבט, פעסט געגלויבט. ער האָט געהאָפט אויף דעם טאָג, ווען ער וועט זיין רייך. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן, ווי די

פֿאַנטאַזיע האָט זיך בײַ אים אַנטוויקלט. אין אָנהויב איז דאָס געווען נישט קיין קלאָרע האָפֿענונג, זי איז אָבער געוואַקסן צוזאַמען מיט דער נויט און איז אײַנגעוואָרצלט געוואָרן טיף אין זײַן נשמה. מיט דער צײַט האָט די האָפֿענונג אָנגענומען אַ באַשטימטע פֿאָרם: ער וועט געווינען אויף דער לאָטעריע. ער פֿלעגט שעהן־ווײַז אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן, אַ פֿאַרחלומטער און אַ פֿאַרטראַכטער, און רעמאָלט האָבן זיך געטראָגן פֿאַר זײַנע אויגן בילדער, איינס שענער פֿאַר דעם אַנדערן. ער אַליין איז גאָר אויסגעוואַקסן אין זײַנע אויגן. ער איז רײַך, געבילדעט, און אַ פֿײַנער מענש, אַ דזשענטעלמען. וואָס פֿאַר אַ שלעכטע, פֿאַלשע מיינונג האָבן וועגן אים געהאַט זײַנע חברים! דאָס זעהען זיי איצט, ווען אַלע גוטע זײַטן פֿון זײַן כאַראַקטער באַקומען אַ רעאַלן אויסדרוק... דערנאָך פּרויענצימער, ליבע; רײַזן אין דער ווײַטער וועלט, אונטער דעם הייסן הימל פֿון שפּאַניע, אויף די הויכע שנייבערג אין דער שווייץ... דאָס אַלץ שטעלט זיך פֿאָר לעבעדיג, מיט אַלע קלייניגקייטן. דאָס איז אַ מין שכּרות, וואָס מער מען טרינקט, מער ווילט זיך. אים איז אַ שאָד איבערצוהאַקן דעם גאָלדענעם פֿאָדים פֿון זײַנע געדאַנקען, און ער טראַכט און חלומט.

מיר האָבן אים אָפֿט אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס, ווען ער איז געווען שטאַרק פֿאַרטראַכט. קיינער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס אינטערעסירט אים אַזוי טיף, אַז ער זוכט אַפֿילו אויסרייִדן וואָס גיכער פּטור צו ווערן פֿון אונז. מיט דער צײַט זײַנען מיר אָבער געוואָר געוואָרן דעם סוד, דאָס איז געווען לעכערליך, אָבער אויך טרויעריג. קאַלטבערג מיט זײַן טיפֿן געפֿיל צו מענשן האָט דאָס דער ערשטער באַמערקט, און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער זיך מיט אים מער אינטערעסירט, מער אים מיטגעפֿילט און אָפֿטער געליען אים געלט.

גורשטיין האָט געוואָלט צום סוף פּרובן זײַן מזל און שפּילן אויף דער לאָטעריע און איז געקומען צו אים באָרגן עטליכע רובל. קאַלטבערג האָט אים געפֿרעגט, צו וואָס ער באַדאַרף דאָס געלט. גורשטיין האָט אין אָנהויב געפּרובט צו באַהאַלטן, נאָר צום סוף האָט ער אויסגעזאָגט, אַז ער וויל שפּילן אויף דער לאָטעריע. אַן אַנדערער וואָלט אים געענטפֿערט מיט אַ חוזק, נאָר קאַלטבערג,

פילנריג, אַז דאָ איז נישט אַזוי גלאַט, האָט אים מיט ווייכע רייד ערקלערט, אַז דאָס איז אַן אומזין, ער וועט נישט געווינען און דאָ הונגערן אַרום מענשן און יערער נויטיגט זיך אין אַ רובל אויף היכטינערע זאַכן.

אַזוי האָט זיך אונזער פאַנטאַזיאָר אָנגעשלאָגן אין דער ווירקליכ־קייט, ווען ער האָט געפּרובט מאַכן דעם ערשטן טריט צו דערגרייכן זיין האָפענונג. ער האָט זיך געשעמט פאַר קאַלטבערגן, און נאָך מער פאַר אונז, וואָס מיר זיינען געוואָר געוואָרן די געשיכטע פון קאַלטבערגן, וואָס פלעגט קיין זאַך נישט באַהאַלטן. נאָר דאָס האָט אים נישט געשטערט ווייטער צו פאַנטאַזירן וועגן דער גליק־ליכער צייט. די פאַנטאַזיע האָט מיט דער צייט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין זיין לעבן. מיט איר איז ער אויפגעשטאַנען, מיט איר האָט ער זיך געלעגט, מיט איר האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסן. און דאָס האָט געדויערט לאַנג... יאָרן.

מעגליך איז, אַז ער האָט אַליין באַמערקט, אַז זיין קאָפּ איז פאַרנומען אומנאַרמאַל, אַז ער לעבט אין אַ חלום, נאָר ער איז שוין נישט געווען אימשטאַנד זיך אָפּצוואָגן פון אים. דאָס טראַכטן איז געווען אַזוי אַנגענעם, ער האָט זיך דערביי געפילט אַזוי גליק־ליך, אַזוי פריי! צו וואָס שטערן?

אונזער קאָמפּאַניע איז דערווייל צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן אויף דער וועלט, יערער האָט זיך געהאָלפן ווי ער האָט געקאָנט. אַנדערע האָבן געפונען אַרבעט, טייל זיינען זיך צעפאָרן, נאָך איינער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. דער בוכהאַלטער האָט געמאַכט אַ קאַריערע... און גורשטיין איז געבליבן אומפאַרענדערט, אַרומ־געשלעפּט זיך איינער אַליין מיט זיין גאָלדענער פאַנטאַזיע, און דער־ווייל געהונגערט און געזונקען אין דער נויט. און אָט איז ער אין איין טאָג געקומען צום גליקליכן ברעג. די האָפענונג איז געוואָרן אַ ווירקליכקייט: ער האָט גענומען ציילן און איבערציילן באַנק־נאָטן. דאָס זיינען געווען שטיקלאַך פּאַפּיר, וואָס ער האָט צו־זאַמענגעקליבן אויף דער גאַס.

— איצט קאָנט איר אים זעהן אין שפּיטאָל — האָט דער דאָק־טאָר געענדיגט.

כּל נדרי אין וואַריעטע

די שטאָט צ. אין שווייץ, וואָס ליגט אין טאָל, איינגעגראָבן צווישן צוויי בערג, איז געווען איינגעהילט אין אַ פּייכטן נעפּל. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך די שפּיץ בערג געראַנגלט מיט די נעפּלען, ערגעץ ווי פארטשערעפּעטע, אָפּגעריסענע, צעקראָכענע שטיקער וואָלקנס האָבן זיך געשלעפּט; פאַרנאַכט האָט זיך דער נעפּל אַראָפּגעלאָזט אונטן, אין טאָל אַריין, און האָט איינגעהילט די שיינע שטאָט, מיט אירע שפּיציגע טורעמס אין אַ בלאָליך־מאַטאָווען קאָליר.

עס האָט צוגעבלאָזן אַ קאַלטער, אין דער נשמה אַריינקריכנדיגער ווינט. אַ טריבער און אומגעמיטליכער, וואָס דערמאָנט, אַז דער ווינטער איז נישט וויט.

די באַרימטע צ—ער זעע, וואָס איז זיך געלעגן אַ גאַנצן זומער רוהיג אין זיינע ברעגעס און זיך געשפּיגלט צופרידן קעגן די שטראָמען ליכט, האָט אויסגעזעהן פאַרקילט צו זיין. זי האָט געציטערט, אומרוהיג זיינען געלאָפן קליינע כוואַליעס, עפּעס איז זי אינגאַנצן געוואָרן ווי איינגעשרומפּן און דערשראָקן פון דער קאַלטקייט. אַ גאַנצן טאָג האָט די זון געבלאָנדזשעט אונטער רינע וואָלקנס אַהן גלאַנץ, אָהן לוסט, אַזוי ווי אַ מין אָבל. איצט איז זי שוין אַרונטער אונטערן באַרג, און נאָר אַ רויטליכער אָפּגלאַנץ האָט זיך נאָך געזעהן דאָ און דאָרט.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן.

אין די גאַסן, אין די שויפענסטער און אין די טראַמוויי־וועגן האָט מען אָנגעצונדן פייער. אַ גאַנצע מענגע צעפלאָסענע, שוואַכע שטראַלן האָבן דורכגעריסן דעם נעפּל און צעלאָפן זיך אין אַלע זייטן.

עפּעס אַן אומעט האָט געשוועבט אין דער בין־השמשותדיגער לופט. עס האָט זיך געדוכט, אַז וועמעס אַ זיפץ האָט זיך געלאָזט הערן אויף דער גרענעץ צווישן טאָג און נאַכט.

ניין! די צ—ער בירגער, וואָס האָבן שפּאַצירט אין די אַלייען

בײַ דער זעע, האָבן קײן שום זיפּצן נישט געהערט. דאָס דאָזיגע בערג־פאָלק, געװײנט צו פיל אַרבעטן און צו װײניק טראַכטן, האָט נישט קײן אױערן פאַר נישט געזיפצטע זיפצן. דוכט זיך, אַז די דאָזיגע קלײנע, נאָר פעסטע און געזונטע שװײצער האָבן קײן זין נישט פאַר אומעט. װי שײן און פּאָעטיש זײער לאַנד איז, אַזױ אומ־פּאָעטיש און נישט שײן מוז זײער נשמה זײַן.

געהערט האָט אָבער יאָ די זיפצן אין דער טיפעניש פון זײַן האַרץ עפּעס אַ מענש, נישט קײן הײמישער, װאָס האָט אױך שפּאַצירט אין דער אַלײע. אַ מענש אין די פערציגער יאָרן איז דאָס געװען, אַ הױכער און אַ ברײט־פּלײציגער, מיט אַ רונדיג אױסגעפילט פּנים. קוקט אײַך בעסער צו צו אים: אַ ברונעט, שװאַרצע האָר און — אַ יידישע נאָז.

אױפן קאָפּ טראָגט ער אַ צילינדער, פון די פינגער פינקלען אַראָפּ דיקע גאָלדענע פינגערלאַך (אפשר נאָר פאַרגילדערטע), די באָרד מיט די װאָנצעס אָפּגעראַזירט, אַ סימן, אַז ער געהערט צו דעם מין אַקטיאָרן.

ער איז געגאַנגען מיט פולע נאַכלעסיגע טריט, און פױל און נאַכלעסיג האָבן זיך אױך זײַנע געדאַנקען געשלעפּט.

דאָס איז געװען דער קאָמיקער פון דעם צ—ער װאַריעטע, אַן אונגאַרישער ייִד, װאָס קװיקט טאָג טעגליך דאָס האַלב־ייִדישע פּובליקום מיט דײַטשע פערזן און װערטלאַך, צוגעזאַלצן טײלמאָל מיט הײמיש־ייִדישע װערטער.

דער קאָמיקער איז הײנט טרױעריג, מיד, פאַרשלאָפן, דער קאָפּ נעפּלדיג, דאָס האַרץ קלעמט.

די פאָריגע נאַכט האָט ער געשכורט, הײנט האָט ער זיך אױפגעהױבן שפּעט נאָכמיטאָג. אַזאַ שלעכט װעטער! און פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז הײנט אָװנט איז יום־כפּור.

און טרױעריגע, שװערע געדאַנקען טראָגן זיך אין זײַן קאָפּ. אומ־נעבעטענע געסט! נישט ער װיל דאָס טראַכטן, און עס טראַכט זיך פאָרט.

אין פּרעסבורג האָט ער איבערגעלאָזט אַ װײַב און קינדער — שױן לאַנג האָט ער זײ נישט געזעהן. זײ שרײַבן אים בריװ, און ער שיקט זײ צו פון צײַט צו צײַט עפּעס געלט. מער װײס ער נישט

פון זיי... ער האָט אַרויסגענומען דאָס זייגערל פון טאַש: נאָך אַ האַלבע שעה מוז ער גיין אין וואַריעטע.

טפוי! צו אַלדע שוואַרץ יאָר! וואָס האָט זיך אָנגערוקט דער מיאוסער נעפּל!

די נאַכט איז שוין אײַנגאַנצן צוגעפאַלן. דער רויטער אָפּגלאַנץ איז שוין פאַרשוואונדן געוואָרן. דער ווינט בלאָזט, און די ביימער ציטערן שטיל.

ע—ע—ע — כּל נדרי — ברומט ער אונטער און לאַכט אין האַרצן פון דעם נגון, וואָס ער האָט זיך פּלוצלינג עפּעס דערמאָנט.

דער קאָמיק דידאַני (זיין אמתער נאָמען איז מעלאַמעדזאָן) איז זעהר באַליבט ביים פּובליקום. נישט ווייל ער האָט אַזאַ גרויסן קאָמישן טאַלענט, אָדער ווייל ער איז שאַרפזיניג, אָדער איבער זיין שטימע; בסך הכּל איז דאָס אַ מיטלמעסיגער אַרטיסט פון זיין פאַך, און נאָך אַביסל ווייניגער ווי מיטלמעסיג. ער צייכנט זיך נאָר אויס מיט זיין חוצפּהדיג פאַרהאַלטן זיך מיטן פּובליקום. ער רעדט אַראָפּ פון דער בימה, ווי איינער, וואָס וויצלט זיך אין אַ קליינער געזעלשאַפט פון באַקאַנטע. אַלץ פּאַסט, אַלץ איז שיין און גוט; וואָס נאָר אויף דער צונג — אַרויס דערמיט. און דאָס פּובליקום איז צופרידן, נאָר באַזונדער — פון די עכט־יידישע וויצן.

„איך ווערדע איהנען איינע געשיכטע ערצעהלען, וועררען זי זיך גאַנץ בכּשר ובכּבוד אַמוזיערען" — הויבט ער אָן זיינע וויצן. אָדער שבת־צו־נאַכטס, ווענדט ער זיך צום פּובליקום און זאָגט:

„לכּבוד שבת ערצעהלע איך איהנען עטוואָס פיינעס, קוגעלדיגעס..." און דאָס פּובליקום איז אויסער זיך, שפּרינגט פון דער הויט פאַר לאַכן, הערנדיג אַזעלכע באַקאַנטע ווערטער פון דער בינע אַראָפּ.

„אוי־אוי־אוי־אוי — ואסרי" — ברומט ער ווייטער אונטער דער נאָז, און אים פאַלט איין, אַז ס'איז אַ יושר היינט אין אָוונט עפּעס צו דערמאָנען וועגן יום־כּפּור. געוויס וועלן היינט זיין פיל יידן.

דער דאָזיגער געדאַנק, וואָס רירט אָן זיין פּרנסה, מאַכט אים ערנסט, און ער פאַרגעסט די מרה־שחורה.

דערווייל ברומט ער אונטער דעם כּל־נדרי, און דער נאַסער ווינט זינגט אויך מיט שטיל:

„ושבועי וחרמי וק־נסי א־א־א — ·—“

פאַרוואָס האָט ער נישט געבעטן קיין אורלויב פון דירעקטאָר, כּדי צו גיין אין שול אַריין? — און וואָס וועט זיין נאָכן טויט? אפשר איז דאָס אַלץ אמת — דאָס גיהנם — —באמת, ער האָט שוין גאָר איננאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד.

דאנררנא — ע־ע־ע — א

צו די קופּלעטן „אונד דאָס איזט די לעערע טאַשע“ פּאַסט די מעלאָדיע צו אויסגעצייכנט, טראַכט ער, און זוכט שוין צו די באַ־וועגונגען, וואָס ער דאַרף מאַכן, און די מינע, וואָס ער דאַרף אָנשטעלן דערביי, און ער שטעלט זיך פאָר, ווי דאָס גאַנצע טעאַטער וועט הילכן פון בראַוואָ, אַז ער וועט זינגען „אונד דאָס איזט די לעערע טאַשע“ מיט דעם נגון פון כּל־נדרי.

אַ גוטער איינפאַל... לאַכט ער צו זיך אין האַרצן.

און פאָרט — וואָס איז ער עפּעס אומעטיג? וואָס נאָגט עפּעס ביים האַרצן?! — אַ קאָמיקער טאָר נישט זיין טרויעריג, ווי אַזוי וועט ער אַרויסטרעטן פאַר אַ פּובליקום אין אַזאַ צעקראָכענער שטימונג?

„מיזם כּפּורים זה — ע־ע־ע — א!

ווי אַזוי בין איך דאָס געוואָרן אַ קאָמיקער? טראַכט ער — מאָדנע! באַלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך גאָר געלערנט שחיטות; אַז ער האָט אָבער נישט באַקומען קיין שטעלע, איז ער געוואָרן אַ בּרחן. און עפּעס אַ צופאַל האָט אים פאַרוואָרפן אויף די ברעטער פון אַ וואַריעטע פון צווייטן ראַנג. וואָלט ער ערגעץ אין אַ שטעטל באַקומען אַן אָרט אַלס שוחט, וואָלט ער גאָר איצט געשטאַנען מיט אַלע יידן גלייך אין שול, אין אַ קיטל און טלית און וואָלט געוויינט און געשלאָגן זיך „על־חטא“, און אַ ריח פון גראָז וואָלט זיך געשלאָגן אַרום אים...

„ניין! אַ טרויעריגער קאָמיקער טויג צו גאָרנישט!“ — ער מאַטערט זיך צו פאַריאָגן די טרויעריגע געדאַנקען און גייט צו צו דעם וואַריעטע.

די צוויי עלעקטרישע לאָמפּן ברענען שוין מיט זייער רויטליכער ליכטיגקייט פאַרן אַריינגאַנג. ער גייט אַרונטער אונטער די קוליסן.

די באַקאַנטע זאַכן, די באַקאַנטע צורות מאַכן אים רוהיגער. דאָס נאָגעניש אין האַרצן לאָזט אָפּ.

דורך דער עפענונג אין דעם פאָרהאַנג באַקוקט ער דאָס פּובּ־ליקום און בלייבּט צופרידן: אַרום נאָר יידישע פּנימער. עס זיינען געקומען סטודענטן, סתּם־יידן, רוסישע עמיגראַנטן; עס זיינען גע־קומען „יענע" דאַמען — אויך יידישע קינדער.

— היינט מאַך איך אַ סיורפּריז דעם פּובּליקום — רוימט ער איין אַ סוד דעם דירעקטאָר אין אויער.

נאָר דער סיורפּריז איז נישט געראָטן.

אַז ער האָט אָנגעהויבּן צו זינגען „אונר דאָס איזט די לעערע טאַשע", אַזוי ווי ער האָט דאָס צוגעגרייט, ווי נאָר זיינע אייגענע אויערן האָבּן דערהערט די ערשטע טענער פון דעם טרויעריגן מאָטיוו — האָט ער ווידער דערפילט דאָס נאָגעניש אין האַרצן, און זיין שטימע איז געוואָרן מאַט און געבּראָכן. דאָס פּובּליקום האָט נישט אָנגעהויבּן צו לאַכן, פאַרקערט נאָך: דוכט זיך, עס איז געווען ווי אומצופרידן און האָט אים אָנגעקוקט מיט מאָרנע בּליקן.

געדוכט האָט זיך אים, אַז צווישן פּובּליקום אין זאַל טראָגט זיך אַ שטיל מורמלען, אַזוי ווי ביי „תּפילה־זכּה" זאָגן.

און נאָר אַ דאַנק זיין חוצפּהדיג האַלטן זיך, איז דעם קאָמיקער געלונגען נישט מיאוס דורכצופאַלן. ער האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן קופּלעט און האָט זיך געווענדט צום פּובּליקום מיט די ווערטער:

„העלפן זי מיר דאָך!"

„אוי־אוי־אוי־אוי — —

און דאָס פּובּליקום האָט אים צוליבּ געטאָן. פון פאַרשיידענע זייטן האָט מען אונטערגעהאַלטן:

אוי־אוי־אוי — ואסרי —

איינע אַ דאַמע פון „יענע" איז אַרויס מיט אַן אויסגעלאַסן געלעכטער, און אין זאַל האָט באַלד געהילכט פון „בּראַוואָ־בּיס"

דאָס גליק

(אַ מעשה)

אין אומבאַגרענצטן וועלטאַל, אין אומגעהויערן קאָסמאָס איז געפלויגן אַ מלאָך.

שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן האָט ער זיינע פליגלען נישט צונויפגענומען; שוין לאַנגע, לאַנגע יאָרן פליהט ער און פליהט אָהן אויפהער.

וואו אַ זון, וואו אַ שטערן, וואו אַ פאַרבלאָנדזשעטער קאָמעט שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט: „זאָגט מיר, זייט מוחל, ווייסט איר ניט, וואו די ערד געפינט זיך?" און קוים דערהערט ער דעם ענטפער „ניין", פליהט ער באַלד ווייטער.

אַ שאָד אַ מינוט, איין איבעריגע סעקונדע!

שוין פאַר גאָר־גאָר לאַנגע יאָרן האָט דער מלאָך געהערט וועגן דער נויט פון די אומגליקליכע מענשן אויף דער ערד, וועגן דעם, ווי שווער און ביטער עס לעבט זיך — און זיין מלאָכיש האַרץ איז פול געוואָרן מיט רחמנות. דעמאָלט איז ער אַנידערגעפאַלן מיט אַ געוויין פאַרן כסא־הכבוד און געבעטן פאַר די מענשן דאָס גליק, און גאָט האָט זיין תפלה אָנגענומען, און באַלד האָט ער אים דאָס גליק איבערגעגעבן צו ברייננגען עס צו די אומגליקליכע מענשן אויף דער ערד.

פון דעמאָלט אָן איז ער אַראָפּ פון זיבעטן הימל און בלאָנדזשעט צווישן זונען, שטערן און קאָמעטן און זוכט זי — די ערד.

אין זיין רעכטער האַנט האַלט ער דאָס גליק. לייכט באַוועגן זיך זיינע ווייסע פליגלען אין דעם דינען עפיר. טויזנטער יאָרן זיינען שוין איבערגעגאַנגען, מיליאָנען סיסטעמען איז ער שוין דורכגעפלויגן, — קיינער ווייס ניט, וואו די ערד מיט אירע אומגליקליכע מענשן געפינען זיך!

צייטנווייז קאַפּעט פון דעם מלאָכס אויג אַ טרער, אָ, ווער ווייסט, צי זיינע ליכטיגע פליגלען טראָגן אים נישט אַוועק פון דער ערד?

און דאָך — אַ מלאָך!

נישט אויף זיין לאַנג פאַרוואָגלען זיין, נישט אויף זיין לאַנגער מיה אָהן נוצן, קאַפּעט זיין טרער, נאָר אויף די אָרימע מענשן, וואָס דאַרשטן און שטערבן צו דעם גליק, וואָס ער, דער מלאך, טראָגט אין זיין רעכטער האַנט.

— זאָגט מיר, זייט מוחל, ווייסט איר ניט, וואו די ערד מיט אירע אומגליקליכע מענשן געפינען זיך?

— ניין.

און פליהט באַלד ווייטער, באַגייסטערט מיט זיין אידעאַל.

די וועלט דערווייל ווערט אַלט און ניי, עס וועקסלען זיך מענשן, אידעאַלן און רעליגיאָנען — און דאָס אומגליק הערשט אין איר איבעראַל!

— וואו נעמט מען דאָס גליק?! זיפצן די אומגליקליכע מענשן.

אַמאָל האָט אַן אַלטער שטערנזעהער, אַן אַסטראָנאָם, נאָכגעקוקט אַ פאַרבלאָנדזשעטן קאָמעט; אַ לאַנגע צייט האָט ער זיין אויג נישט אַוועקגענומען פון שפּאַקטיוו, וואָס ער האָט נאָכגעקערעוועט, וואו אַהין נאָר דער קאָמעט האָט זיך געוועגדט; אַפילו ביים עסן אָדער שלאָפן האָט ער זיין השגחה נישט אָפּגעטאָן פון אים; דעמאָלט האָט ער זיין יונגען זון אויף זיין אָרט געשטעלט, און קוים נאָר געענדיגט עסן — ווייטער זיך צוריק אַליין גענומען קוקן דורך דעם שפּאַקטיוו.

דעם קאָמעט האָט עס זעהר פאַרדראָסן: „וואָס וויל דאָרט דער אַלטער מכשף פון מיר?! וואָס ס'טייטש, אַ גנב בין איך, אַז מען זאָל פון מיר קיין אויג נישט אַראָפּלאָזן? דער אַסטראָנאָם אָבער האָט דאָס זייניגע געטאָן. דער קאָמעט איז נאָך מער בייז געוואָרן.

פּלוצלינג פליהט צו צו אים דער מלאך און פרעגט מיט זיין טרויעריג־זאַנפטיגער שטימע:

— זאָגט מיר, זייט מוחל, רבי קאָמעט, ווייסט איר נישט, וואו די ערד מיט אירע אומגליקליכע מענשן געפינען זיך?

— אויף דער ערד מענשן? ענטפערט דער קאָמעט בייז — דאָרט זיינען פאַראַנען נאָר אַלטע מכשפים און יונגע רוצחים.

— אָך, די אָרימע מענשן! — האָט דער מלאך געזיפצט, — אַלס, געבעך, פאַר גרויס אומגליק! ניין, רבי קאָמעט, בייזערן זיך טאָר מען נישט, פיינט האָבן איז אַן עבירה...

און דאָס גליק אין זיין רעכטער האַנט האָט געגלאַנצט און געבלישטשעט, אַז אַפילו דעם קאָמעט, קוקנדיג דערויף, איז ליכטיג געוואָרן אין די אויגן, און לייכטער אויף דער טריבער מיזאַנטראָ־פישער נשמה.

— וואו איז די ערד?

דער קאָמעט האָט אים אָנגעוויזן מיט אַ לאַנגען דיקן שטראַל אויף דעם אָרט, וואו די ערד געפינט זיך.

— אַך, ווי ווייט פון הימל די ערד האָט פאַרבלאָנדזשעט! — האָט שטילערהייט געזיפצט דער מלאך — און אַלץ פאַר גרויס אומגליק!

און ער האָט זיך באַלד געלאָזט אין וועג אַריין.

אויף דער ערד דערווייל האָט דער אַסטראָנאָם באַמערקט דעם מלאך און געזעהן דורכן שפּאַקטיוו אַ גלענצנדיגע זאַך אין זיין רעכטער האַנט. און אַזוי ווי אַ נביא האָט שוין לאַנג נביאות געזאָגט, אַז עס פליהט אַ מלאך מיט גליק, האָט זיך דער שטערנזעהער באַלד משער געווען, אַז דאָס טראָגט איצט דער מלאך דאָס גליק פאַר די מענשן. און באַלד האָבן די צייטונגען צעטראָגן דאָס נייעס אויף דער גאַנצער וועלט.

— עס פליהט אַ מלאך מיט גליק, — האָט מען געשמועסט, וואו נאָר עס געפינען זיך מענשליכע מיילער.

אַלע שטערנזעהער האָבן אָנגעשטעלט זייערע שפּאַקטיוון און געזעהן באַשיימפּערליך, ווי דער מלאך קומט אַלץ נעהענטער און נעהענטער צו דער ערד.

זיי האָבן גענומען רעכענען און אויסגערעכנט, אַז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער שעה, די און די מינוט, אויף דעם און דעם גראַדוס וועט דער מלאך אַראָפּקומען צו דער ערד.

אַז עס איז אָנגעקומען דער באַשטימטער טאָג, זיינען זיך צו־זאַמענגעקומען מענשן פון אַלע לענדער אויף דעם באַשטימטן אָרט.

עס האָט אָנגעהויבן ווערן איינג. מען האָט אָנגעהויבן איינער דעם אַנדערן דריקן, קריגן זיך, טיילן פּעטש... עס איז געקומען דערצו, אַז מען האָט גענומען זיך הרגענען איינער מיטן אַנדערן אויף טויט מיט מעסער...

די געטליכע בלום

פאַראַן אַ בלום, אַ געטליכע בלום, גלויבט ראָס!

אויף מזרח זייט פון גרויסן ים, ווייט, זעהר ווייט פון דער יבשה און פון אַלעם, וואָס לעבט אויף דער יבשה — קוקט אַרויס פון וואַסער אַן אַלטער, האַרטער, גרויער שטיין, אַליין שטייט ער און רוהיג איז אַרום אים און שטיל, אַזוי רוהיג און שטיל, ווי די וועלט איידער זי איז באַשאַפן געוואָרן.

הוליעט דער שטורעם-ווינט איבערן ים, און די כוואַליעס רוישן און שוימען — בלייבט דער פעלזשטיין אַלץ רוהיג. עס שלאָגט נישט קיין כוואַליע, עס רירט זיך ראָס וואַסער נישט פון אָרט דריי מייל ווייט פון דעם פעלז אויף יעדער זייט.

ראָרט, אויפן שפּיץ פון דעם אַלטן, האַרטן, גרויען פעלז האָט גאָט איינגעפלאַנצט זיין בלום, די געטליכע בלום, אין דעם זעלבן טאָג, ווען דער מענש איז באַגאַנגען די ערשטע זינד אויף דער וועלט און איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן.

דעמאָלט, ווען גאָט האָט דעם מענשן געמאַכט פאַר דעם האַר איבער דער גאַנצער וועלט און איבער אַלע לעבעדיגע באַשעפענישן און איבער אַלע בוימער און גראָזן, און האָט אים געהייסן, ער זאָל יעדן באַזונדער געבן אַ נאָמען — דעמאָלט האָט דער מענש גע־זינדיגט קעגן דער בלום, קעגן דער געטליכער בלום.

אַזוי האָט אָדם הראשון געזאָגט, ווען ער האָט באַטראַכט די בלום:

— וואָס פאַר אַ נאָמען זאָל איך דיר געבן, דו טויגסט ראָך צו גאָרנישט, און קיין שום נוצן קאָן מען ראָך פון דיר נישט האָבן.

און ער האָט געטראַכט און געטראַכט און איז מיד געוואָרן צו טראַכטן אַ נאָמען פאַר איר, און ער האָט זיך צעבייזערט אויף דער קליינער בלום, וואָס טויג צו גאָרנישט און וואָס מען קאָן פאַר איר קיין נאָמען נישט געפינען, און געזאָגט מיט כעס: „דו ביסט גאָרניט!“

אַזוי האָט אָדם הראשון געלייקנט און געזינדיגט.

פון דעמאָלט אָן וואַקסט די בלום אויפן שפּיץ שטיין. אַן איי־בינער טוי דערפרישט אירע בלעטער. און זי געניסט פון אַן אייביגן פרילינג.

ווי זעהט אויס די בלום, און וואָס פאַר אַ געשטאַלט האָט זי?

— ווער ווייס דאָס, ווער קאָן דאָס באַשרייבן!

יעדע נשמה בּיינקט צו איר, יעדעס האַרץ לעכצט נאָך איר, און עס ווייס נישט, צו וואָס עס בּיינקט און לעכצט.

עס שטאַרבּט אַ דור. און עס שטייט אויף אַ נייער דור, און נאָר די בעסטע און שענסטע פון מענשליכן געשלעכט ווייסן דאָס און דערציילן עס זייערע קינדער, אַז ס'איז פאַראַן אַ געטליכע בלום, וואָס קיינער האָט זי נישט געזעהן, און וואָס אַלע בּיינקען צו איר, זינט דער מענש האָט געגעסן פון עץ הדעת און האָט זיך פאַר־זינדיגט.

פאַראַן אַ בלום, אַ געטליכע בלום, גלויבּט דאָס!

יעדן פריהמאָרגן, ווען עס עפנט זיך די טויערן פון הימל, קומען מלאָכים מיט פייערדיגע ריטער און הייסן די זון אַרויסגיין לייכטן אויף דער וועלט. דעמאָלט וויינט די זון ביטער און וויל נישט פאָלגן.

— אָך, ווי איבּערדריסיג דאָס איז — וויינט זי — וואָס פאַר אַ מאַטערניש דאָס איז, טאָג־טעגליך דורכצוגיין דעם אייגענעם וועג! יעדן טאָג צו שלעפּן זיך פון מזרח צו מערב, צו הערן יעדן טאָג די זעלבע זיפצן און קרעכצן, און זעהן יעדן טאָג די זעלבע טרערן און אומרעכט אויף דער דאָזיגער ערד.

אַזוי וויינט די זון, און די מלאָכים מיט די פייערדיגע ריטער שלאָגן זי און שרייען: „גיי אַרויס לייכטן!"

נאָך ביטערער וויינט דעמאָלט די זון, און אין אַלע זיבּן הימלען ציטערן אירע זיפצן.

נאָר אין דעם העלן אָפּגלאַנץ, וואָס צעגיסט זיך פון מזרח זייט אויף דער ערד, באַוויזט זיך די וואונדערליכע בלום. אירע פאַר־שלאָסענע קנאָספּן עפענען זיך, און זי שפּרייט אויס אירע בלעטער קעגן דער זון. דעמאָלט געשעט דער גרויסער וואונדער: ווי נאָר

די זון דערזעהט די בלום, פאַרגעסט זי איר שווער געמיט, פאַר־געסט אַלע קוואַלן און אַלע אומרעכט, אַלע טרערן און אַלע זיפצן, וואָס זי האָט געזעהן אויף דער וועלט. און ווי נייגעבוירן מיט נייע פרישע האָפענונגען, מיט אַ נייעם גלויבן און מיט נייער ליבע גייט זי אַרויס צו לייכטן אויף דער ערד און צו וועקן נייע האָפענונגען, נייע ליבע און גלויבן.

אַזוי גייט זי דורך איר וועג פון מזרח צו מערב. נאָר וואָס נע־העגטער זי קומט צום אונטערגאַנג, אַלץ שוואַכער ווערן איר האָפענונג און ליבע און גלויבן, אַלץ מער דערוועקט זיך איר אַלטער פאַרדרוס. און ווען זי האַלט שוין ביים אונטערגיין, וואַקסט איר האַס צו דער בלום, וואָס נאַרט זי אַרויס יעדן טאָג, און זי צע־פלאַמט זיך פאַר כעס, און דער הימל ווערט רויט.

דאָס איז דער וועג פון דער זון. מיט פול האָפענונג גייט זי אויף, מיט פול פאַרדרוס גייט זי אונטער.

פאַראַן אַ בלום, אַ געטליכע בלום, גלויבט דאָס!

און עס וועט קומען אַ צייט, ווען די וועלט וועט פול ווערן מיט וויסן און גערעכטיגקייט, אַזוי ווי דער ים וואַסער. די בלום וועט דעמאָלט איינגעפלאַנצט ווערן אין מענשליכן ישוב, און מענשן וועלן זי זעהן, און אייביג פריש וועט זיין זייער ליבע און האָפענונג און גלויבן, און העלער וועט די זון לייכטן, און אַ וואָלף מיט אַ שעפּס וועלן זיך פאַשען צוזאַמען אַזוי ווי ישעיהו בן אָמוץ האָט נביאות געזאָגט.

מען וועקט

איבער דעם קליינעם איינגעשלאָפענעם שטעטל שוועבט אַ העלע, פראָסטיגע ווינטער־נאַכט. די לבנה אין בלאָען הימל איז קיילעכדיג און ריין, און אַ בלאָליכע, דינע ליכט דערפילט די לופט, און באַדעקט די קליינע, איינגעבויגענע הילצערנע הייזלאַך. נאָר דער קוימען פון דער איינציגער גרויסער פאַבריק אין שטעטל און דער הויכער טורעם פון דער קירכע רייסן זיך אין דער הויך און מאַכן שוואַרצע פלעקן אין דער ריינער לופט.

אַקעגן די טויזנטער שטערן, וואָס פינקלען אין ריינעם הימל, שיקן די געפרוירענע שניי־שטערנדלאַך צוריק פון דער ערד מיליאָנען שטראַלן, וואָס ציטערן אין דער לופט. די לופט איז קאַלט, שטייף און רוהיג, עס באַוועגט זי נישט קיין מינדסטער ריר, און שטיל איז אַרום. די קליינע, הילצערנע הייזלאַך בויגן זיך צו צו דער ערד, איינגעשלאָפן און פאַרחלומט, און פון זייערע פענסטער קוקט אַרויס די שוואַרצע פינסטערניש. פון עפּעס אַ פענסטער שלאָגט אַרויס אַ שוואַכע, ציטעריגע שיין, און פון דאָרט דערהערט זיך טיילמאָל אַ וויינענדיג, דערשטיקט קול: אַ קראַנק קינד וועקט זיך און וויינט. באַלד דערהערט זיך פון דאָרט דאָס געקלאַפּ פון וויגל, וואָס באַוועגט זיך מיט אַ גלייכן טאַקט. דאָס קול פאַרשטומט, דערנאָך אויך דאָס געקלאַפּ פון וויגל — און די רוהיגע, פראָסטיגע נאַכט הערשט ווידער שטיל און רוהיג.

און פעסט אַרומגענומען פון דער נאַכט, שווייגט שטיל די וועלט, אַשטיינער, זי וואָלט מורא האָבן אַ מויל צו עפענען פאַר דער שיינער מעכטיגער נאַכט־קיניגין; נאָר דער פאַרשייטער שטאָט־זייגער איז נישט איבערגעשראָקן. יעדע פערטל־שעה קלינגט ער

אָן און ניט איבער דער נאַכט אַ קורצן לאַקאָנישן באַריכט, ווי שפּעט ס'איז, ווי לאַנג זי, די נאַכט, האָט נאָך צו הערשן איבער דער וועלט.

— קלום... קלום... עס האָט פיר געשלאָגן. נאָר די נאַכט, ווי זי וואָלט קיין זייגער־לשון נישט פאַרשטאַנען, און ווי זי וואָלט איבערצייגט געווען, אַז זי וועט אויף אייביג הערשן — בלייבט ווידער שטיל, רוהיג און מאַיעסטעטיש.

מענשן שלאָפן שוין לאַנג מיט אַ פעסטן נאָך־האַלבן נאַכטיגן שלאָף, רוהען אויס די מירע ביינער און דעם דאַרן מח יעדער אויף וואָס ער קאָן: דאָס יונגוואַרג ליגט אויף האַלב צעבראָכענע בעטלאַך, צוגעהוקט איינער צום אַנדערן, כּדי צו דערוואַרעמען דעם קאַלטן גוף, און דאָס אַלטוואַרג ציטערט אויף די אָפּגעקילטע אויוונס. אין די ייִדישע הייזער איז דער אויוון לער, דערפאַר ליגן צוזאַמענגעפּרעסט, ווי סחורה אין אַ קאַסטן איינגעפּאַקט, אין מאָרגע שלאָף־בענק, פאַרוויקלטע הענטלאַך און פיסלאַך; עטליכע קליינע, בלייכע קינדישע פּנימער קוקן אַרויס, און יאַרמעלקעס וואַרפן זיך אַרום. און אויף די אַלע פּנימער, אין די בעטן און אויף די אויוונס, אין ייִדישע און אין קריסטליכע הייזער, ליגט אויסגעגאָסן עפּעס אַ מין צופרידנקייט, און מיט די נעזער שנאָרכען זיי אויס אַ לויב־ליד צו דעם גוטן דערבאַרמהאַרציגן באַשעפער, וואָס האָט באַשאַפן פאַר זיי אַזאַ מין גוטע נאַכט, אַזאַ מין זיסן שלאָף.

דער קליינער ווייזער פון שטאָט־זייגער רוקט זיך אָפּ פון דער פיר און גייט נעהענטער צו דער פינף. פון די טרעפּ פון אַ גע־וועלב הויבט זיך אויף דער מאַרק־וועכטער, געניצט אָפּ מיט אַ ברייט־אָפן־מויל און גייט אַהיים שלאָפן. די רוהיגע לופט צערודערט אַ שרייענדיגער „קוקעריקו“.

עס רוכט זיך, די נאַכט האָט אינגאַנצן אַ ציטער געגעבן, זי שרעקט זיך פאַר איר סוף.

— קלום... קלום... — עס האָט פינף געשלאָגן.

און אין דער זעלבער סעקונדע דערהערט זיך אַ לאַנג אויסגע־צויגן פייפן פון דער פאַבריק. דאָס פייפן ציהט זיך דורך דער

לופט, באַוועגט זי אין דער לענג און אין דער ברייט, און דרינגט אַריין דורך די פענסטער אין די שטיבער און וועקט:

— פססס... שטייט אויף, מענשן! שטייט אויף צו דער אַרבעט!

אין עטליכע סעקונדעס אַרום הויבט זיך דאָס יונגוואַרג אָן צו הויבן אויף די בעטן, דרייען זיך נאָך עטליכע מאָל איבער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, גענעצן און שטיין אויף.

אַ יונגע מוטער, וואָס האָט ערשט די אויגן געעפנט, כאַפּט איר קינד אָנזווינג, שטופּט מיט געוואַלד דעם קינד די ברוסט אין מויל אַריין: דאָס קינד ברויך דאָס זויגן גענוג צו האָבן ביז 12, ווען זי קומט אַהיים אויף מיטאָג. דאָס יונגוואַרג וואַשט זיך איילנדיג, לייגט אין די טאַשן דאָס ברויט, וואָס ליגט אָנגעגרייט אויף די טישן פון נעכטן.

די לופט אין דרויסן איז ווידער שטיל; נאָר דער קירכן־גלאָק הויבט זי איצט אָן צו באַוועגן.

גלייך און געלאַסן קלינגט ער. באַלד רופט זיך אָן אַ צווייטער, וואָס קלינגט נידעריגער פאַרן ערשטן, נאָר גיכער, און די שטימען פאַראייניגן זיך אין אַ טרויעריגער האַרמאָניע.

און דאָס קלינגען טראָגט זיך אין דער לופט, גנבעט זיך דורך די פענסטער אין די שטובן אַריין און וועקט:

— קלום־קלום־קלום... קלום־קלום־קלום... שטייט אויף, שטייט אויף מענשן גאָט צו דינען!

עס רורערט זיך אויף די אויוונס: די אַלטע קראַצן זיך, גענעצן און שטיין אויף.

אויף דער גאַס הויבט זיך אָן צו רירן, עס דערזעהן זיך מענשליכע פיגורן: אַלטע און יונגע, מענער און ווייבער איילן אין צוויי זייטן: די יונגע אין דער פאַבריק, און די אַלטע אין דער קירכע.

עס עפענען זיך די יידישע געוועלבער, דער שמש שלאָגט מיטן האַמער און וועקט דעם עולם דאַוונען. בעלי־מלאָכות מיט טלית און תפלין אונטערן אָרעם איילן אין בית־המדרש אַריין.

נאָך אין אַ צייט אַרום האָט דער שטאָט־זייגער אויסגעקלונגען זיבן און האָט פאַרציילט, אַז באַלד וועט די זון זיך באַווייזן.

טייכן מענשן־בלוט האָבן געפּליסט אויף דעם אָרט און דאָס יאָמערן און קרעכצן פון די גוססים איז אויפגעגאַנגען ביז צום הימל.

דער מלאך האָט דערזעהן פון ווייטן ווי די מענשן דריקן און פרעסן איינער דעם אַנדערן, און פון דער הויך האָט ער גענומען שרייען מיט די לעצטע כּחות:

שלאָגט אייך נישט! איך האָב גליק פאַר אַלע, פאַר אַלע!

נאָר זיי האָבן נישט געהערט.

אַז דער מלאך איז געקומען נעהענטער צו דער ערד, אַז זיינע ריכטיגע אויגן האָבן דערזעהן די דערשטאָכענע גוססים און דאָס מענשן־בלוט, און אַז זיינע אויערן האָבן דערהערט דאָס יאָמערן און יאָכצן — האָט געקאַפּעט אַ טרער פון זיינע ליכטיגע אויגן און איז געפאַלן אויף דעם גליק.

פון דעמאָלט אָן איז דאָס ליכטיגע גליק באַפלעקט געוואָרן.

מען דערציילט, אַז דער מלאך, וואָס איז מיד און מאַט געוועזן פון זיין לאַנגער נסיעה און פון דעם, וואָס זיינע אויגן האָבן געזעהן אויף דער ערד — איז פאַרחלשט געוואָרן און דאָס גליק איז אַרויסגעפאַלן פון זיין רעכטער האַנט.

און פון אונטער די נידעריגע הייזער איז אַרויס די זון, רויט און פריש, און האָט צעשיקט אין אַלע זייטן ליכטיגע, דערקוויקנדיגע שטראַלן, און די שטראַלן האָבן דורכגעוועבט מיט מאָרגן־ליכט די לופט, און דורך די שויבן אין די שטובן אַריינגעשלאָגן און געוועקט:

— שטייט אויף, מענשן, שטייט אויף צו רינען זיך זעלבסט! הייליג איז דער מענש!

נאָר די שטראַלן האָבן שוין קיינעם אין בעט נישט געטראָפן, מענשן רינען שוין לאַנג: ווער ביי לייטן, ווער ביי נאָט.

די זון האָט אַ בייזן בליק געוואָרפן אויף דער ערד און זיך באַהאַלטן אונטער אַ שווערן וואָלקן...

דאָס בוימל

(אַ מעשה)

דאָס קליינע, דאַרע בוימל בוינט צו צו מיר די פאַרטריקנטע צווייגן מיט דעם רעשט פאַרוועלקטע בלעטלאַך און קלאָגט זיך:

— שלעכט! — זיפצט עס — אין מיינע בעסטע יאָרן, אין דער יוגנט מיינער, דאַר איך און וועלק אָפּ און גיי אויס. נישט קיין שוואַך באַשעפעניש האָט מיך די מוטער־ערד געבוירן, גאָט האָט מיך אַזוי נישט באַשאַפן. אָ, ניין! שטאַרק און געזונט בין איך געווען און האָב געהאַט אַ שיינע יוגנט, גוטע האָפענונגען און ליבע חלומות; דער רעגן האָט מיך געשפּייזט, די זון געהאָרעוועט, און איך בין געווען יונג, פריש, לוסטיג — און גליקליך.

זעהסטו דעם גרויסן בוים, וואָס וואַקסט דאָ נעבן מיר? זעה, ווי הויך, ווי שטאַרק ער איז! שטאָלץ ציהט ער זיך קעגן הימל און רוישט מיט זיינע פולע צווייגן און מאַכט פול מיט זיין גערויש די גאַנצע לופט אַרום... מיר זיינען צוזאַמען געוואַקסן, ווי אַ צווילינג, און צוזאַמען האָבן מיר געחלומט גוטע זיסע חלומות.

מיין יוגנט! נאָך איידער זי צעבליהט, איז זי שוין פאַרוועלקט.

איך האָב געחלומט און געהאָפט. יעדער יאָר אַ נייע שאָל אַרום זיך באַקומען, דיקער און העכער געוואָרן, און מיינע וואָרצלען האָבן זיך טיף איינגעגראָבן און געזויגן פייכטקייט פון דער ערד. פרישע יונגע כהות האָב איך אין מיר געפילט, און אומגעדולדיג האָב איך געוואַרט אויף דעם טאָג, ווען איך וועל אויס קינד ווערן, איך וועל ווערן אַ גרויסער, געזונטער, דערוואַקסענער בוים, וואָס שפּרייט ווייט אויס זיינע צווייגן, וואָס פאַרשפּרייטן אַרום זיך אַ גרויסן נע־ריכטן שאָטן... אַ בוים בין איך אין מיינע בעסטע יאָרן, איך וועל וואַקסן און וואַקסן, צונעמען אין דער דיק און אין דער הויך. ווער עס וועט מיך זעהן, וועט זיך קוויקן מיט מיר, יעדער פאַר־בייגייענדער וועט זיך אָפּרוהען אין מיין שאָטן און וועט מיך בענשן...

די גוטע יונגע גליקליכע יאָרן! — ליבן און געליבט זיין האָב איך געוואָלט...

עס בלאָזט אַ קאַלטער פייכטער ווינט. דאָס בוימל גיט אַ ציטער און קאָרטשעט זיך איין פאַר קעלט.

— מיר איז קאַלט — קלאָגט עס זיך ווייטער — איך קאָן נישט פאַרשטיין, צו וואָס טויגן די ווינטן? אַבי נאָר צו באַאומרוהיגן...

אַזוי — הויבט עס אָן צוריק צו דערציילן — איך האָב געחלומט און געהאָפט, און איך געדיינק אַ שיינעם, וואַרעמען, הייסן זומער־טאָג נאָך אַ רעגנדיגער נאַכט. די זון האָט מיך באַשאָטן מיט אירע שטראַלן, און מיינע וואָרצלען האָבן געזויגן די פייכטקייט פון דער ערד. גליקליך בין איך מיר געשטאַנען און געקוקט אויף מיין שאָטן, וואָס איז געלעגן אַרום מיר. די לופט איז געווען רוהיג, קיין ווינטל האָט נישט געבלאָזן, און איך בין געשטאַנען און האָב געקוקט אויף מיינע צווייגן און מיינע בלעטער, וואָס זיינען אויס־געמאָלט אויף דער ערד — און האָב נחת געקליבן. דאָס אַלץ איז מיינס, דאָס בין איך — האָב איך געטראַכט. איך האָב אומישנע באַוועגט אַ צווייג און בין צופרידן געווען צו זעהן, ווי באַלד האָט זיך אויך דער שאָטן אויף דער ערד באַוועגט. אַזוי האָב איך זיך געשפּילט, אַזוי איז דורך דער שיינער טאָג.

און פאַרנאַכט האָב איך דערזעהן פון דער ווייטן אַ יונג שיין פּאָר קומט אָן, פאַרליבטע, רוקט זיך. זיי זיינען מיד געווען און האָבן געזוכט וואו אָפּצורוהען זיך אין שאָטן.

מיין האַרץ האָט אַ ציטער געגעבן — פאַר פרייד. צי נישט וועלן זיי מיין שאָטן אויסקלייבן, ביי מיר אָפּרוהען? אַ גרויסער דערוואַקסענער בין איך! נאָט דו מיינער, ווי שיין, ווי קרעפטיג־פריש איך בין!

און זיי זיינען נאָהענט צוגעקומען און געזעצט זיך אָפּרוהען אין מיין שאָטן!

מיין האָפענונג איז דערפילט געוואָרן, אַ בוים בין איך!

צווישן מיינע צווייגן האָט אַ פויגל געזונגען, פון אונטער מיר האָב איך געהערט אַ שטיל געדרומער פון די פאַרליבטע. פון

זייערע אויגן האָט דאָס גליק געשטראַלט, נאָר איך האָב זיי נישט מקנא געווען. אָ, ניין! דער גליקליכער איז נישט מקנא.

די זון האָט זיך נידעריגער אַראָפּגעלאָזט, דער הימל איז באַגאָסן געוואָרן מיט פּורפּור; מיין שאָטן איז אַלץ לענגער געוואָרן, גע־צויגן זיך איבער דער ערד און האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פּלויט דאָרט... זעהסט?

איצט וואַרפט מען דעם פּלויט איין. אַ הויז וועלן זיי דאָ אויפ־בויען. צו וואָס פרעג איך? אַבי נאָר צו באַאומרוהיגן!...

דאָס בוימל פאַרטראַכט זיך אומעטיג, שווייגט אַ ווילע און דער־ציילט ווייטער:

איך בין גליקליך געווען. שכּור פון גליק בין איך געשטאַנען און באַהערשט פון ליבליכע געדאַנקען. פּלוצלינג דערפיל איך אַ ווייטאָג אין אַ וואָרצל. „דאָס גראָבט זיך אַ בלינד באַשע־פעניש איין טיף אין דער ערד" — האָב איך געטראַכט און נאָר זיך נישט געמאַכט דערפון. נאָר דער ווייטאָג האָט נישט אויפגע־הערט, נאָך גרעסער געוואָרן פון מינוט צו מינוט. עפּעס אַ שאַרפע האַרטע זאַך דריקט און פרעסט מיין וואָרצל און הערט נישט אויף. וואָס זאָל דאָס זיין? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון די וואָרצלען פון אָט דעם בוים, וואָס שטייט נעבן מיר, איז אַריין אין מיין רשות און שטופּט מיך.

— וואָס ווילסט דו, מיין שכן? — האָב איך אים געפרעגט גאַנץ רוהיג.

אין אָנהויב האָט ער זיך געמאַכט נישט הערנדיג. נאָר אַז איך האָב שוין עטליכע מאָל געהאַט געפרעגט, האָט ער ערשט גע־ענטפערט:

— אַהאַ, דו ביסט דאָס, מיין שכן! און איך האָב נישט גע־וואוסט. ביינאַכט האָט גערעגנט, און די זון האָט היינט געשאָטן מיט ליכט — אַ פאַרגעניגן! זעה נאָר די יונגע דאָ אונטער דיר — ווי שיין זיי זיינען! אויף מיין ערליך וואָרט, אַ פאַרגעניגן צו זעהן, ווי זיי שפּילן זיך. כאַ, כאַ, כאַ!...

ניִשט ווילנדיג האָב איך באַטראַכט דאָס יונגע פּאָר און האָב נעקליבן נחת.

נאָר דער ווייטאָג הערט ניִשט אויף. מיין וואָרצל ווערט געדריקט.

— וואָס ווילסטו דען דאָ? — פרעג איך מיין שכן.

— גאָרנישט, מיין ליבער חבר, ענטפערט ער מיר גוטערהייט — מיר איז איינג, פאַרשטייסטו מיך. נאָכן רעגן איז מיינער אַ צוויינ אויסגעוואַקסן מיט אַ גאַנץ צאָל... אַן אינטערעסאַנטער פאַל, ניִשט אמת? און איך מוז לענגער מאַכן מיינע וואָרצלען. זיי אַזוי גוט און פאַרבויג דיין וואָרצל אָן אַ זייט. דו ביסט דאָך אַ גוטער חבר, איך קאָן דיך, טו אַ טובה פאַר אַ שכן און אַ גוטן פריינט.

און ריידן קאָן ער, אַ געשליפענע צונג האָט ער, אַ טאַלענט, זאָג איך דיר. פּערל שיטן זיך אים פון מויל.

ער האָט מיך איבערגערעדט און איך האָב אים צוליב געטאָן און פאַרבויגן מיין וואָרצל אָן אַ זייט, כאָטש איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז מיר וועט דערפון אַרויסקומען אַ שאָדן, עס וועט מיך קאָסטן עטליכע בלעטלאַך, וואָס וועלן אָפּוועלקן אָהן חיונה.

עטליכע טעג זיינען פאַרביי, ער קומט ווייטער און נעמט דריקן אַ וואָרצל מיינעם.

— וואָס ווילסטו ווידער? — פרעג איך שוין בייז. ער אָבער ענטפערט מיר אַלץ ווייך און גוט:

— גאָרנישט, אויף מיין ערליך וואָרט! אָט דער צווייג מיינער איז אויפגעוואַקסן מיט אַ גאַנצער האַלבער אייל, קאָנסט זעהן, אויב דו גלויבסט מיר ניִשט. פאַרבויג, איך בעט דיך, אַביסל דיין וואָרצל אָן אַ זייט. מיר זיינען דאָך עפּעס חברים.

און ער לויבט מיך זעהר. ניִשט ער וויל מיר שלעכטס טון, מיר אָנטון אַ ווייטאָג, חלילה! אַדרבאַ, ער האָט מיך זעהר ליב.

— היינטיגע צייטן — זאָגט ער — ווערן וואָס אַ מאָל ווייטער אַזעלכע פיינע, גוטע הערצער ווי דו האָסט. אַ מאַטעריאַליסטישער דור. איך האַלט עס מיר פאַר אַ כבוד, וואָס דו ביסט מיין שכן.

ער בעט בײַ מיר פֿאַרצײַהונג. װאָס ער באַאומרוהיגט מיך, נאָר איך האָב שױן אָנגעהױבן צו פֿילן, אַז ער ברױך קײן פֿאַרצײַהונג נישט צו בעטן און צו רײדן װײך, אַז ער איז שטאַרקער פֿאַר מיר, און איך — שװאַכער.

— קאַלט, קאַלט — קלאָגט זיך דאָס בוימל און דערצײלט װײַטער — עפּעס מאָרגנע װינטן בלאָזן. מען זאָגט, אַז דער פֿרילינג איז נאָהענט. דעם אמת װעל איך דיר זאָגן, איך גלױב נישט, װאָס מען רעדט דאָרט... װעגן דעם גרױסן בױם האָב איך דיר דערצײלט? יאָ, מײַן לאַגע איז געװאָרן ערגער פֿון טאָג צו טאָג. מײַנע צװײַגן האָבן אָנגעהױבן דאַרן, די בלעטער װעלקן. איך האָב אָנגעהױבן צו קרײנקען, צו טריקענען. איך בין געװאָרן בײז, אױפֿגערעגט; האָב געשריען, געשאָלטן, און ער האָט געטענהט דאָס זײניגע:

— װאָס שרײַסטו, נאַרעלע? צי מײַן איך דען דיר שלעכטס צו טון? דאַרפֿסט דאָך אַלײן פֿאַרשטײן: מער צװײַגן, מער װאָרצלען, זעה נאָר װי דיק, װי גרױס איך בין! מײַנע צװײַגן האָבן זיך פֿאַרמערט, מוזן זיך אױך די װאָרצלען פֿאַרמערן, איך מוז זוכן חיונה פֿאַר אַלע. דיך, גלױב מיר, האָב איך ליב, זעהר ליב...

אײנמאָל האָב איך אײנגעדרעמלט פֿאַר שװאַכקײט, און ער האָט זיך צוגענבעט און גענומען בױגן מײַנעם אַ מיטלסטן װאָרצל. איך בין אױפֿגעװאַכט געװאָרן פֿון דעם אומגעהױערן שמערץ און האָב גענומען שרײַען צום הימל מיט אַ פֿאַרביטערט קול.

אױף מײַן געשרײ איז געקומען צו פֿליהען פּריאל, דער מלאָך, װאָס האָט צו שאַפֿן איבער אַלע פֿלאַנצן. דער מלאָך האָט מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע לױטערע אױגן, מיט גרױס רחמנות. „לײדער — האָט ער געזאָגט — קאָן איך גאָרנישט העלפֿן.“

— גערעכט ביסטו, אָרים, דאַר בוימל נעבעך! — האָט ער מיך געטרײסט — נאָר די װעלט פֿירט זיך אַזױ, און איך קאָן נישט ענדערן די פֿירונג פֿון דער װעלט.

דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך אױסגעהערט אַזאַ טרײסט.

אַן אַנדערם מאָל האָב איך פאַר גרויס פאַרביטערונג אָנגעהויבן צו וויינען מיט טרערן פאַר מיין שכן:

— האָב רחמנות — האָב איך געבעטן — לאָז מיך לעבן! אָך, גאָט דו מיינער! לעבן וויל איך, לעבן!

און ער האָט געענטפערט:

— וואָס קאָן איך דיר העלפן, בידנע בוימל? וואָס שרייסטו דען אַזוי און מאַכסט געוואַלדן אַזש ביז צום הימל? דו מיינסט, דו ביסט איינער אַזעלכער אויף דער וועלט? זעה: דאָ, דאָרט! זיי וועלקן אויך. וואָס טויגן קליינע דאַרע קראַנקע בוימלאַך? גאָט האָט זיין וועלט באַשאַפן פאַר גרויסע, דיקע, געזונטע און שטאַרקע בוימער. אַזוי איז זיין ליבער ווילן און קלאָגן זיך קענן אים איז אַ זינד. אַזוי איז גאָטס גערעכטיגקייט...

— ליגנער דו — האָב איך אויסגעשריען מיט כּעס — גערעכט בין איך, נישט דו, אַזוי האָט דער מלאָך געזאָגט...

— דער מלאָך האָט געזאָגט — האָט ער געשמייכלט — דו וועסט האָבן עולם הבאָ...

און ריידנדיג האָט ער גענומען בויערן מיין וואָרצל.

אַזוי, מיין פריינט, וועלק איך און דאַר אָפּ און גיי אויס. קאַלט! מיין איינציגע נחמה איז, אַז גערעכט בין איך, אַז איך וועל שטאַרבן מיט אַ רוהיג געוויסן.

דאָס בוימל איז שטיל געוואָרן, ווי עס וואָלט זיך פאַרטראַכט און דערמאָנט זיך די יונגע יאָרן, די יאָרן פון גליק און האָפענונג, און פלוצלינג ערוואַכט עס און וויינט ביטער:

— ער איז דאָ! ער בויערט! גאָט דו מיינער, לעבן וויל איך, לעבן! אַ שוואַרצע קראָ פליהט דורך אויפן געשריי און מאַכט פול די לופט מיט אירע געשרייען.

פאַרשוואַכטע הייליגקייטן

1.

אַ זומער־נאַכט. אַ פּלאַץ אונטער דער שטאָט, באַגאָסן אינגאַנצן מיט דער זילבערנער, העלער שיין פון דער לבנה. פון דער ווייטן שימערן די טורעמס פון דער שטאָט. ביי דער זייט — אַ קליין וועלדל.

ער ליגט אויסגעצויגן, די הענט אונטערגעשפּאַרט אונטערן קאָפּ, און קוקט פאַר־טראַכטערהייט אויפן הימל.

זי זיצט דאַנעבן, די אָרעמס אַראָפּגעלאָזט הילפלאָז, פאַרזאָרגט. די האָר אין אומ־אָרדענונג; אָט, אָט צעלאָזט זיך די פאַרקעמונג און וועט אַראָפּפאַלן אין געשטאַלט פון אַ לאַנגען צאָפּ. זי זיצט איינגעבויגן, קוקט אויף אירע הענט, וואָס ליגן איינע אויף דער אַנדערער איינגעגראָבן אין איר קלייד. אַ גאָלדן פינגערל בלישטשעט פון אַ פינגער. זי איז אינגאַנצן — פאַרלאָרנקייט — הילפלאָזיגקייט. אַ רויט זאָקנבענדל זעהט זיך אַרויס פון איר פוס. ניט פאַרבונדן, פאַרוואָרלאָזט.

די לייכטע נעפּלען שפּינען און וועבן אַן אידייע, וואָס ציטערט און פלאַטערט אַרום און דוכט זיך צו זיין אומערגרייפבאַר, ווי די טיפע הימלען, ווי די אומענדליכקייט. אָט, אָט ווערט זי געבוירן. באַלד אָבער ווערט זי פאַרלוירן, ווערט ווי אַ שאָטן, נישט אָנצורירן.

זי (איבעררייסנדיק די שטילקייט): שמעון...

ער (שוואַך און פאַרחלומט): וואָס?

אַ קורצע פּויזע.

זי: וואָס טוסטו?

ער: איך ליג אויפן רוקן מיט אָפענע אויגן. וואָס ווילסטו רעד, דו מיין נאַריש מיידל?

זי (זיפצט אָפּ שווער): אָך!

(די אידייע איז דערווייל פאַרשוואונדן, ווי אַ ווייט, ווייט ווידערקול, געשטערט און פאַריאָגט פון די רייד).

זי: „נאַריש מיידל"! און ערשט נישט לאַנג בין איך געווען אַזוי שיין, אַזוי קלוג, אַזוי גוט... נאַטירליך קלוג, אָרגאַניש קלוג, קלוג אין גליק און שיינקייט. נישט וואָר? האָסט נישט אַליין אַזוי געזאָגט?

ער: יאָ, איך האָב געזאָגט.

זי: און איצט בין איך געוואָרן אַ נאַרישע, ווייל איך בין באַנאַנגען אַ נאַרישקייט — דאָס האָסטו מיר געוואָלט זאָגן?

ער: ניין, איך האָב גאָרנישט געוואָלט זאָגן.

זי (מיט טרערן אין דער שטימע): שמעון...

ער (אויפהויבנדיק דעם קאָפּ): וואָס ווינסטו דען, מיין קינד?

זי (נעמט אים אַרום און קושט אים): שמעון! מיין טייערער שמעון! ביסט נישט מיינער? בין איך נישט דיינע?

ער: יאָ, געווים, דו ביסט מיינע, איך בין דיינער.

זי: וואָס דען?

ער: גאָרנישט. באַרוהיג דיך, קינד; וואָס ווילסטו דען?

זי: פאַרוואָס שווייגסטו, ליגסט שטום? פאַרוואָס ווילסטו מיט מיר איצט נישט ריידן?

ער: וועגן וואָס ריידן?

זי: ביז אַהער האָט דיר קיינמאָל נישט געפעלט וועגן וואָס צו ריידן מיט מיר.

ער: וועגן דיר אפשר ריידן? ביסט שיין, ביסט יונג און קלוג, נאַטירליך קלוג...

זי (לייגט אים איר האַנט אויף זיין מויל און לאָזט אים נישט ענדיגן): לאָז געמאַך, שווייג! דו לאַכסט פון מיר, שפּאָטסט...

ער: וואָס זשע ווילסטו?

זי: נישט וועגן מיר רייד!

ער: און וועגן וואָס?

זי (קוקט זיך אַרום ווי זוכנדיק עפּעס): עס פעלט וועגן וואָס צו ריידן? נו, רייד... רייד וועגן די שטערן, וועגן דער לבנה...

ער (קוקט אויף דער לבנה, רייבט מיט דער האַנט דעם שטערן): וועגן דער לבנה? — זי איז ווייט פון דער ערד. אַן ערך פופציג טויזנט מייל; וואַרט... אַמאָל האָבן זיך אויף איר געפונען לעבעדיגע באַשעפענישן; איצט איז זי קאַלט, אָהן לופט, אָהן וואַסער...

זי: דאָס ווייס איך אָהן דיר.

ער: אמת.

— — — — — — — — — —

2.

פּויזע. די שטערן שווייגן. עס דוכט זיך, אַז אויך זיי האָבן ניט געהאַט וועגן וואָס צו ריידן און האָבן זיך פאַרטראַכט שטילשווייגנדיג. די לופט באַוועגט זיך נישט. קיין שטים ציטערט נישט: עס דוכט זיך צו פילן, ווי די ערד לויפט איר וועג. די א י ד י י ע שפּינט זיך און וועבט זיך, אָט, אָט ווערט זי געבוירן; אָט, אָט לאָזט זי זיך ווייזן.

זי האָט אָפּגעזיפצט.

ע ר: דו האָסט, דוכט זיך, געזיפצט, רחל, — הער אויף... קום אַהער, וועל איך דיר דערציילן, עפּעס שיינס.

ז י (פאַרזאָרגט): וואָס?

ע ר: אַן אידייע, אַ וואוילע אידייע. נויג דיין קאָפּ צו מיר, אָט אַזוי. מיר וועלן שמועסן. דו ביסט אַ ליבליך קינד, רחל; דיין נשמה איז אַזוי אויפהאָרכנדיג.

ז י: דערצייל, מיין גוטער שמעון, דערצייל מיר עפּעס... איך פיל מיך אַזוי אומגליקליך.

ע ר: נישט רייד אַזאַ נאַריש, אומזיניג וואָרט. נישטאָ קיין אומגליקליכע! ליג רוהיג אַזוי, שטיל־שטיל און האָרך אַ געשיכטע, אַ וואוילע אידייע (דערציילט).

... און די אומענדליכקייט, פון מזרח ביז מערב און פון צפון ביז דרום, אונטן און אויבן, איז פול געווען אַטאָמען.

טויטע אומבאַוועגליכע אַטאָמען זיינען געלעגן אין דער אייביגער רוהיגקייט און שטילקייט. אַלץ איז געווען איין־איינציגער נעפּל, און אין דעם נעפּל איז געלעגן אויסגעשפּרייט בראַהמאַ, דער גאָט פון גאָרנישט, און איז געשלאָפן זיין אייביגן שלאָף.

בראשית — יונג איז נאָך רעמאָלט בראַהמאַ געווען, האָט אים אַ חלום געחלומט.

ז י: וואָס האָט אים געחלומט?

ע ר: ליג רוהיג, רחל. דו שטערסט... וואָס בראַהמאַן האָט געחלומט, דאָס וויים קיינער נישט, אויסער בראַהמאַ אַליין.

... אַ יונגנט־חלום איז דאָס געווען. אין חלום האָט בראַהמאַ געשמייכלט, און די ליפּן זיינע האָבן זיך קוים, קוים באַוועגט.

און די באַוועגונג איז איבערגעגאַנגען פון זייגע ליפּן אויפן נאָ־הענטן אַטאָם, האָט ער אַ ציטער געגעבן און זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ צווייטן אַטאָם.

„מיר לעבן דאָך!“ — האָבן זיי זיך ביידע דערפרייט און האָבן זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד.

פון די צוויי איז פיר געוואָרן: צו די פיר איז צוגעקומען נייע פיר... און גרעסער און פלאַמינגער איז געוואָרן די ערשטע ראָד... די ערשטע זון... און שטיקער האָבן זיך אָפּגעריסן..

זי: אַזוי ווי אין ביכל שטייט...

ער (אומגערולדיג): שטער נישט...

... עס זיינען וועלטן באַשאַפן געוואָרן — שמייכלדיגע וועלטן. אַלע באַשעפענישן פון יענע וועלטן זיינען געווען פריש און ליבליך, ווי אַ יונגנט־שמייכל. מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן זיינען זיי געבוירן געוואָרן, און מיט אַ שמייכל זיינען זיי געשטאָרבן.

און עס צעפלאַקערן זיך וועלטן און קילן אָפּ; דורות שטאַרבן, דורות ווערן געבוירן. באַשעפענישן ווערן פאַרשוואונדן און נייע ווערן באַשאַפן — און לאַנגע יאָרן איז בראַהמאַ געשלאָפן און קיין חלום האָט אים נישט געחלומט.

ביז דער גאָט פון גאָרנישט האָט זיין נאַטור געביטן, און אים האָט ווידער אַ חלום געחלומט: אין שלאָף האָט ער געקושט.

און נייע וועלטן זיינען באַשאַפן געוואָרן, קושנדיגע וועלטן, וועלטן פול ליבע און הייס באַגערן.

זיינע וועלטן פלאַקערן און קילן אָפּ. שאַפן און פאַרניכטן, און בראַהמאַ שלאָפט זיין אייביגן שלאָף.

בייטנדיג זיין נאַטור, האָט ער אַמאָל אין שלאָף אויסגעדריקט זיין ווילן. געקנייטשט דעם שטערן און האָט באַפוילן — און עס זיינען באַשאַפן געוואָרן נייע וועלטן, פול ווילן און ענערגיע.

נאָר אַלט געוואָרן איז בראַהמאַ! אין חלום האָט ער שוין גע־שמייכלט, געקושט, באַפוילן, געשפּאָט, זיך געבייזערט, גערונצלט דעם שטערן: יעדעס נייע געפיל, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין בראַהמאַס האַרץ, האָט נייע וועלטן באַשאַפן, און די נייע האָבן די אַלטע צעשטערט.

איצט איז ער אַלט, דער גאָט פון גאָרנישט. קיין נײַ געפיל ווערט נישט געבוירן אין זיין האַרצן, אים חלומט קיין חלום נישט, און קיין נייע וועלט ווערט נישט באַשאַפן.

איין מאָל גאָר האָט בראַהמאַ געגעניצט פאַר לאַנגווײַליגקייט, איז באַשאַפן געוואָרן אונזער וועלט, אונזער לאַנגווײַליגע וועלט.

נישטאָ קיין לעבעדיג, שאַפנר געפיל — אַלץ לעבט און שטאַרבט מיט אַ געניץ...

— — — — — — — — — —

3.

א שווער דויערנדיג שווייגן. די ליכט-ווענט ציטערן, ווי זיי וואָלטן זיך שרעקן פאַר עפּעס, וואָס איז געשען. עפּעס אַן עלנדקייט ליגט אויף אַלעם. בשעת ער האָט דערציילט, איז די אידייע פאַרשוואונדן ווי אַ שאָטן.

דער שטאָט-זייגער קלינגט עלף.

זי (הויבט אויף דעם קאָפּ און זיפצט): גאָט דו מײַנער!

ער: די מעשה געפעלט דיר נישט? (צו זיך) אַזוי שיין איז דער געדאַנק געווען, איידער איך האָב אים דערציילט, און איך בין אַזוי גליקליך געווען מיט אים.

זי (שלוכצט): גאָט דו מײַנער! אָך!

ער (מיטפילנדיג): איך בעט דיך, רחל, הער אויף... מ׳דאַרף גליקליך זיין. ערשט נישט לאַנג בין איך אַזוי גליקליך געווען מיט אַן אידייע, וואָס האָט זיך געשפּינט אין מיין קאָפּ...

זי (ווי פריהער): ערשט נישט לאַנג... גאָט דו מײַנער! (וויינט).

ער: אָך, רחל, רחל! מיר לעבן ווי נאַראָנים אַלע. גליקליך דאַרף מען זיין אַליין. נאָר אַליין. אין צווייען איז קיין גליק נישטאָ. עס ווערט פאַרשוואַכט, ווי אַ דורכגעטראַכטער געדאַנק, ווי אַן אויסגעזאָגטע אידייע...

א פור פאָרט דורך. די רעדער סקריפּען. א פויער שרייט אַראָפּ פון דער פור: „ע, יונגע, געגוג! שוין שפּעט.“ אַן אויסגעלאַסן געלעכטער פון פיל שטימען ענטפערט פון דער פור.

זי און איך

זיץ דיר אַזוי, מײַן קינד, מײַן קלײנער מלאך!

אָנגעלענט מיט דײַן קאָפּ אויף דײַן רעכטער האַנט, די לינקע פאַרן מויל האַלטנדיק, און קלאַפּנדיק מיט די פינגער איבער דײַנע יונגע, פרישע ליפּן — ווי שײן, ווי רוהיק דו זיצסט, מײַן קינד! זיץ דיר אַזוי און באַטראַכט דעם הימל מיט דײַנע קלאָרע, פרומע און גלויביקע אויגן.

דאָס פענסטער איז הויך. נאָהענט דערבײַ זיצסט דו. דײַנע אויגן קאָנען אַ גאַנצן האַלבן הימל זעהן און ציילן די שטערן, אײנעם נאָכן אַנדערן, ווי זיי קריכן אַרויס פאַרשעמט און פאַרטראַכט פון אונטער דעם גראָען הימל.

די פינסטערניש הילט אײַן די וועלט, די הײַזער פאַראײניקן זיך. די פלומפּ אַפילו אין מיטן מאַרק פאַרלירט זיך אין דעם טריבן נעפּל און זעהט אויס איצט, ווי אַ שוואַרצער פלעק אויף גרוי פּאַפּיר... נאָר זיי הינטן — די אַלטע, באַקאַנטע, קרומע מענשן — באַוועגן זיך נאָך אין דער שטילער שווײַגנדיקער טונקלקייט... וואָס נאָך איז פאַראַן צו זעהן אויף דער טריבער ערד?

אַ האַלבן הימל זעהן דײַנע אויגן — קוק דיך אײַן, און זאָלן זיך דײַנע געדאַנקען, דײַנע קינדרישע רײנע און לײַכטע געדאַנקען, וועבן אײנע אין די אַנדערע אומגעשטערט; לאָזן זיי פליסן, ווי אַ שטילער טײַך איבער אַ זאַמדיגן באָדן! און פאַרשאָלטן זאָל זײַן דער שטײן, וואָס שטייט זיי אין וועג און שטערט זייער הײליגן רוהיגן גאַנג!

מײַן קינד! שעלט איך זיך נישט אַליין? צי בין איך נישט דער שטײן, וואָס מאַכט דיך אומרוהיג, וואָס אָן אים שלאָגן זיך אָן דײַנע געדאַנקען, וואָס שטערן זייער רוהיגן גאַנג?

ווי איז דעם מענשן, וואָס דאָס לעבן האָט אים אויסגעקרימט, ווי איז אים!

שטערט דיר נישט מיין דאַ־זיין אין דער שטוב? קערן זיך דיינע נעראַנקען נישט פון זייער גלייכן וועג, ווען מיין בילד שלאָגט זיך אָן אין דיינע אויגן? פילסטו נישט מיין פאַרשנדינן בליק בלאָנדזשען איבער דיין געזיכט. אַט האָסטו אַ העפטיגן ריר געגעבן מיט דיין האַנט, אַרויפשאַרנדיג די האָר פון דיין שטערן, איז דאָס נישט דער כעס פון דיין פריהערדיג האַרץ קעגן מיר; דער פּראָטעסט פון דיין קינדהייט קעגן אַ דערוואַקסענעם, קרומען מענטשן, וואָס לאָזט דיך נישט קינדיש זיין?

נאָר אָט פאַלט די נאַכט צו. דער הימל ווערט טונקעלער, די שטערן העלער. אָט איז די לבנה אַרויס פון אונטער דעם קעגנ־איבערדיגן דאַך, און פאַרשפּרייט אַרום און אַרום אירע דינע, לייכטע שטראַלן... קוק דיך איין, מיין קינד, און גיב איבער דיין נשמה דעם גרויסן, ברייטן אומבאַוואוסטן הימל, און זאָלן די נעראַנקען געבוירן ווערן איינער נאָך דעם אַנדערן, און מיט אַ ליבן גרוס זאָלן זיי אַוועקפליהען פון דיר, ווי ווייסע טויבן פון טויבן־שלאַק.

טראַכט דיר, טראַכט, מיין קינד!

... „דרייצען יאָר בין איך אַלט געוואָרן... נאָך אַ יאָר צוויי האָב איך אַ חתן... רויטע בעקלאַך, שוואַרצע, געקרייזלטע פאות, אַ שוואַרצע קאַפּאָטע און אַ סאַמעטן היטל, אַ פאַרשעמטער, פאַר־טראַכטער, האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט...

„עס איז גוט צו זיין אַ כלה... „מז״ט״ זאָגט מען מיר... פון הינטן פאַרפלעכט איך מיר די האָר צוזאַמען, פאָרנט פאַרקעמט... אַ היטעלע טו איך מיר אָן און גיי מיר שפּאַצירן, ווי קיינמאָל נאָרנישט...

„מען פאַרבעט דעם חתן צו גאַסט, איך וויל אים נישט אָנקוקן, בשום אופן נישט, און אַנטלויף אין אַנדערן צימער אַריין עקס־טרע...

„דערנאָך — אַ חתונה, מען טאַנצט, איך זיץ מיר אויף מיין אָרט אין אַ ווייס זיידן קלייד...

...„איך ליג אין בעט, איך בין אַ קימפּעטאָרין; די שוויגער קומט אַריין, זאָגט „מז״ט״, איך ענטפער נישט — איך בין שוואַך...

„דערנאָך מאַך איך חתונה קינדער, איך בין אַ שוויגער... אַ באָבע״...

מיין קינד! וואָס ביסטו פּלוצלינג אויפגעשטאַנען פון אָרט? וואָס באַטייט דאָס דער טרויער, וואָס האָט זיך געלעגט אויף דיין געזיכט?

אַ־האַ! דו האָסט דיך דערמאָנט אָן דיין באָבעס טויט פאַר יאָרן! דו האָסט דיך דערמאָנט, אַז מען האָט זי אָנגעטאָן אין ווייסע תכריכים און מען האָט זי אַרויסגעפירט פון שטוב, כדי צו באַהאַלטן אין דער ערד!

איז דאָס דער טויט דורכגעפלויגן דורך דיין קאָפּ? האָט ער דאָס אַ קלאַפּ געגעבן מיט זיינע שוואַרצע פליגלען אין דיין יונגען מח?

אָ! פאַרשאָלטן זאָל ער זיין, דער טויט!

אין צימער איז שוין פינסטער. דו באַהאַלטסט דיין קאָפּ אין דיינע הענט אויפן פענסטער, און איך האָב געהערט אַ זיפץ, אַ זיפץ פון דיין האַרצן, גוט קינד.

קום אַהער נעהענטער צו מיר, קום! פאַרוואָס ווילסטו דען מיר נישט קוקן אין די אויגן אַריין?

קום אַהער, מיר וועלן שפּילן: קלאַפּ מיט דיין קליינער האַנט אויף מיינער... איינס, צוויי, דריי...

אָט האָסטו דיינע אויגן אויפגעהויבן, אונזערע בליקן האָבן זיך געטראָפן — און דו האָסט גיך אַרויסגעכאַפּט דיין האַנט פון מיינער, און ביסט אַנטלאָפן, אָט בין איך אַליין געבליבן, איך און מיין שאָטן; די לאָמפּ ברענט טונקל, דער שאָטן, דוכט זיך, רעדט צו מיר, אָדער איך צו אים:

— ווי איז דיר, דערוואַקסענער מענש, ווי איז דיר! ווי זאָל דיך די קינדהייט קאָנען ליידן, ווי זאָלן קינדער־אויגן קאָנען קוקן אין דיין געזיכט, אין דעם געזיכט, איבער וואָס דאָס לעבן האָט דורכגעפירט זיין אַקער־אייזן און האָט איבערגעלאָזט נאָר קנייטשן, טיפע לאַנגע קנייטשן?!

קום, מיין קינד! האָב מיטלייד! אָט האָב איך אַ גאַנצן בויגן פּאַפּיר אָנגעשריבן, טראַכטנדיג וועגן דיר; נעם אים, מיין קינד, פאַרוויקל אים, מאַך פון אים אַ פּאַפּירענעם טראָמפּייטער און שריי הויך, לוסטיג, קינדיש פריי: „קוקוריקו!“ — וועל איך וויסן, אַז דער בויגן פּאַפּיר איז נישט פאַרפאַלן געוואָרן אָהן נוצן!

ווייל — צי קען דען די בייגקשאַפט צוריקקערן די פאַרגאַנגענע קינדהייט?

אין שטורעם

דער הימל איז ריין, נאָר מאַט אָהן גלאַנץ. די לופט איז געדיכט און שווער און דורכגעברענט, קיין ווינטל באַוועגט זי נישט; אַז איך עטעם איין אָט די לופט, האָב איך דאָס געפיל, ווי איך וואָלט שלינגען עפּעס אַ צעלאָזטע וואַרימע מאַסע. דער קאָפּ איז שווער און אַזאַ מידקייט ליגט אויפן מענשן.

אַ גאַס־רעגן מיט דונערן און בליצן קומט אָן!

איך גיי אַרויס פון וועלדל אויפן פעלד און קוק צו מערב צו, צי דערהויבט זיך שוין פון אָרט די שוואַרצע כמאַרע, וואָס לויערט דאָרטן שטום און בייז?

די זון האָט שוין דורכגעמאַכט דעם גרעסערן טייל פון איר לאַנגען וועג; זי זעהט אויך אויס מאַט און מיר, און האָט עפּעס אַ מאָרנעם געלבליכן גלאַנץ, אַזוי ווי פון אַן אויסגעפּוצטן סאַמאָוואַר, און דאָרטן אויף מערב־זייט וואַרט אויף איר די שוואַרצע כמאַרע, נישט זי רירט זיך פון אָרט, נישט זי איילט זיך. ווי אַ ווילדע משונהדיגע חיה זעהט זי אויס, וואָס וואַרט רוהיג אויף דעם רויב, וואָס זאָל איר קומען גלייך אין מויל אַריין.

איך קער צוריק אין וועלדל אַריין און פאַל אַנידער מיד און דערשלאָגן אויף דער ערד. איך פאַרשטעק מיין געזיכט אין גראָז, און דער קאָפּ איז שווער, שווער, ווי פאַרגליווערט זיינען אַלע געדאַנקען אין מיר געוואָרן.

און אַזוי בין איך געלעגן אַ היפּשע צייט, אַרום איז געווען שטיל. אַ טויב־שטומע וועלט, וואָס וואַרט אויף עפּעס אַ גרויס גע־שעהעניש.

נאָר אָט האָב איך דערהערט אַ געריודער צווישן די צווייגן. עפּעס איז די שיין פון דער זון פאַרשוואונדן געוואָרן, אַ פּנים דאָס גע־וויטער רוקט זיך אָן.

און אַז איך בין צוריק אַרויס אויפן פעלד, איז דער הימל האַלב

שוין געווען באַצווינגן מיט דער כמאַרע; פאַראויס האָבן זיך געטראָגן לייכט און פלינק, ווי רייטער פאַר אַ שווערער מחנה, קליינע גראָע און העלע וואָלקנדלאַך. נאָך זיי האָט זיך שווער און לאַנגזאַם גע־רוקט די כמאַרע.

און פון דער ווייטן האָט זיך געהערט אַ שטילער דונער, ווי מען וואָלט ערגעץ אויף אַ בוידעם געקאָלערט קליינע שטיינער.

די לופט איז געוואָרן נאָך שווערער. אין דעם דערבייאיגן וועלדל איז אַלץ נאָך שטיל, די צווייגן רירן זיך נישט, נאָר אַ געזשומעריי פון פייגלען מאַכט פול די לופט, אַלע ווילע שפּאַלט אַזאַ פויגל דורך די שווערע לופט מיט זיינע פליגלען און אײַלט, אײַלט צו דער נעסט, באַהאַלטן זיך פון שטורעם.

צייט אויך צו זוכן ערגעץ אַן אָרט, וואו זיך צו באַהאַלטן.

איך לויף אין דעם שטעטל אַריין.

און די כמאַרע רוקט זיך, רוקט זיך שוואַרץ און געדיכט. בליצן שלענגלען זיך אין איר, און פּלוצלינג האָט אַ ווינט אַ בלאָז געטאָן העפטיג און בייז, דער וואַלד האָט אָנגעהויבן רוישן, די בוימער בויגן די קעפּ; פאַר מיר, אויפן וועג, דערהויבט דער ווינט מאַסן זאַמד און יאָגט זיי אין דער לופט.

און ווידער איז אַ רגע אַלץ שטיל געבליבן, אין ערוואַרטונג. נאָר די כמאַרע רוקט זיך אַלץ, און די פייערדיגע שלאַנגען טאַנצן אויבן.

און מיט איין מאָל איז מיר ליכטיג געוואָרן אין די אויגן, אַ שטאַרקער דונער האָט זיך געלאָזט הערן, און באַלד האָט די כמאַרע אויסגעבראָכן, אַ גאָס־רעגן האָט גענומען גיין.

דורכגעווייקט איינגאַנצן בין איך אָנגעקומען אין בית־המדרש אַריין און געטראָפן צו מנחה.

איך בין דעמאָלט גראָד אַזוי ווייט געווען פון יידישקייט, פון בית־המדרש, פון מנחה, עס איז געווען גראָד די צייט, ווען איך האָב געהאַלטן אין איין לויפן פון דעם אַלטן שימל פון דורות...

דאָ דאַווענען יידן די שטילע שמונה־עשרה.

אין דרויסן גיסט דער הימל ווי מיט עמערס, און דער חזן הויבט אָן:

„ברוך אתה ה' אלהינו"...

אַלטע באַקאַנטע ווערטער.

אין דרויסן יאָגט אַ בליץ דעם צווייטן, און די דונערן שלאָגן געוואַלדיג... דאָס גאַנצע קליינע בית־המדרשל ציטערט. און דער חזן ראַוונט זיך די שמונה־עשרה מיט זיין אומעטיגער שטימע, וואָס לאָזט זיך אַרום הערן אַזוי גלייך און זיכער, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

און עפּעס באַהאַלטענע געפילן דערוועקן זיך אין מיר. מיר דוכט זיך, אַז אָט די גלייכע, רוהיגע און טיף־אומעטיגע שטימע ציהט זיך אַזוי דורך דורות שוין טויזנטער יאָרן. אַרום בליצט און דונערט און שטורעמט, אַלץ ציטערט, באַהאַלט זיך. זוכט ערגעץ אַ נעסט, און ער, דער „ברוך אַתּה", גייט זיך רוהיג זיין וועג דורך זיי, ציהט זיך און ציהט זיך אָהן אויפהער...

„מלך עוזר ומושיע ומגן"...

זאָגט זיך דאָרט פאַרן באַלעמער אַ קליין יידל, אָנגעטאָן אין אַ שמוציגן טלית, און ער זאָגט די ווערטער אַרויס פּאַמעליך, איינס נאָכן צווייטן, אַזוי ווי ער וואָלט ציילן גאָלד־שטיקער.

טר! טררר!

אַ קנאַל האָט געגעבן, און דער דונער האָט פאַרטויבט דעם חזנס קול. אַ בייזציטערניש איז דורכגעלאָפן אַלעמען, די אויגן האָבן אַ סעקונדע געגלאָצט מיט שרעק.

און נאָך קויקלט זיך דער דונער, און פון גערויש שווימט שוין אַרויס די שטימע פון דעם קליינעם יידל אין שמוציגן טלית:

„אתה גבור לעולם ה'...

און אַן אומעט, אַן אומבאַשרייבליכער, איז אָנגעפאַלן אויף מיר. און איך האָב מיך טיף פאַרטראַכט.

„קדושה!" האָט מיך אַ ייד גערירט פאַרן אַקסל. און ער האָט געקוקט אויף מיר בייז, ווי אויף אַ שונא עפּעס, וואָס האָט זיך אַריינגערוקט אין זיין רשות.

הייליג, הייליג, הייליג איז דער גאָט צבאות, די גאַנצע וועלט איז פול זיין כבוד — האָבן מיינע ליפּן מיטגעלויבט גאָט.

און אין דרויסן האָבן דונערן געקנאַלט, און דער גאָס־רעגן האָט געשלאָגן אויפן דאַך און אויף די שויבן.

לידער

די פאַרלאָזטע כּלה

(פאָלקסמאָטיוו)

1.

בּרעטלאַך קויף איך מיר פאַר געלט,
שלאָג איך זיי צוזאַמען,
בּוי איך מיר אַ שיפעלע
צו פאָרן איבּער ים׳ען.

לאָז איך מיך אין וועג אַריין,
אינם וועג אין ווייטן;
שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויף,
אַ לאַנגען און אַ בּרייטן.

שפּרייט איך מיר אַ זעגל אויף,
בּלאָזט אים אויף דער ווינט. —
ווינט, דו ווינט, מיין שיפל טראָג
צו יענעם בּרעג געשווינד.

אויפן בּרעג פון גרויסן ים
איז אַ שטאָט פאַראַן,
גייט זיך דאָרט שפּאַצירנדיג
אַ בּלאָנדער יונגערמאַן.

רעדט און שמייכלט חנעוודיג,
לאַכט און זינגט אַ ליד...
[illegible]ייכט ער כאָטש, אוי, פילט ער כאָטש
מיין האַרץ, מיין שווער געמיט?!

2.

צווישן טאָג און נאַכט ביים ברעג
בלייבט מיין שיפל שטיין;
ווען איך אים שפּאַצירן דאָרטן
מיט אַ מיידל גיין.

האָט ער מיך דערזעהן און שרייט:
„רחל׳ע, רו־מיין!“
לויפט ער צו און שפּרינגט צו מיר
אין שיפעלע אַריין.

קושט ער מיך און האַלזט ער מיך,
נעמט ער מיך אַרום...
פּלוצלינג לויפט דאָס מיידל צו
און קערט מיין שיפל אום!

פאַלן מיר אין ים אַריין,
שלינגט אַ פיש אונז איין...
שווימט אַוועק מיין שיפעלע
טרויעריג, אַליין.

שווימען שווימט עס טאָג און נאַכט,
בייזע ווינטן יאָגן...
ווער עס וועט מיין שיפל טרעפן,
זאָל ער קדיש זאָגן.

* * *

אשא עיני אל ההרים וכו׳
(תהלים קכ״א)

טרויעריג שטיי איך אין דעם טאָל,
וואו באַגראָבן ליגט מיין גליק.
אויף די הויכע ווילדע בערגער
פאַלט מיין טריבער שווערער בליק.

וואו אַהין, אוי, זאָגט מיר בערגנער,
פליסט מיין לעבן טרויעריג, שטיל?
אוי, די הויכע פעלזן, זאָגט מיר,
וואָס איך האָב און וואָס איך וויל?

און עס גלאָצן שטום די פעלזן
צו דעם הימל, ווי פאַרקלערט,
אוי, זיי קלערן טיף און טראַכטן,
וועגן תכלית פון דער ערד! —

אַ תפלה

באַלייכט מיין נשמה, דו אייביג ליכט,
און לאָז זי נישט אויסגיין אין חשך אין שווערן,
וואָס האָט זיך צעלייגט אַזוי שוואַרץ און געדיכט,
און האָט אויסגעלאָשן אין הימל די שטערן.

ווי שווער איז מיין מזל! נאָר וואַנדלען און גיין
אָהן ליכט און אָהן וועג, אָהן אַ הימל און שטערן
מלחמה צו האַלטן מיט זיך נאָר אַליין,
נישט זינגן און קיינמאָל באַזיגט נישט צו ווערן.

ווי דאָרשט און ווי שטרעבט מיין נשמה אין מיר
אַ ליכט צו דערזעהן און די פליגלען צעשפרייטן!
איין איינציגן שטראַל טו איך בעטן ביי דיר,
די ליכטיגע זון פון די פינסטערע צייטן!

עס בלייכט אויפן הימל מיין שטערן
און בלאָנדזשעט, ווי איך אויף דער ערד.
אָ, פרעג מיך ניט — ווינקט ער מיר טרויעריג,
איך וויים ניט — וואָס דיר איז באַשערט.

ווילסט וויסן, וואו ס'טראָגט דיך דיין מזל?
דו זעהסט דאָך, איך בלאָנדזשע אליין:
אוי, טונקל איז היינט אין די הימלען,
נישטאָ מער די געטליכע שיין!

מיר בלאָנדזשען, ווי שאָף אָהן אַ פּאַסטוך,
אין אייבּיגן וועלטאַל אַרום...
אַך, פרעג ניט קיין שאַלות, מיין קינד,
עס בלאָנדזשעט היינט אַלץ אומעטום!

---

* *
*

מיר ברייננט נישט קיין רוה
די פינסטערע נאַכט;
איך שטיי ביי דעם טייכל,
איך שטיי און איך טראַכט...

עס ציהט זיך דאָס טייכל,
נעדרייט ווי אַ שלאַנג,
און פליסט זיך און גייט זיך
זיין אייבּיגן גאַנג.

עס מורמלען די וועלן
און טאַנצן אַוועק...
עס ציהט זיך דאָס טייכל,
איך שטיי און איך טראַכט.

עס שלאָפט ניט דער שטן,
ער כּשפט און רופט...
אַ ווילדער בית־עלמן
ערשיינט אין דער לופט.

עס שטייען די בוימער
גערוויקערט און קרום,
עס בלאָנדזשען פאַרדאַרטע
סקעלעטן אַרום.

און פּלוצלינג, מיר דוכט זיך,
איך האָב זיי דערקענט:
זיי האָב איך באַגראָבן
מיט אייגענע הענט...
— — — — — — — — —

* *
*

גו, קום שוין, פאַרלאָז שוין דיין צוכטהויז,
געפאַנגענעס קינד,
איך אייל אין מיין וועג, דאָך באַפרייען
דיך וויל איך אַצינד.

און קורץ איז מיין לעבן! ווי שאָטן
פאַרשוואונדן די טעג;
און יאָרן פאַרפליהען ווי וואָלקנס,
און ווייט איז מיין וועג.

און וויסט און מיט דערנער באַוואַקסן...
דאָך שרעק דיך נישט — קום!
און וויקל די הענטעלאַך דיינע
אָן האַלז מיר אַרום!

איך טראָג דיך מיט אָפענע אויגן,
מיט מעכטיגע הענט,
וואָס ברעכן, ווי שאַרבן, די ריזיגע
מויערן און ווענט.

עס טרינקט זיך און זינגט דיין נשמה
אין קאָמפּאָרט, אין פּוץ!
נישט דאָ איז דיין אָרט, וואו עס בלאַנקט
און עס שפּיגלט — דער שמוץ.

נישט דאָ איז דיין אָרט! אָ, דו האָסט נאָר
פאַרבלאָנדזשעט צו זיי!
נו, קום שוין און זאָל שוין דיין ברוסט
באַוועגן זיך פריי!

אוי ווײ און כאַ־כאַ־כאַ, אוי־אוי
(קופּלעטן)

1.

אַ שאָטן איז דעם מענטשנס לעבן,
אוי יאָ! עס איז אַזוי.
ער יאָגט דאָס גליק און טרעפט דאַנעבן
און יאָגט און פאַלט. אוי־אוי!
כאַ־כאַ! ער יאָגט און לויפט!
אוי־ווײ! דאָס גליק אַנטלויפט!
די צייט
פאַרגייט;
אַליין
בלייבט שטיין
דער מענטש און זעהט: דער קאָפּ איז גרוי!
ער פרעגט ערשטוינט: „וואו איז דער ציל?"
און לאַכט מיט גאַל: „דער סוף פון שפּיל!"
אוי־ווײ און כאַ־כאַ־כאַ, אוי־אוי!

2.

די וועלט איז נאַריש און פאַרדאָרבן, —
אוי יאָ! עס איז אַזוי.
זי האָט פיל האָב און גוטס ערוואָרבן
און נויט — נאָך מער, אוי־אוי!
כאַ־כאַ! דאָס געלט באַגליקט!
אוי־וויי! די נויט דערשטיקט!
איך שעלט
די וועלט
מיט האַק
און פאַק
און טראַכט דערביי מיר שטיל אַזוי:
און שלאָגט די וועלט זיך קאָפּ אין וואַנט
בלייב רוהיג, האַרץ! זיי קלאָר, פאַרשטאַנד־
אוי־וויי און כאַ־כאַ־כאַ, אוי־אוי.

3.

מיין מיידל איז אַ ליד פון לידער —
אוי יאָ! עס איז אַזוי.
אַ קרוין אַ קאָפּ, געטאָקטע גלידער
און אויגן צוויי — אוי־אוי!
כאַ־כאַ! זי לאַכט און שטיפט!
אוי־וויי! זי בייסט מיט גיפט!
איר בליק
גיט גליק,
זי קושט —
דערפרישט,
איר מילדקייט איז פריהמאָרגן טוי —
דאָך שפילט זי איצט אויף יענעמס שוים!
זיי רוהיג, האַרץ, און לאַך דיך אויס!
אוי־וויי און כאַ־כאַ־כאַ, אוי־אוי!

פון מיכה ו׳

עס ציטערן טורעמס און ווערן צעשטערט,
עס וואַקלט זיך שכּור די זינדיגע ערד.
און איר, אָ, צופרידענע, רוהיגע לייט,
פאַרטאַנצט און פאַרהוליעט די ביטערע צייט!
און זעהט ניט, וואָס ס׳טוט זיך, און ווייסט ניט, וואָס שאַפט
אויף מאָרגן די רויע, די אייזערנע קראַפט;
און ליגט אייך באַרוהיגט אויף בעטן פון ביין,
ערוואַכט נאָר צום פרעסן, צום זויפן דעם ווײַן.
אויף האַרפן, ווי דוד, פאַרשאַפט איר אייך פיל
די צייט צו פאַרטרייבן אין לוסטיגן שפּיל.
נאָר טאַנצן, נאָר הוליען, נאָר זויפן און פרעסן,
און פרעמדן, און אייגענעם לעבן פאַרגעסן!

„נישט צו שטראָפן אייך האָט
„מיך געשיקט אונזער גאָט! —
„אייך וועט טרעפן זיין שטראָף,
„ווי אַ דונער אין שלאָף...
„נאָר באַפוילן מיר האָט
„דער אַלמעכטיגער גאָט:
„אייך אין פּנים צו שפּייען,
„אין די נאַסן צו שרייען:
„אוי, איך האַס און פאַראַכט
אייער לעבן און פראַכט!...

דער נביא

העם ההולכים בחשך

און זאָל דער וואָלקן זיין ווי דיק,
דאָך שניידט אים דורך מיין שאַרפער בליק.
און ווען דער עולם זאָגט: „ס׳איז נאַכט"
און ליגט פאַרחשכט און פאַרשמאַכט,

ראַן זעה איך גיין אין הימל פריי
די ליבע זון. און וועק און שריי:
ס'איז טאָג! אַ וואָלקן נאָר פאַרשטעלט
די זיסע ליכט פון אייער וועלט.
עס בלאָזט אַ ווינט. איך ווייס, איך הער:
קוים קומט דער שטורעם נאָר אַהער,
צערייסט ער באַלד די שוואַרצע דעק
און טראָגט די וואָלקנס ווייט אַוועק.
ראָס בלינדע פאָלק! אַ העלע ליכט
באַשיינט מיין וועג און מיין געזיכט...

---

* *
*

און עס ציהט מיך, און עס רייסט מיך
צו דעם טריבן, גרויען וואַלד,
וואו די אַלטע בוימער רויש̈ן,
וואו די לופט איז שטאַרק און קאַלט.

ווי דער שטורעם, וויל איך לויפן
פריי און ווילד און אומגעשטערט,
אַלע פוילע, דאַרע בוימער
רייס איך גרוויזאַם פון דער ערד.

אָהן רחמנות קער איך איבער
אַלץ, וואָס איז פאַרפוילט און אַלט;
בליהען זאָל און וואַקסן הויך
אַ געזונטער פרישער וואַלד!

---

* *
*

איך קאָן אַ מיידל זעהר אַ שיינס,
איך זיץ בײַ איר גאָר גערן:
זי האָט אַ לאַנגען שוואַרצן צאָפּ,
אַ שמאָלן גלאַטן שטערן.

אַ מויל אַ קליינס, אַ פרישס, אַ רויטס,
וואָס עפנט זיך גאַנץ אָפּט;
צוויי ברוסטן קליינע, און אַ האַרץ,
וואָס ציטערט און האָפּט.

בײַ איר אין שטוב איז אויפגערוימט,
ראָס בעט איז צוגעבעט...
מיר זיצן, ריירן שעהן־לאַנג —
איך וויים נישט, וואָס מען רעדט.

די ליפּן אירע רירן זיך...
וואָס האָט מאַרי געזאָגט? —
— היינט האָט די מאַמע אונזער דינסט
פון שטוב אַרויסגעיאָגט.

— אַזוי? די דינסט? — פאַרטראַכט איך זיך —
אוי־וואַ! אַ מאָרגע זאַך...
איך וואָלט די ליפּן אויסגעקושט,
און זיץ און רייד און לאַך.

אי, דרויסן פאַלט די נאַכט שוין צו.
— וואָס האָט איר אייך פאַרטראַכט?
איך כאַפּ מיך אויף: וואו בין איך רען?
און זאָג: אַ גוטע נאַכט.

---

* *
*

קאָן איך דען פאַרשטיין,
וואָס עס איז מיט מיר,
אַז מיין שטאָלצן קאָפּ
בויג איך איין פאַר דיר?

קאָן איך דען פאַרשטיין,
וואָס ביי דיר דערוועקט
מיין פאַרליבטער בליק,
ווען ער בעט און פרעגט?

רירט ער שטיל דיין האַרץ
אָדער שרעקט ער דיך?
האָסט דו מיטלייד, קינד,
און באַרויערסט מיך?

אָדער לאַכסט דו נאַר
קינדיש, ווילד און פריי? —
— — — — — — — — — — — —
זיי געזונט, מיין קינד,
כ'ליב דיך סיי־ווי־סיי.

אַ וויג־לידל

ס'לויפן, ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקנס,
ס'פייפט און ברומט דער ווינט —
פון סיביריען שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס מיין קינד!

נאָר דער ווינט, ער ברייננגט אונז גרוסן
פון דעם קאַלטן לאַנד;
דאָרטן שטייט ער, אַ לאָפּאַטע
האַלט ער אין דער האַנט.

און ער גראָבט אַלץ טיפער, טיפער,
וואַרפט די ערד אַרויס,
ניט געזאָרגט דאָך! פאַרן שקר
גראָבט ער קברים אויס.

ניט דער ערשטער, ניט דער לעצטער
פאַלט ער אויפן פעלד!
זאָרג ניט, קינד מיינס, ריך געבוירן
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן,
שלאָף זשע, שלאָף אַצינד;
זאַמל כחות פאַר דער צוקונפט,
זאַמל, איינציג קינד!

וואָרום
(פון היינע)

וואָרום זיינען די רויזן פאַרטרויערט און בלאַס,
צי ווייסט דו נישט, ליבסטע, פאַרוואָס?
וואָרום זיינען די פיילכלאַך מיט ציטריגע טרערן
און טוליען די קעפּלאַך אין גראָז?

וואָרום ביים ליכטיגסטן שיין פונם זומער
זינגען טרויעריג די פויגלען אַזוי?
וואָרום שטייען אין טרויער די בוימער,
איינגעהילט אין אַ בלוויליכן טוי?

וואָרום איז מיר דער ליכטיגער שטראַל
אַזוי מאַט, אַזוי טונקל געוואָרן,
אַז עס רוכט זיך: די אָרימע וועלט
איז צו אַנגסט נאָר און בײַנקשאַפט געבוירן?

וואָרום קלעמט מיר דאָס האַרץ אָהן אַן אויפהער,
וואָרום פריר איך אין פרילינג פאַר פראָסט?
אָ, זאָג מיר, מיין ליבסטע, וואָרום דען, וואָרום
האָסט דו מיך פאַרגעסן, פאַרלאָזט?

האַפיס*)

(אויסגעוויילטע לידער)

1.

וואָס מיין האַרץ טוט מונטער קלאַפּן?
וואָס דאָס זאָל באַדייטן?
יאָ, עס ליבט דער אַלטער האַפיס
היינט נאָך, ווי פאַר צייטן.

וואָס שולמית**) אויגן גליען?
ס'איז אַ שאַנד פאַר לייטן! —
האַפיס איז געליבט, דער אַלטער,
היינט נאָך, ווי פאַר צייטן.

---

*) האַפיס, דער גרעסטער פּערסישער דיכטער, האָט געלעבט פאַר 600 יאָר. זיין אייגנטליכער נאָמען איז מוכאַמעד־שעמס־עדין (זון פון גלויבן). האַפיס (דער באַוואָרער) איז אַ טיטל, אַ צונאָמען; מ'מיינט דערמיט דעם באַוואָרער פון קאָראַן, וואָס איז אַ בקי אין אים און געדיינקט די מושלומאַנישע תורה אויסווייניג. האַפיס האָט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין אַ קלויסטער, צווישן דערווישן (פּערסישע מאָנאַכן), און נאָך היינט ווערט ער גערעכנט צווישן די הייליגע פון מאַהאָמעדס גלויבן. זיינע לידער אָבער באַווייזן, אַז ער האָט געטראָגן אַ טיפן האַס אין האַרצן צו די פרומע און הייליגע. ער האָט ליב געהאַט און האָט באַזונגען מיט אַנטציקונג דאָס לעבעדיגע לעבן. עס רעדט פון זיינע לידער שפּאָט און פאַראַכטונג צו די פאַרדרייטע קעפּ, וואָס האָבן פון גאָטס שיינער וועלט געמאַכט אַ וויסטעניש און אַ אָפּקומעניש.

מיט זיינע לידער איז געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט אונזער שיר־השירים. די פרומע און הייליגע האָבן די לידער באַוואָרט, האָבן זיי פאַרהייליגט, נאָך דעם ווי מען האָט זיי אויסגעלייגט און אויסגעטייטשט. האַפיסעס ליבע־לידער זיינען געוואָרן משלים אויף טעאָלאָגישע גריבלערייען. מען האָט אין זיי געפונען אַלץ מעגליכע, אויסער, פאַרשטייט זיך, זייער דיכטערישער וואָרהייט.

די איבערזעצונג איז געמאַכט לויט דער דייטשער זאַמלונג פון בוימער און פּרעטענדירט ניט אויף גענויאיגקייט. עס איז מיר געלעגן דעריך, איבערצוגעבן האַפיסעס דיכטערישע פיזיאָנאָמיע, און צו באַקענען דעם לעזער מיט איינעם פון די גרעסטע וועלט־ליריקער.

**) דער נאָמען שולמית שטאַמט פון פּערסישן דיכטער, וואָס האָט זיך, קענטיג, באַניצט מיט דעם ביבלישן נאָמען.

„ביסט שוין גרוי און אַלט געהאָרן,
ס׳קומט דער טויט צום גרייטן!“ —
יונג איז דאָך מיין האַרץ דאָס הייסע
היינט נאָך, ווי פאַר צייטן.

רופט דער טרויער־גלאָק מיך גיין,
אינעם וועג, אין ווייטן, —
כ׳גיי און זינג און קוש מיט פייער
היינט נאָך, ווי פאַר צייטן.

2.

און האָט דער טריבער קלויסטער
קיין רוהע אונז געבראַכט, —
טאָ קומט צום שיינק איצט, ברידער,
און זינגט און טרינקט און לאַכט!

3.

איך בין ווי יענץ באַשעפעניש
סלמנדרא: — כ׳לעב אין פייער.
און נאָר דאָס פייער,
דאָס הייסע, הייסע,
איז מיר טייער;
און נאָר אין פלאַמען,
וואָס בריען, גליען, ברענען,
בין איך ביי זיך,
ביי מיר צו הויז, —
איז מיך צו קענען.

4.

װילסט דו, שײנע, מיט אַמאָל
אונז װײזן אײביג לעבן,
באַפעל דעם מזרח־װינט
דײן שלײער אױפצוהױבן.

5.

דער שטאַרקער, גרױסער גאָט
פון אונזער בירנער װעלט
האָט אײנגעפלאַנצט דײן גײסט
אין ערדישן געצעלט.

אומזיסט דאָס רײסן זיך,
דאָס שפּרינגען פון דער הױט;
אַנטרינען װעסט דו ניט
פון ערדישן געצעלט.

געבענשט זאָל זײן דײן האַרץ!
און זאָרג ניט װעגן זינר,
װאָס שפּראָצט און װאַקסט מיט דיר
אין ערדישן געצעלט.

און גלױב: די ערגסטע זינד —
און מאַטערן דאָס האַרץ,
און שטענדיג רײסן זיך
פון ערדישן געצעלט.

6.

איך פיל קײן לוסט ניט מער, —
װער האָט זי צונענומען?
איך זעה קײן זון ניט מער, —
װאו איז זי הינגעקומען?

פון פרישן פרילינגס־הויך
איז מער קיין שפור געבליבן,
פאַרגיפטעט איז די לופט,
פאַרוועלקט — די שיינע בלומען.

עס שווייגט די נאַכטיגאַל,
און שטאַר און וועלק איז אַלצדינג,
אָהן ליבע איז די וועלט,
און נאָר די בייזע ברומען,

נאָר קראָען שרייען ווילד, —
גאָטס גנאָד איז אויסגעראָטן — —
אָט איז אַ וועלט פאַר זיי,
פאַר זייער גייסט דעם פרומען!

7.

אַך, יענע בלאָע קלויסטער־העלדן,
זיי קוקן גאַלינג־בייז אויף מיר,
איך לאַך פון זיי, פון זייער שעלטן,
און קני און בעט, מיין קינד, פאַר דיר.

8.

ניט קומט צו מיין לויה
מיט טרערן און געוויין,
קומט מיט בעכער!
קומט מיט וויין!
קומט מיט לוסט!

מיט לידער,
שיינע, פריילעכע,
פון דער פולער ברוסט
און זינגט און טרינקט:
פון אָרון דערהויב איך מיין גרייז־גראָען קאָפּ
און הוליע מיט אייך מיט, פאַרכאַפּט אין גאַלאָפּ,
אין ווילדן טאַנץ
פון טויט און לעבן.

9.

דו גייסט אויף מיר, אָ, ראָד פון הימל,
ניט הערן הייסטו קלאָגן מיך,
ווי קנעכט דערשלאָגענע געדריקטע,
פון נויט געשטיקטע!
איך גיי אויף דיר, אָ, ראָד פון הימל,
דער ריז ער וועט צעשלאָגן דיך.

10.

אָט איז אַ טיפער ענין,
אַ קשיאָ, ניט פון אָרט צו רירן;
וואָס איז שולמית טאַליע? —
אַ גאָרניט קאָן מען זאָגן,
אַזוי דין און פיין און לייכט
און עפּעס איז זי ראָך?
קאָנטראַסטן צווי, אַ „יאָ“ צוזאַם מיט „ניין“,
ווי איז דאָס מעגליך?
ווי קאָן דאָס זיין? —
פאַרשטאַנד, פאַרשטאַנד, דו מיין,
דו קלער און טראַכט דעריבער!

10*

11.

וואָס שאַרלאַטאַנען ראָטן דיר,
ניט הער, אָ קראַנקע וועלט!
דו נויג דיין אויער צו האַפיסן,
זיין וואָרט איז פעסטגעשטעלט.

צעבּרעך די קייטן, רייס די שטריק
און לאָז די ליבּע פריי:
דאָס איז אַ מיטל אויסגעפּרובּט
צו שמערצן אַלערליי.

12.

פאַר מיר איז נאָך אַ צווייפל.
ווער ווערט איז מער, ווער מינדערווערט,
איך האָבּ געזעהן טייוולאָנים,
וואָס רייטן אויפן טוגנט־פערד.

און זאָנגדיג דעם אמת,
און אַלץ בּאַטראַכטנדיג געניי:
פאַרדאָרבּנקייט און טוגנט —
אַלץ איינס! עס רעדט זיך נאָר אַזוי.

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע

אַלע ווערק פון

שלום אַש

22 ביכער אין 19 בענדער

1. א שטעטל, ר' שלמה נגיד
2. בילדער און הומאָרעסקן
3. הימל און ערד
4. אַמעריקע
5. צוויי וועלטן
6. דאָס בוך פון צער
7. ארץ-ישראל
8. מערי
9. דער וועג צו זיך
10. אנקל מאָזעס
11. מאָטקע גנב
12. כשופמאַכערין פון קאַסטיליע, קדוש השם
13. גייע דערציילונגען
14. די מוטער
15. ביבלישע מאָטיוון
16. סאָציאַלע דראַמען
17. נאַציאָנאַלע דראַמען
18. די יורשים, מיטן שטראָם, דער זינדיקער, אַ־ם ווינטער, מאַראַנען
19. טויט - אורטייל, מיין רייזע איבער שפאַניען

פאַרלאַג „קולטור-ליגע", ווארשע